STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03003

IN VINT FUN ZIKORN

Chanan Kiel

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חנן קיעל

אין ווינט פון זכרון

לידער און עסייען

CHANAN KIEL

On Winds of Memory
In Vint fun Zikorn

Collected Poems and Essays

שער-בלאַט פֿון חנן קיעל

•

Copyripht 1990 — תש״נ
by
Chanan Kiel

42-51 Saull Street
Flushing, N.Y. 11355

ארויסגעגעבן פֿון דער
צענטראַלער שול-פֿאַרוואַלטונג
בײַם אַרבעטער-רינג, ניו יאָרק
45 E. 33 St., New York, N.Y. 10016

Printed in the U.S.A.

מײַן טײַערע — ליזאַ,
אונדזערע קינדער און אייניקלעך

דאָס בוך דערשיינט מיט דער מיטהילף פֿון דער
טשענסטאָכאָווער סאָסייעטי אין ניו־יאָרק,
טשענסטאָכאָווער סאָשל־קלוב אין מיאַמי־ביטש,
קרובים און פֿרײַנט
און דער בילדונג־אָפּטייל פֿון אַרבעטער־רינג

פוילישע ווערבעס

אין ווינט פֿון זכרון

אויף די ווערבעס פוילישע
וויינען פֿידלען פֿון נעכטיקע יאָרן,
ניגונים פֿון חתונות, אָפּגעראַטעוועטע,
פֿלאַטערן אין ווינט פֿון זכרון.

נעכט גראָבן אויס דאָס חלום־געררייד
פֿון מײַן זמירות׳דיקן לשון,
אין די מרחקים
וואָס פּאָעטן האָבן פֿאַרזייט.

אין בלוי־אָדערדיקע פולסן
ריזלען נאָך אונדזערע צאַפּלדיקע
יונגע רעוואָלטן
וואָס מיר האָבן אין פּיין פֿאַרשאָלטן.

אויף שקיעה׳דיקע פֿאַליעס
שווימען מײַנע נעכטיקע יאָרן —
ווײַסע שוואַנען,
נאָר ס׳וויינען די פֿידלען
און די ווערבעס פוילישע וויאַנען.

מישנדיק צוריק די בלעטער

דער קאַשטאַן־בוים פֿון ווײַטע יונגל־יאָרן
האָט קיין מאָל ניט פֿאַרבליט אין מײַן זכּרון.

אין וואָגל־פֿרעמד ביז הײַנט כ׳האָב ניט פֿאַרגעסן
מײַן יונג־צעפֿרילינגט מײדל אין אַ פֿאַרלוירן געסל.

אויף אַלע פּלאָנטערוועגן צווייפֿלדיק, פֿאַרווירט,
אַ פֿאַרליבטן האָט דער גורל מיך געפֿירט.

מײַנע פֿליגל צאַנקנדיקע אין די בלויען
רײַסן זיך נאָך הײַנט ווי אין ערשטן פֿלי־נסיון

נאָר די פֿליגל זענען אײַנגעשרומפּן, וואַקלדיק — די קני,
ס׳קומט ניט מער צוריק דער נס פֿון יענעם ערבֿ־פֿלי.

דער בלאָנדזשענדיקער נס פֿון אַ פֿאַרגעסענער מוזיק,
בלעטער, אָסיענדיק — צעווייקטע, ווען איך מיש צוריק.

ווי אַן אַלט־גענייטער פּאַסטעך טרײַב איך מײַנע טעג
דורשטיקע אַהין צום אונטיק־געגאַרטן ברעג.

און בײַם שקיעהדיקן ראַנד פֿון מײַן פֿאַרשווינד
וועלן שטאַרן מײַנע אויגן פֿאַרוואונדערט ווי אַ קינד.

מײַן יונגער טאַטע

דער טאַטע האָט מיך געפֿירט בײַ דער האַנט,
געשפּרײַזט מיט גרויסע טריט אַרײַן אין דער נאַכט.
צווײ שאָטנס אויפֿן וואַנט
האָבן אונדז נאָכגעשפּאַנט.
די לבֿנה אין מײַן חלום האָט אַרײַנגעלאַכט.

— טאַטעשי, לויף ניט אַזוי גיך,
איך קען ניט דעריאָגן;
— מײַן קינד, האַלט זיך נאָך אַ ביסל,
ס'וועט באַלד אָנהייבן טאָגן.

מײַן יונגער טאַטע לויפֿט אַלץ נאָך פֿאָרויס
מיט נאַכטיקע שפּרײַזן
און איך, אַלט און דערשלאָגן,
לויף אים נאָך און קען ניט דעריאָגן.

ווי לאַנג

מײַן טאַטנס תּפֿילהדיקע אויגן —
אויסגעלאָשענע אין יאָמער־טאָל;
דער הימל גליט ניט מער אויף זײַנע האָר
מיט אײַנגערעדטער טרייסט.

אויפֿן שטיין, זײַן קאָפּ אין שויס פֿאַרנורעט
ער ווישט דעם קאַלטן שווייס.

אין פּיין געטליתט,
אַ שאָטן אין מאַרטירער־הויף
באַגלייט זײַן פּליט־קינד
אין צעשראָקענעם אַנטלויף.

אַ פֿאַראָבלטער
איך גלעט זײַן קלוגן שטערן:
ווי לאַנג,
ווי לאַנג, טאַטעניו,
וועל איך טרינקען אַנגסטיק דײַנע טרערן.

אין בלויען ווינט

מײַן קליינע מאַמע אין וואַגאָן —
פֿון אָסיענדיקן בוים אַן אָפּגעריסן בלעטל
פֿלאַטערט מיר אין בלויען ווינט.

אין ווינקל אײַנגענורעט,
אַ יונג פֿאַרוויאַנעט מאַמע־קינד
מיט צאַנקנדיקע אויגן
לוליעט אירע טויבן צאַרטע,
נאָר איך אַליין מיט פֿליגל אָפּגעדאַרטע
בין שוין אָפּגעפֿלויגן.

אין פֿיבערשלאָף
פֿליסטערן מײַן מאַמעס ציטערדיקע הענט,
איר פּחד — אין מײַן חלום אײַנגעוויגט,
אַן אָוונטיק פֿאַרלאָשן ליד.

מײַן קליינע מאַמע אין פֿאַרטשאַדעטן וואַגאָן
— אַן אויסגעבלאָזן ליכט. גאָטס טרערן —
רעגן־שפּריי אויף איר געזיכט.

אין אַלע וואָגל־נעכט
דײַן אַליינקײַט אין וואַגאָן האָט מיר נאָכגעצויגן,
אויפֿן גראָז פֿון מײַנע אָפּגעוועלקטע טעג
פֿאַלט דער טוי פֿון דײַנע אויגן.

מײַן זיידנס פּייקע

דער פֿישער־קאַסטן אויפֿן טײַך
וויגט מײַן זיידן, ר׳ מענדל,
פֿון זײַן פּײַקע קנוילט זיך אַ פֿאַרקאָפּטשעטע לעגענדע.
אין מײַנע וואַגל־נעכט ער שפּרײַזט
אין זאַמדיקע שיך,
זײַנע פּאָלעס פֿליען אין ווינט
און איך, — קוים איך קריך.

שווײַגנדיק, דער זיידעשי טראָגט זיך
אין ליידיקן אַלטן מאַרק,
איבער שפּערעלעך אײַנגעגנורעטע
אין מיסטיקן בלעטערוואַרג.

אין פּאָליש פֿאַרברענטן, קוים־באַמערקט,
שאָטנדיק און מילד, האָט ער
ווי דער סמבטיון שבתדיק זיך אײַנגעשטילט.

אין די סעדער צײַטיקן אייניקלעך
מיט ווײַנפּערלעך און קאַרשן:
כ׳האָב נישט דעם כח דאָרפֿישן פֿון זיידעשי געירשנט,
נאָך די וואַנדער־שיך אין וואָגל־נעכט,
דעם סענקאַטן שטעקן,
דעם אומרו אין שווײַגעניש פֿאַרהוילן,
און פֿון דער פּײַקע זײַנע חלום־קנוילן.

נאַקטורן

(שׂרהן געהייליקט)

אויף מײַנע האַרבסטיקע פֿידל־סטרונעס
צאַנקען דײַנע טרערן,
אונדזער װערבע — אויסגעברענט אין מיר
הערט ניט אויף צו הערן
װי ס׳קלאַפּט די בלינדע שרעק אין טיר.

אין פֿענצטער װאַלקנט זיך אַרײַן
קנוילן טרויער,
נאַקטורן אין מײַן װאַנדלדיקן שלאָף:
דײַנע האָר זײַנען אויך שוין זילבער־גרויע
אויפֿן שװעל פֿון רויט־צעגליטן סוף.

מיר טראָגן זיך אויף דעמערדיקע פֿליגל
ניט באַמערקטע, שטילערהייט,
איבער בלויע יאָרן־בערג, שניי־פֿאַרװייטע װעגן:
כ׳פֿלי נאָך אַל׳ץ צוריק צו יענער רגע
פֿון אונדזער װוּנדיקן צעשייד.

אין שאָפֿען־נאַכט, װען כ׳מיש די לידער־נאָטן,
ניגונט זיך דײַן יונגער שאָטן,
אונדזער טרײַסלדיקן פּײַן װעט אַװעקבלאָזן די צײַט,
נאָר די װערבע, אויסגעברענט אין מיר,
װיינט נאָך עו׳געץ װײַט, זייער װײַט.

די קלעזמער פֿון װאַלד

די קלעזמער כאַליאַסטרע
מיט פֿריילעכן געשפּיל אויף מײַן חתונה
האָבן טיר און טויער אויפֿגעפּראַלט,
אָפּגעיִידלט, אָפּגעפֿידלט,
און אַװעק מיט די מחותּנים
אין אַמסטעװער װאַלד.

יעדע נאַכט קומען זיי צוריק
מיט מוזיק
אויפֿן אָפּגעברענטן הויף:
פֿון די פֿענצטערלעכער,
מיר גאַפֿן אויפֿן קינדערשן געלויף.

די קלעזמער כאַליאַסטרע, אין חלום צעשטראַלט,
ייִדלט נאָך און פֿידלט נאָך
פֿאַר די מחותּנים — ביימער אין אַמסטעווער וואַלד.

איך פֿלי איבער דעכער

די באָבע רחל זיצט אין חומש־געצעלט
און ניגונט דעם טײַטש אין ליידיקן הויף,
יוספֿס חלום האָבן די ברידער פֿאַרקויפֿט
און ער וואַלגערט זיך, נעבעך, אַרום אויף דער וועלט.

די אַלטע שיל איז געהילט אין אבלות
און די אַלייען מיט יאַסקער בליִען,
באַלד וועט דער אויערהאָן קומען צו פֿליִען
ווי רחלעס ווײַס־געבלימטע פֿאַטשיילעס.

מיט אָזשעשקאָוואַ די באָבעשי שפּאַצירט,
געפּלעפּטע קוקן זיי נאָך די פֿענצטער,
בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק די געשפּענסטער,
און קראָמען דערשראָקענע, צעראַבירט.

און איך פֿון די אייניקלעך דער קלענסטער שפּערל
פֿלי איבער דעכער אין בלויען שיקזאַל,
ווי דער ייִד מיט דער טאָרבע פֿון מאַרק שאַגאַל,
מיט מײַן באָבעשיס מעשיות, — לויטערע פּערל.

אַ יריד אין הימל

אין פֿאַרטײַעטן גראָז בײַ דער וואַרטע ציטערט מײַן חלום אין דרימל,
דער מוטנער טײַך פֿאַליעט מיט בלעטער פֿון בלוטיקע האַרבסטן;
אַליין, בײַם אויסגעבראַכענעם סנה אויף וועמען וואַרטסטו?
יאָרן דערטרונקענע גלימערן אין שטערן־געווימל.

אין עמוד־אש גאָטס הייזעריקע שטים צעגליט
הערט אפֿשר בלויז דער בליץ און שטעכנדיקער האָגל;
מײַן וועלט פֿאַרשניטענע איז מיר אַ צאַרטע חברטע אין וואָגל,
ערגעץ וואַלגערט זיך דאָס גאָלד פֿון אונדזער ניט געענדיקט ליד.

מיט דיר, מײַן שאָטן, געאָרעמט אויפֿן אַלט־יונגען שליאַך
כ׳וועל נע ונדעווען אין דער לבנהדיק־פֿאַרליבטער נאַכט
מיר אײַנרעדן אַ פֿאַרשפּעטיקטן יריד אין הימל,
אויפֿן גראָזיקן ברעג אַ צאַנקנדיקער חלום און דרימל.

אין מוטנעם טײַך פֿאַליעט זיך חוהלעס ליאַלקע פֿאַרוויינט
און דאָ, אויף אַ פֿרעמדער חתונה כליפּעט מײַן פֿידל אַליין.

ווײַסער חלום־דאָרף

פֿון די שניי־באַרגיקע נעכט
אין אויסגעלאָשענעם חלום־דאָרף
כ׳וועל אַראָפּנידערן אויף גליטשיקע טרעפּ.

וועלן מיך דערקענען ווינטיקע טאָפּאָלן
דער אײַז־פֿאַרקאָוועטער ברונעם
מיטן עמער פֿאַרגליווערטן און שעפּ
און די רויכיקע זיעמלאַנקע אין הפֿקר־סטעפּ.

אויפֿן דאַך פֿון אַלטן אַלעקסיי
וועט קרייען דער פּחד — אַ הייזעריקע
קראָען־טשאַטע;
דער הונגער וועט מיך חבריש אַרײַנבעטן
אין כאַטע.

אין טומאַן־פֿאַרטשאַדעטן
וועלן אײַנגעפּעלצטע זיידעס מיך דערוואַרעמען
מיט רוסישן אומעט וואָס ניגונט אין ווינט
מיט געקלאַג פֿון צעפֿרוירענע הינט.

מיטן דרימל־שטעקן

אין נאַכט־טומאַן אײַנגעפּעלצט
מיטן דרימל־שטעקן ציען מײַנע בלודנע טעג
אויפֿן פֿראָסטיק־ווײַסן וועג.
אין פֿעלד כ׳וועל זוכן די שפּורן
פֿון מײַנע לאַפּטשעס אין שניי,
פֿרעגן אויפֿן אַלטן סערגיי,
אין וואַנקאַ, צי איז ער צוריק שוין פֿון פֿראָנט?
די פֿאַרפֿרוירענע טשוואַשקע כ׳דערקען
— אַ פֿאַרגליווערטע מומיע אין ראָוו,
וואָראָנעס קראַקען אין מײַן קאָשמאַרנעם שלאָף,
און הונגעריקע אויגן פֿון וועלף
וואָס גרוילן:
מיטן פֿאַסטעך־שטעקן בלאָנקעט זיך
אַ בעזשעניעץ פֿון פּוילן.

ווי לאַנג װעל איך לויפֿן

ווי לאַנג פֿון די פֿאַסטקעס וועל איך אַנטלויפֿן
הינטער פּלויטן אַנאַטעמדיק פֿאַרשאַרט
ציטערן פֿאַר הינט־געביל אין פּוסטע הויפֿן,
פֿאַר אַ בלעטל־שאָרך, אָסיענדיק פֿאַרדאַרט.

ווי לאַנג וועל איך יאושדיק מעסטן די מײַלן,
גרייטן פֿאַר דער צײַט בונקערס און מאַלינעס,
אין בושעס פֿאַרהוילענע פֿון לאַנג־אײַלאַנד
פֿיבערדיק זוכן אַנטרינונג.

דער קלויסטער־גלאָק קלינגט שלווהדיק אין דער פֿרי,
נאָר אין געטאָ־רעוויר אויף יענער זײַט בריק
איז שוין קיינער נישט געבליבן צו ראַטעווען סײַווי,
וואָס לויף איך נאָך בהלהדיק צוריק?

לאָז מיך איבערנעכטיקן אין ווילדגראָזיקן ראָוו,
זיך אָפּרוען אַ ווײַל פֿון נע־ונדיקע צערן:
ווי לאַנג וועלן האַרבסטן וויינען אין מײַן שלאָף
טרײַבן מיך איבער זומפּיקע געפֿאַרן.

ווי לאַנג פֿון די פֿאַסטקעס וועל איך אַנטלויפֿן,
אין געוועב זיך צאַפּלען, אַ פֿאַרמשפּטע פֿליג:
ווי לאַנג וועט די לבנה אין נעפּלדיקע הויפֿן
פֿאַרוויגן מײַנע נעכט אין אַ ליידיקער וויג?

מיר זײַנען יזכּור־ספֿרים

פֿון שריפֿות מיר זײַנען דער איבערבלײַב
געראַטעוועטע מגילות,
יזכּור־ספֿרים אומרואיקע
מיט אָפּגעריבענע הילעס.

די נעכט מישן אונדזערע בראשית־טעג
צוריק צום ערשטן בלעטל,
אין וואָלקן־בלוי פֿרילינגט נאָך מײַן וויגל,
אין דער וואַרטע — מײַן דערטרונקען שטעטל.

מיר זײַנען טויזנט־פֿאַרביקע פּאַנאָראַמעס
פֿון טאַטעס פֿאַרשמייעטע אויף ירידן,
קליינע תּחינותדיקע מאַמעס,
אַ שטראַליקע עדה, ניטאָיקע ייִדן.

מיר זײַנען כּאַליאַסטרעס יונג־צעפֿליגלטע,
שארית־פֿאַרמעטן אין זיך פֿאַרזיגלטע.
אין געווימל פֿון דער וועלט
ווימלען חרובֿע קהילות,
לעבעדיקע יזכּור־ספֿרים,
געראַטעוועטע מגילות.

נוסח ייִדיש

נוסח ייִדיש

עפּן דעם פֿאַרחתמעטן ווײַן
אין פֿאַרהוילענעם קעלער־ווינקל,
וועלן מיר דעם יין המשומר טרינקען:
מיט חתן־כּלה פֿיבערן אין שווײַגנדיקן טויער,
טובלען די לבנה־נאַכט אין פֿאַרליבטן טרויער.

אויף מײַן דאַך זײ יאָמערן,
פֿון ווענט שפּאַרונעס גרילן זײ,
און די אַלטע ווערבע חלומט מיר אַרײַן אין פֿענצטער:
מה נאה אילן זה.

אין ווינט פֿלאַטערט פּרצס
פֿאַרשפּעטיקטע האַרבסט־רויז,
פֿיאָלעטער בעז,
וועלן אונדזערע שוואַלבן צוריקבערענגען
אין שנאָבל דעם געגאַרטן נס.

די כאַליאַסטרע רעבעלן
געזונט־לאַכנדיק, ייִנגליש־מוידיש
וועלן קלעזמערן די שירי קודש
ווי אַמאָל ירידיש
אויסזמרן די גליאיקע ניגונים
נוסח ייִדיש.

אותיות פורחות

פֿון פֿאַרמעטן פֿאַרברענטע מיר זײַנען
די אותיות פורחות;
אויף אַלע וועגן סטערטשען די שפּורן פֿון צינדער,
און מיר זוכן אין טאָלן פֿון עבודה זרות
אונדזערע געפּלעפּטע קינדער;
מיר ווילן ניט זײַן קיין טרויעריקע פֿאַרשווינדער.

מיר זײַנען מבול־טויבן, פֿליענדיקע לידער,
וואָס גייען אויס נאָכן תּהילים־זאָגער,
דעם צאַרטן לייענער;
מיר זײַנען מיד פֿון ווײ־און־ווינטיקע באַוויינער.

מיר זײַנען פֿרילינגדיקע מחזורים
געלופּטערטע אויף הייף;
פֿון אויסגעלאָשענע פֿלאַמען —
צעבלאָזענע פֿונקען אין דער נאַכט;
אין יעדן אות גליט דעם זיידעשיס ניגון
פֿון תּיקון חצות;
אַזוי דערווידער און בכיוון
זינגען מיר אַרויס פֿון דושנע אַרכיוון.

מיט קראַנקע פֿליגל פֿלאַטערן די בלעטער
פֿון אונדזערע האַרבסטיקע קאַפּיטלען,
שטערן קײַקלען זיך ליכטיקע
אין היימישן אין־סוף,
— אותיות פורחות פֿון אַלף ביז תו.

סאָנעט פֿון אַ ייִדישן לערער

אסתר קאַדאַר לזכּרון

אויפֿן בוידעם של מעלה, אין ראָזעווען ערגעץ־לאַנד
האָבן אלף־ביתן מיט האָניק און שפּריי־רעגן געטריפֿט,
אין אַלע פֿאַרבן האָט די פּאַווע זיך אַ גאָלדענע געשיפֿט
מיט פֿרי־מאָרגן פֿייגעלעך אויפֿן צאַנקענדיקן ראַנד.

נעמען מלא־טעמיקע האָבן אונדזער פּײַן געלינדערט,
פּרצעס קוואַל געפּלייצט האָט פֿריש זומערדיק און בלוי,
האָבן מיר צעוואָרעמטע געטרונקען טראָפּעלעך טוי,
שירה־ברייזלעך פֿון ליבשאַפֿט געטיילט זיך מיט די קינדער.

אין אָונטיקן ייִדיש־לאַנד ווער קען נאָך געפֿינען
די פּורים־מלכּות פֿון מגילה, דעם חלום־עליכם נס,
פֿון די גאָלדענע רינגעלעך דעם פֿאַרהוילענעם אַדרעס,
אין שול־יום־טוב אונדזערע דריידל־באַלערינעס:

איך צייל די פֿייגל אין געפֿלי סוף־זומערדיק פֿיאָלעטן
וואָס טשווירקען נאָך בגילופֿינע די לידער פֿון פּאָעטן.

אַ ייִדישע צײַטונג

אַ ייִדישער צײַטונג אויף דער ערד
צעקנוידערט,
שרײַט פֿון ווייטיק.
אין קאָנוואולסיע אותיות ווי טויבן
בעטן תּחנונים
מען זאָל זיי ניט צעשטויבן.
סאָבוויי־פֿאָרער,
אין זיך אַרײַנגעבליפּט

מערקן ניט אין געדרענג
די ציטערדיקע שריפֿט.
איך ראַטעווע אַ שטיקל בלאַט,
גלעט די אותיות וווּנדיקע, צעשפּיזט.
מײַן וועלט, מײַן אָפּגעשפּאָרט פּיצל וועלט
זיי טרעטן מיט די פֿיס.

אויף קראָכמאַלנער ייִדיש

מײַן ערשט אייניקל דוד ישׂראל

מײַן בלויער פֿויגל וועט הוידן
אונדזער אייניקלס חלום
מיט קאַשטאַנבלעטער און גרינע אַפּרילן,
מיט באָרוועסער יונגשאַפֿט
אין שוים פֿון וואַסערמילן.

מײַן בלויער פֿויגל וועט אַרײַנפֿליען
אין האָניק־נעסט פֿון זיידן בערל,
אין הויכן פֿעדערגראָז
טרינקען זײַנע טויִקע פּערל.

און איך
אַן ערב־חורבן עכאָ
אַ ווינטיקער קול
אין מײַן אייניקלס שטראַליקן געוועב
וועל זינגען אויף קראָכמאַלנער ייִדיש:
יאַך לעב, יאַך לעב.

אונדזער ליד

ווי די גוטסקײַט פֿאַרשפּינט אין אַ נעץ,
וואָס בענקט הינטער זײַדענע קראַטן,
אַזוי פֿאַרגעסן שוויַיגט אונדזער ליד
אין אַ ווינקל באַליידיקט, פֿאַראַטן.

ווי די אויסגעשפּילטע יונגשאַפֿט
אין רואינע קוים נאָך וואָס גליט,
אַזוי פֿאַרן פּוסטן ווינט
פֿײַפֿט אונדזער צאַנקנדיק ליד.

ווי דער לץ אין רוישיקן סקווער
מיט זײַן צעדולטער גיטאַר,
אַזוי צערטלען מיר אונדזערע לידער
און שפּילן דעם נאַר.

קאַרנעגי האָל

אונדזערע לידער, פֿאַרטייעטע אין ווינקל
פֿון שלאָפֿלאָזע נעכט,
גייען אויס אין ענגע שופֿלעדער
פֿון צער און פֿאַרדראָס,
בענקען אַרויס פֿון די טאָוולען
צו דער לייענערין וואָס ריכט אָפּ חצות,
מישנדיק די בלעטער פֿון לידער־ביכל
בײַ אַ טריפֿנדיק חלב־ליכטל.

מיר זײַנען הויף זינגער פֿון גליַיקן לשון,
בעטלער וואָס קלאַפּן אין שויבן
מיט פּירהאַנגעגן פֿאַרצויגן:
זינגענדיק, מיר בלייכן און ווערן פֿאַרלאָשן.

אונדזער דיכטערישער קאַרנעגי האָל
איז פֿול געפּאַקט מיט לוויים־זינגער,
גרוי גרײַזיגע לייענער, פּאָעטן,
וואָס האָבן אַליין, אַליין,
אויסגעקויפֿט אַלע בילעטן.

די שומרים פֿון מאַמע־לשון

אותיות פֿון פּאַרמעטן
אַנטרינענע,
פֿליענדיקע שפּרעלעך
פּיקן פֿון זכרון
מאַמע־לשון פּערעלעך.

ניגונים פֿאַרוואָגלטע,
ווי פּליטים נע־ונדע,
אויף סטראַדיוואַריוסן
שפּילן סוצקעווער
און גראַדע.

די כאַליאַסטרע — קינדער
מיט אַלע פּאַוועס
זײַנען זיך צעלאָפֿן:
ס׳וויגל לידל וויינט,
די מאַמע קען ניט שלאָפֿן.

ווערטער געאוצרטע,
מיר היטן זיי
ווי ציטער־בראָשן:
ייִדישע פּאָעטן —
שומרי מאַמע־לשון.

פּרצעס מתּנה

מיר זײַנען פֿאַרגעסענע נעמען,
אָן פֿליגל — אַ טשאַטע נסימדיקע טויבן,
וואָס טראָגן זיך אונטער הימלען
מיט ביינטלעך גלויבן.

דורך שפּאַלירן מיר רייטן צו די מילן,
טרוימער, דאָן־קיכאָטן,
פֿון אַלעמען פֿאַרשפּאָטן:
מיר פֿאַרזייען די קריגספֿעלדער
מיט לידער.

מיר זײַנען קליינע שאָטנס,
ניט באַמערקטע,
חדר־ייִנגלעך מיט לאַמטערן
אין הינטערגאַסן,
וואָס ראַנגלען זיך מיט תּנכישע גלײַתן.

און דורכגעלעבטן, קראַנקען טאָג
כ׳לייג מײַנע לידער צופֿוסנס דעם שטילן
אומבאַקאַנטן העלד,
פּרצס מתּנה,
וואָס פֿאַרצערעוועט די לעכער
פֿון דער וועלט.

שבט ייִדיש

אונטערן אַקאַציע בוים.
יחידיש
פֿלאַטערט אונדזער שבט ייִדיש.
קלוגע טויבן־אויגן בלענדן
אין טריבן קאַיאָר,
— גלאַנציקער טוי אויף זילבערנע האָר.

סלאָוויקעס זינגען נאָך די לידער גרינע,
אָרעאָלן אויף דער עוועניו־בינע:
אין צויבער שפּיל — אייניקלעך געפּלעפּטע
מישן אַלט־געפֿונענע פּנקסים,
אויפֿן בוידעם־שטוב — דעם זיידנס לידער־העפֿטן.

נאָסטאַלגיע קינדער, מאַי־גלעקלעך
טוליען זיך צו אונדזער חלום
וואָס פֿליסטערט מיט רמזים:
אונטערן דאַך נעסטן ווערטלעך
און משלים.
דער וואַכיקער דאָקטער האַלט דעם פּולס,
מעסט די פֿליגל זײַדענע
פֿון דער גאָלדענער פּאַווע:

אונטערן אַקאַציע־בוים שווײַגנדיק ידידיש
פֿלאַטערט אונדזער שבט־ייִדיש.

מיט פֿאַרליבטע בליקן

פֿון שמות צעוואָרפֿענע מיר זײַנען קוים־דערקענטע נעמען,
אָפּגעראַטעוועטע לידער־עכאָס פֿון פּאָעטן,
אין ייִוואָ־אַרכיוון אַלט־געפֿונענע פּאָרטרעטן.

מיר צערטלען די ווערטער פֿאַרשטויסענע פֿון זכרון,
אין ליידיקע מאַרק־האַליעס זמרדיקע שפּורן,
מיט אָפּגעברענטע פּנימער און פֿיבערדיקע הערצער —
צעזונגענע פּליטים־טרובאַדורן.

האָלעוועשקעס טרערן, פֿאַרטײַעטע אין קולטור־קלויזן
פֿון די טומלדיקע נאַכט־געפּויקן,
גליען נאָך אין מאַמע־לשונס בלויע טויבן־אויגן.

אין רויט־צעפֿלאַמטן מערב־ראַנד
געאָרעמטע מיר שפּרײַזן נאָך אַצינדער
מיט פֿאַרליבטע בליקן יונג־באַזילבערטע
באָהעמס אין בערעטן.

אין פֿליענדיקן קונסט־מוזיי — אַ טשאַטע פֿייגל
זינגענדיקע הויף־פּאָעטן.

וויליאַמסבורג

אין וויליאַמסבורג־נאַכט קרײַזט שפּינאָזאַ,
אַ בלייכער פֿענטאָם מיטן פֿאַרטײַעטן חרם.
באַלד וועט ער אויסלעשן די פֿײַער־בליקן
פֿון רב שאול לוי מאָרטייראָ.
ר׳וועט אָפּשטויבן די צאָרנדיקע כמאַרע
פֿון סאַטמאַרער דאַך
און אַרײַנפּלומפּן זײַנע טרערן־ליכט אין ר׳ אַביגדורלס
נאַכט.

אין וויליאַמסבורג קלויז כ'דערקען דעם דענקערס
צאַרטע שטים,
די קינדער רעדן ייִדיש־אונגעריש צו אים,
דעם אַפּיקורס בצלם אלוקים.
אײַנגעהילט אין טאַטנס טלית
ער בענטשט זיי מיט שכלדיקער ליבע פֿון גאָט
אָמאָר דעי אינטעלעקטואַליס.

צעקאָסעטע טרוימען

אויף דער פּוילישער מאַפּע פֿון ייִדיש גערייד
צײַטיקן שוין די ווײַנפּערלעך, אַרבעס־שויטן און פֿלוימען,
זומער־לידער ווילדע גרינען אויף די פֿענצטער;
יעדער טאָג שטאַרנדיק פֿאַרגייט צופֿיסנס קרומע
פֿוילנדיקע צוימען,
אין שכחה־נעפּל בליען אונדזערע טרוימען.

אויף שמאָלע געסלעך און ליקן
דלית־פֿייגל בעטלען קרישקעס צוגעוואָרפֿענע גליקן;
טימע־בעטלער, דזשאַדעס גרימפּלען שוין
אויף זייערע אָפּגעבליאַקעוועטע פֿידלען,
אַז פּרצעס אַלטער מאַרק וועט מער נישט רידערן
נישט ייִדלען.

אויף דער פּוילישער מאַפּע פֿון ייִדיש גערייד
שיפֿן זיך אַוועק פֿון זכרון
מײַנע בלוי־אָפּגעחלומטע נעכט און טעג;
הינטערן שטאָט פֿאַליען זיך דאָרפֿישע
קאָרנפֿעלדער און לאַנען

אויף דער פּוילישער מאַפּע פֿון ייִדיש גערייד
מײַנע צעקאָסעטע טרוימען וויאַנען.

צוריק צו זיך

זינג־פייגל אַנטלויפֿן

אין שפּעטן זומער־נאַכט
פֿענצטער מיט קאַטאַראַק פֿאַרצויגן
שנאָרכן אין פֿאַרסמטן הויף.
די לבנה געניצט אויפֿן דאַך
בלויז די זינג־פייגל זײַנען וואַך.

מיטן רענצל אויפֿן מיסט־באַרג
די עוועניו דרימלט
צוגעגאַרטלט צו די פֿײַער־טרעפּ,
פֿייגל־געפּלאַטער איבער מידע קעפּ.

אין שפּעטן זומער־נאַכט
פֿאַרשעמט, בליט נאָך אונדזער טרוים
אויפֿן אָפּגעצערטן בוים.

פלויטן גרינען מיט ווילדע שוואָמען,
קעץ יאָמערן אין הוילע ווענט,
ליידיקע נעסטן — אָפּגעברענט.

ווו פֿליען זיי צעשראָקענע
די רויט־העלדזעלעך און ציזשיקעס,
ווי איך אַמאָל בין אַנטלאָפֿן
פֿון טויטן־נעץ, אַ געפֿאַנגענער וואָבל
מיט אַ ליד אין שנאָבל.

אין גאָלדענעם דעמער בליט נאָך אונדזער ליבע
אָסיענדיק וועלן מיר מיט די אַלטע דעמבעס בלײַבן
און עכאָס צויבערע פֿון אייגענע לידער קלײַבן.

איך שאַר זיך צוריק

מײַנע פֿרײַנט אין זון־צעפֿלאַמטן
רויזן פּאַרק
האָבן אויפֿגעהערט פֿידלען
אויף סטראַדיוואַרן,
מיט אַרטרעטישע פֿינגער
זיך מאַכן צו נאַרן.

ביחידות זיי גייען אַוועק
מיטן קלעזמער־געפּעק,
אויפֿן בריק די ווינט־מילן שטאַרן.

האַרבסטיקע נעסטן, ליידיקע
בענקען נאָך די לידער
פֿון מײַנע ווירטואָזן,
וואָס דער צעפֿליגלטער ווינט
האָט זיי אַוועקגעבלאָזן.

נאָר איך, דער מינדסטער יאָלד אין אָרקעסטער
פֿון אַלע פּאָעטן
שאַר זיך צוריק אין מײַן אייניקלס געמיט
פֿלאַנצן נײַע סאָנעטן.

כ׳בין אַלץ נאָך דאָ

סילועטן אָן פּנימער אויפֿן דינעם ראַנד
שלעפּעריקע ציען, ציען
אין ריטעם אָפּגעלעבטן פֿון פֿאַרגיין;
עמעץ אויפֿן מערב־פּאַס
וואַקלדיק, באַזונדער, שפּאַנט מיט זיך אַליין.

סילועטן טונקעלע אין הכנעהדיקן גאַנג
נאָכגעביק, ווערן שיטערער, שיטערער
אין פּיאַלעט־שקיעהקן געצאַנק;
עמעץ מיטן חלומוואַרג באַזונדער
אויף אַ שטראַליקער האָר
וויגט זיך נאָך צווישן אילוזיע און וואָר.

רגעס־טראָפּ צעקרישלטע
טריפֿן אַראָפּ, אַראָפּ אין ליידיקן דנאָ,
און איך קוים אַ דערשווימענער
אָטעם איַין דאָס פֿרישע גרינס, דעם קילן ווינט:
כ׳בין דאָ, כ׳בין אַלץ נאָך דאָ!

לאָמיר זיי פֿאַרגינען

אלוהי נצור — מײַן גאָט באַהיט
פֿון האַרבע רייד,
מײַן בליק פֿון גליענדיקער קנאה,
און אַז דער ווײַן רינט אַ ביסל איבער
לאָמיר זיי פֿאַרגינען.

וועגן שווינדלדיקע אין דער נאַכט
ציען גלײַכע, קרומע;
פֿון די קליינע שטערן זיבן
האָט ער זײַנעם אויסגעקליבן,
זאָל אים ווויל באַקומען.

מיט מײַן אָפּגעשפּאָרטן חלק
בין איך סײַווי אַ בר־מזל
יעדע נײַע רגע איז מיר הייליק
אין מײַן עולם הזה.

אלוהי נצור, באַהיט מײַן ליד
פֿון זײַן מגזם;
ס׳איז אויג איז אַ פֿאַרגרעסער־גלאָז,
וואָס ווערט פֿאַרבליפֿט
פֿון אַ צעפּוישטן זייפֿן־בלאָז.

באַהיט מײַן צונג פֿון האַרבע רייד,
פֿאַרלעש דעם טרויער און די ווונד;
און אַז דער ווײַן רינט אַביסל איבער
זאָל זײַן אים צו געזונט.

ערב־מבולדיקער שבת

אויף שטראָזן פֿון פֿאַרוואָגלטן זכּרון
מיר זײַנען אַרויסגעריסענע בלעטער
פֿון קאַלענדאַר,
און ווינט־צעפּלאָשעטע חשבונות,
ניט געמאָנטע;

פֿון יענער זײַט אַררט שאַרן זיך אַרויס
נאָכמבולדיקע קינדער
רײַף געבוירענע,
מיט סמיכות און דיפּלאָמען,
מגילות צעפּלאָקערטע אויפֿן נצח־וועג.

דער שנעל אין נאָז פֿון שכחה־מלאך
האָט ניט אָפּגעמעקט די בענקשאַפֿט,
דאָס ליד פֿון רעגן־בויגן,
אונדזערע פֿיאָלעטע בראשיתן
פֿון יענע רויט־צעפּלאָמטע שקיעה־טעג;

יונג־דאָרשטיק מיר געגנענען צו דער ברינע,
אַ גרוי־גרײַזיקער פּאָעטן־שבת;

פֿון ערב־מבול
מיר זײַנען אַלץ נאָך ס׳פֿיבערדיקע ווידערקול,
נוחס בלודנע טויב נע־ונדעוועט
אין בלויען ווינט
מיט אונדזער פֿלאַטערדיקן ליד אין מויל.

אַלבאַטראָס

ווּהין אין לעצטן פֿלי
טראָגט זיך דער מידער אַלבאַטראָס?
פֿרעג דעם הפֿקר־שטורעם
די בענקענדיקע וואַסער־מוידן
און דעם בגילופֿענעם מאַטראָז.

אויף די ווײַסע בערג־שוימען
מײַן לעבן אַ חרובע שיף איז,
אָן אויסגעדינטער קאַפּיטאַן.
מיט אָפּגעניצטע שליפֿעס.

ווּ וועט אַנקערן
מײַן וואַסערדיקער זעגל־חלום?
אין וואָלקן־שטורעם
אויף זײַנע ווילדע גריוועס
כ׳זע פֿון ווײַט מײַן אָוונטיקן שלאָס;
אַהין אין לעצטן פֿלי
טראָגט זיך דער מידער אַלבאַטראָס.

אַ פּינטעלע טוי

אין צײַט־אויג
כ׳בין אַ מיקראָסקאָפּיש פּינטעלע
פֿון מײַנע צעמאָלענע טעג
אַ צאַנקענדיקער טוי
פֿון גאַנצן חלום־פֿאַרמעג.

ווען די קופּערנע בערג־שפּיצן
ברענען אויס אין די אָוונטיקע סופֿן
גייען מיר קינדער שלאָפֿן.
גייען מיר שלאָפֿן.

מיטן קאָפּ קאַפּויער

אויפֿן דאַך פֿון מײַן צוגעפּראַלטער כאַטע
שטאַרבן אויס די פֿאַרוואָרלאָזטע זינג־פֿייגל,
דער קלאָג־ווינט רײַסט אונזערע צערודערטע סטרונעס,
ווען איך מיט גאָלד־בלעטער האַרבסטיק־צעגליטע
פֿאַרקלעפּן אַלע שפּאַרונעס,
אַז ס׳זאָלן די גרויל־גרילן נישט האָבן קיין שליטה.
אין פּורפּור־וואָלקנדיקן ראַנד
האָבן מײַנע בענקעניש אויסגעגראָבן דעם שליסל־סוד
פֿון אייגענעם־אינטים־פֿאַרהוילענעם ניגון;
אין טיף־בלויער נאַכט וועט דײַן געצערטלטע לירע
באַשירעמען אונזערע נעסטן
פֿון מעסער־שנײַדנדיקער קרירה.

דורך אַלע פֿאַרנאַכטיק־אָנגעצינדענע פֿיאַלעטן
נעם אַרײַן אין ווײַנגאָרטן פֿאַרבאָטענעם
אונזערע האַרבסטיקע פֿאָעטן;
אויף יענער זײַט שקיעהדיקן טויער
שפּרײַזט אונזער וועלט מיטן קאָפּ קאַפּויער.

טויבע שטיינער

איבער הפֿקר־שטראָזן
פֿליען סומנע טעג, ווי פּוך
אויפֿן ווינט צעבלאָזן.

כ׳קום צוריק פֿון אַלע וואָגלענישן
אָפּנעמען די יאָרן פֿון פֿאַרליר,
מיטן שטעקן כ׳קלאַפּ אין אַ פֿאַרפֿרעמדטער טיר,
אפֿשר הענגט נאָך דאָרט מײַן נאָמען אויף אַ נאָגל
פֿון פֿאַר ערב־וואָגל.

צעקרישלטע — מײַנע ניט־דערלעבטע רגעס
וואַלגערן זיך אויף יענע ווײַסע וועגן.
וואָס איז נאָך דאָ צו פֿרעגן?

טויבע שטיינער הערן ניט,
פֿאַרשטייען ניט מײַן לשון,
אויף הפֿקר־שטראָזן ליגן מײַנע סומנע טעג
קאַלט און אויסגעלאָשן.

◆

אפֿשר־גאָר

אין אימפעטיקן פֿלאַטער,
מיט אויגן פֿאַרזשמורעט,
אַ בלינדער פֿויגל אויף צעברענטע שפּורן,
כ׳פֿאַרגעס דעם וועג אין די לאַזורן,
וווּ ס׳טראָגט מײַן ניט געצוימטער פֿלי.

ס׳קען זײַן — אַרויף
צו עקספּלאָדירנדיקע שטערן,
אפֿשר גאָר אַראָפּ, צוריק
אין די אײַנגעגנורעטע עמבריאָנען,
וווּ מיטן רוח אלוקים, אין אַ בלויער וויג
כ׳וועל שוועבן עַל פּני תהום,
אַ ניט־געשפּאַלטענער אַטאָם.

◆

מאַנהעטן

די לבנה אויפֿן הימל־דאַך
באַוווּנדערט די קליינע טשאַרלי שטאַפּלינס
קאָמישע אין געדראַנג, די יאָלדישע פּאָעטן,
סגעיאָגעניש פֿון אויטאָס אין טראַפֿיק ווילדן
פֿון מאַנהעטן.

אויפֿן עמפּייר־טורעם הוידעט זיך די איינזאַמקייט,
אַ סטראַשידלע פֿאַר די נײַגעריקע שטערן,
די געבײַען־סנאָבן מאַכן זיך נישט זען און נישט הערן.

סימפֿאָניע הייזעריקע פֿון מולטי־קאָליריקער
מענטשן טשאַטע
פֿײַער־נשמות אין געפֿלי
שווינדלדיק דערשראָקענע געלויפֿן
אין אין־סופֿיקן נישט־הי,
פֿרעמד־נעפֿלדיקע בני־אדם דערקענען נישט הײַנט
אַן אייגענעם פּשוטן פֿרײַנט.
דאָס בין איך. פֿאַרבליפֿט איך צייל די ליכט־פֿענצטער
ביזן טורעם־דאַך פֿון עמפּייר־געבײַ

די וויזיע פֿון מײַן צעשויבערטן חלום איז קראַנק
און אָפּגעשוואַכט
אונדזערע לידער זינגען פֿון היץ
אין צעפּיבערטער מאַנהעטן־נאַכט.

דער הימל בלוטיקט אויף די צוויַיגן

פֿאַרמשפּטע ביימער באַקלאָגן מײַן גורל געפּרעסטן,
אינאיינעם מיר פֿאַלן אין פֿאַרהוילענעם שווײַגן,
אין שקיעה דער הימל בלוטיקט אויף די צוויַיגן,
וואָרנעס אַנטרינען פֿון הונגעריקע נעסטן.

מחשבות צעפֿליִען אין פֿראָסטיקן שטורעם,
נאָר ווי די סאָסנע כ'קאָן נישט אַנטלויפֿן פֿון טרויער,
ס'פֿירן אַלע וועגן, פּלאָנטן צום לאַגער־טויער,
מיטן ביקס נישט רירט זיך אַפֿילו דער וועכטער אויפֿן טורעם.

ווי נאַכטיקע שאָטנס מיר טאָפּטשן אין שניי ביז די קני,
און פֿאַלן אַרײַן אין באַראַק, אַ סטאַדע פֿאַריאושטע שאָף,
ביימער־ריזן, צעזעגטע, וואָגלען אַרום אין מײַן שלאָף,
די לבנה שלווה'ט בלייך אין וועלפּישן אויגן־גלי.

אפֿשר חלומט מיך איצט מײַן וואָקלנדיקע מאַמע, אויבן,
ווען שניי־בוראַנעס האָבן געריסן מײַנע אײַז־געבלימטע שויבן?

אַנטפּלעק מיר ס'שלווה'דיקע ליכט

אַנטפּלעק מיר דאָס שלווה'דיקע ליכט
צעעפֿן דעם בלענדיקן פֿאָרהאַנג פֿון צײַט,
שפּיל מיר דעם ניגון אויס
פֿון די רויִע טעג, וואָס דרעמלען אין די וויגן:
אַנטפּלעק די רגעס פֿאַרבאָרגענע
אין די אינגעווייַדן פֿון פֿאַרטייעטן מאָרגן.

טראָג מיך אויף דײַנע פֿליגל אַהין
צו די ניצול־געוואָרענע שטערן
פֿון מײַן אייניקלס מילעך־וועג,
איידער ס'וועלן אויסטריפֿן מײַנע טעג.

פֿון אַלע נעכטנס פֿאַרשפּילטע, אין גע׳עג,
כ׳בין קוים אַנטרונען
מיט מײַן אָפּגעראַטעוועטן פֿאַרמעג.

לאָמיר ציען באַנאַנד איבער פּיאַלעטע בערג:
און פֿון די וואָלקנדיקע שווײַגענישן
אַנטפּלעק מיר דאָס שלווה׳דיקע ליכט
פֿון מײַן אייניקלס געדעקטע טישן.

ווינטן שלאָפֿן ניט

שניי־בוראַנעס יאָגן נאָך מײַנע יאָרן,
אַנטלאָפֿענע פֿון ווײַסן מדבר־העק,
ווינטן, בילנדיקע שפּיר־הינט, רײַסן מײַנע טעג,
וואָס זענען קוים אַנטרינען פֿון נעכטיקע געפֿאַרן:
איצט ווער איך אויף ס׳נײַ אַרײַנגעוועבט
אין בלענדיקע ווירוואַרן.
איצט בין איך אַ שפּילנדיק־גרימירטער לץ
אַרײַנגעקנוילט אין כישוף־קרײַז,
אַ געפֿאַנגענער אין אויסגעשפּרייטער צויבער־נעץ,
גורל־צײַט שאַלטעוועט מײַן קליינע וועלט,
מאָנט פֿון מײַנע שטילע טעג אַ ניט־געצאָלטן חוב:
וועל איך אײַנדרימלען אויף זײַנע הענט
און חלומען אַ נײַעם אַנטלויף.

צום וואַלדיקע ראַנד

יעדער טאָג גייט אויס אין שלאַכט,
אַ בלוטיקער,
פֿון בוים אַן אָפּגעפּליקטער בלאַט
וואָס פֿאַלט אַרײַן אין נאַכט.

אין די אָדערן פֿון וויגנדיקע ביימער
פֿאַרהוילן ריזלט אונדזער אימה;

טעג צעבלעטערטע פֿליען
אין קלאָגנדיקן ווינט,
צום וואַלדיקן ראַנד איך וואָגל
אין האַרבסטיקן רעגן —
אַן אומבאַהאָלפֿן קינד.

ווען ס'וועלן זיך שליסן בין־השמשות'דיקע טויערן,
וועלן יתומען אין וואַלד פֿיאָלעטע בענקשאַפֿטן
און גלײַכע באַדויערן.

לידערנאַכט

די נאַכט איז אַ צערודערט וויגל
וואָס סקריפּעט, לאָזט נישט שלאָפֿן,
אין חלום־ווינקל ס'פֿענצטערל איז אָפֿן:
מאַמע, איך בין מיד, כ'האָב מורא,
ס'וויגל־ליד איז אין דער נאַכט אַנטלאָפֿן.

דורך שפּאַרונעס קרײַזן זיי אַרײַן
די ווערטער־טויבן.
מחשבות — פֿײַער־פֿליגן,
דער זייגער ווי אַ סאָווע וויגט אַליידיק וויגל;
דרויסנדיקע ווינטן ביטער קלאָגן
מאַמע, ווען וועט אָנהייבן טאָגן?

מיט אויגן האַלב־פֿאַרשלאָפֿענע
הוידעט זיך אין דײַן צאַרטן שויס
אַ שווײַגנדיקער ריטעם בלויז,
ס׳העלפֿן ניט קיין פּילן.
איך בין מיד שוין
פֿון די גרילצנדיקע גרילן.
אונדזער לידערנאַכט וועט באַלד אויסרינען,
ווען וועט בלויען דער באַגינען?

שווײַגנדיקע הירשן־אויגן

אונדזער דעמב צעבלעטערטער
אין ווילדגראָז ליגט מיט אויסגעשטרעקטע הענט
אַ צעזעגטער מאָנומענט.

אויף יענער זײַט גאָלדענע האַרבסטן
נעפּלען זיך ביימער
תּפֿילה׳דיק־צעשטראַלטע;
דער שווײַגנדיקער הירש אין קוסט פֿאַרטייעטן
גאַפֿט מיט אויגן אויפֿגעפּראַלטע.

דער טוכלער מאָך האָט אײַנגעזאַפּט שוין
אונדזער משפּחה׳דיקן לעצטן שטערן,
מײַן ברודער וויגט די רעגנדיקע נאַכט
אין בוידעם־שטיבל לערן.

זײַנע פּלאַטערלעך
אין צעקרישלטן זכּרון פֿון דער וועלט
זענען לאַנג פֿאַרשוווּנדן און פֿאַרברענט
נאָר די שווײַגנדיקע הירשן־אויג
גלאָצן נאָך
אויף אונדזער יונג־צעזעגטן מאָנומענט.

ווען ניט

ווען ניט דער גליענדיקער פּחד פֿאַרן לעצטן הויך,
וואָלטן אונז די גראָבע יונגען
לעבעדיק אײַנגעשלונגען.

ווען ניט לבנה׳דיקער שמייכל
אין דער סאַמעטענער נאַכט,
וואָלטן זיך פֿאַרליבטע ניט דערקענט,
ווי פֿרעמדע שאָטנס אויף די ווענט.

ווען ניט דער דרימלדיקער דאַך,
די הונגעריקע שפּערעלעך וואָס טשווירקען קוים,
וואָלטן ניט געווען קיין לידער און קיין טרוים.

ווען ניט מײַן אייניקל, די ווילדע רויז
אויפֿן רויט-צעפֿלאַמטן ברעג,
וואָלטן אויסגעשפּילטע פֿידלען געבליבן מײַן פֿאַרמעג.

צוריק צו זיך

מײַנע יונגע הירשן-פֿיס, דערשראָקענע
זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון זיך,
אונטער אַ שטראַלנדיקן פֿרירעגן און בלענדיקן האָפֿן
בין איך מיט די לויפֿערס מיטגעלאָפֿן.
אויפֿן שיידוועג פֿון אַלע פּלאָנטערשלאַכן
האָט דער ווינט זיך געהאַלטן די זײַטן פֿון לאַכן.
איצט לויף איך צוריק, פֿאַרסאָפּעט און מיד
אויף די זעלבע וועגן, מיט אָפּגעטראָגענע שיך,
קלאָגנדיק, דער ווינט באַגלייט מײַנע באַזיגטע יאָרן
אויפֿן וועג צוריק, צוריק צו זיך.

אין גאָלדענעם דעמער

הנני

צאַרט־ניגונדיק, מיט האַרצקלאַפּעניש
געגענען מײַנע גראָזיקע טריט,
אַרום דיר אין ראָזעווען דעמער כ'קרײַז
אַ נײַגעריקער סאַטעליט.

פֿון נעפּלדיקן רעגן־שפּרײַ אַרויסגעוויקלט זיך
אין רחמים־שעה
אַ נישט פֿאַרבעטענער, כ'בין ווידער דאָ.

הנני, דאָס בין איך, מײַן טאַטנס גילגול־שטים
פֿון בלויען פֿענצטערל קוקט אַראָפּ צו מיר
אונזער אומעטיקער אלקים.

ווי אַמאָל, אין פֿיבערצײַט, איידער כ'בין אַרויס פֿון דער
רשימה
אַן אויפֿגעגעבענער
איידער ביסט אַוועק און מיך געלאָזט אויף דער
ברענענדיקער זײַט
ווידער קלאַפּ איך אין דײַנע אָונטיקע שויבן
הנני. כ'האָב געיאָוועט זיך געזונט און פֿריש
אַ נישט געריכטער גאַסט בײַ דײַן געדעקטן טיש.

אין שווײַגעניש מײַנע הענט שטרעקן זיך צו דיר
מיט פֿאַרגעביקן באַגינען
אין גלאָזיקן ברוכוואַרק קרישלט זיך מײַן חלום
נאָר איך האָב זיך אויסגעטשוכעט פֿון די שטויבן.

הנני, ווי כ'שטיי און גיי ביסט מיר נאָענט סײַ־ווי־סײַ
צאַרט ניגונדיק איך וואַלקן זיך אַרײַן
אין מײַן טאַטנס שחרית'דיקן נשמת כל חי.

ואני תפילתי לך...

און איך, אַ דערוועקטער פֿון נאַרקאָז אין בגילופֿענעם געמיט
האָב אָפּגעווישט דעם ברוגז פֿון די קראַנקע שויבן,
דורך פֿאַרהוילענע שפּאַרונעס האָבן אַרײַנגעטריפֿט
פֿון יאָרן מײַנע נישט געדאַווענטע תּפֿילות
אין דײַן טיף־טרערנדיקער ברינע;
צוקאָפּנס אונדזערע ווייען פֿלאַטערט די שכינה.

אין שפּיטאָל־צימער רעדן לשונות מיט גינציקײַט,
די זעלביקע יסורים, בלאַסע געבעטן,
אין פֿײַנלאַנד פֿאַרחברט מיט אונדזערע
מיד־אויסגעשעפּטע תּחנונים;
אין פֿיבער־שלאָף גורל־שכנים פֿאַריאושטע
ווייטיקן מיט ליבשאַפֿט און פּחד אין איינעם.

ואַני תפֿילתי לך —
פֿון מײַן מאַמעשיס געדולדיקן טרויער,
מײַן טאַטנס רחמימדיקן באַדויער,
אָ, גרויסער פֿאַרגעביקער חבר
פֿון אַלע נישט־דערהערטע ווינטיקע געוויינען,
זע, ס'זאָל נישט גיין לאיבוד חלילה
דער מינדעסטער אוי
אין כאָר פֿון אונדזערע אויען.

פֿאַר יעדן טאָג

מײַנע טעגלעכע פֿרײַנט אין בלומען־פּאַרק
האָבן די געכטיק־גרויע וועלט
צעאַקערט מיט בלוי־אַדערדיקן פּיין,
פֿאַרזייט דעם יריד מיט צעהאַרעוועטע יאָרן;
רגעס פֿרייד ווי זומערפֿייגעלעך
פֿלאַטערן אין זכּרון.

מיטן אייניקל צעבליט זיך
די אָסיענדיקע פֿרוי,
אין גראָז אירע טרערן
פֿאַרוואַנדלען זיך אין פּערלטוי.

אויפֿן שטולוועגעלע פֿאַר יעדן טאָג לעבן
דאַנקט דער אינוואַליד,
און צאַפּט אַרויס פֿון צאַנקנדיקן גאָלד
אַ נײַ־שטראַלנדיק ליד.

תּפֿילה אין גאָלדענעם דעמער

פֿאַרגיב מיר מײַנע קאָמפּלעקסן,
אין בלוט אַרײַנגעזונגענער ירושה,
וואָס פֿרילינגט נאָך נאָיוו ביז הײַנט
אין אַלע מײַנע חושים.

אין גאָלדענעם דעמער
קרישלט זיך מײַן קוים־אָפּגעראַטעוועטער
וואָגלדיקער זמר,
יענע צויבער־שטערן ווי פּינטעלעך קליינע,
וואָס האָבן מיך באַגלייט עד הנה.

פֿון גרינעם פֿעלזנשטיין
דער ווײַס־שוימיקער טײַך איז אויסגעוועפּט
און אויסגערונען,
רגעס־פֿלאַטערלעך פֿאַרשווינדן,
פֿון סאָווע־הייל אַנטרינען.

מיטן האַרבסטיקן שבט לאָמיר זיך באַשירעמען
פֿון פֿײַער־האָגל
אין די ערי־מקלט בלויע
וואָס פּאָעטן האָבן אויסגעטראַכט.

אין גאָלדענעם דעמער פֿאַרגיב מײַנע קאָמפּלעקסן,
איידער כ׳וועל אַרײַנגעוואָלקנט אין דײַן נאַכט.

ביימער פֿלאַקערן

דער מידער אויסגעגליטער טאָג מיט קראַנקע פֿיס
האָט זיך קוים דערשלעפּט צום פֿאַרנאַכטיקן ברעג,
אָפּגעזומערטע ביימער פֿלאַקערן אויף אונזערע קעפּ,
אַלע וואַנדער־פֿייגל מיט ווינטיקע פֿליגל ציען שוין אַוועק
און מיר בלײַבן ווי נאַראַנים מיטן בידנעם פֿאַרמעג.

אין אַלע פֿאַרוואָרלאָזטע ראָגן
וואָלגערן זיך אונזערע בלענדיקע פֿאַרטאָגן,
באַרוישטע תכליתן, קוים־דערלעבטע איבער־אַ־יאָרן,
אויף לבנהדיקע בענק דאָס שווײַגנדיקע לשון
פֿון גלייך־צעדביקה׳טע פּאָרן.

אין יעדן נײַ־אויסגעבעטלטן באַגינען
ווי קען מען אַנטלויפֿן, פֿון זיך אַליין אַנטרינען.

נעילה

אין מײַן גערטנדל צעשטערטן, ערב בליען
ציִען טעג ווי פֿייגל אין ניט־רײַפֿן פֿליען.

אין דער וויוגע פֿון מײַן צײַט כ׳וועד מיטגעבלאָזן,
טרוימען שטרויענע קנוילן זיך אויף בלינדע שטראָזן,

אָפּגעלעבטע יאָרן, גרין־פֿאַרגעסענע אַמאָלן
נידערן אַראָפּ אין הוילע בענקענדיקע טאָלן,

מיד־פֿאַרהאָרעוועט זײ דראַפּען זיך אויף גלײַכע ווענט,
מיט לעצטע כּוחות און געביינען קלאַמערן זיך הענט.

נאָר אויבן אויפֿן בלויען באַרג קלעטערט שוין נישט קיינער,
געבליבן כ׳בין אַליין אַ ווידערשפּעניקער אַליינער.

סוף־זומערדיק אַ מאַרגנטוי פֿאַרשפּעטיקטער, צעגליט,
כ׳האָב אַלץ נאָך ניט דערזונגען מײַן אײַנגעפּעדעמט ליד.

קליינע טאַנצנדיקע בלעטער וואָס האַלטן שוין בײַ נעילה
פֿאַרלאָטען מײַנע ווייטיקן מיט אָסיענדיקע פּילן.

איך בין נאָך אַלץ דער שומר פֿון אָוונטיקן גאָרטן,
ברכי נפֿשי פֿאַר מײַנע לידער קליינע אָפּגעשפּאָרטע.

וואָס די לבנה דערציילט

ווי אין הינערפלעט, תמימותדיק זיי שטאַרן
אויף פּלאַנטערוועגן פֿון געשיכטע:
פֿרעמד־פֿאַרווירטע זיי גלאָצן אויף מיר
מיט צעטומלטע געזיכטער.

ווער וועט פֿאַרזייען דײַנע טעג
מיט אַלף־ביתן, גאָלדענע קערנער,
האַלטן ס׳ווײַסע ציגעלע בײַ די הערנער.

ס׳ליד ווער וועט דיר זינגען
פֿון מײַן טאַטנס אור־נאַכט,
— ציילן זײַנע אויפֿגעבליצטע שטערן
בײַ טישן געדעקטע מיט זמירותדיקע טרערן.

אין דײַנע אויגן כ׳וועל אַרײַנשײַנען
נאָך פֿון ערב־געטאָ אונדזער טרויער אַנגעגליטן,
מיט קליינע פֿענצטער
אין כּיסלו־שניי געהילטן.

כ׳וועל גיין מיט דיר באַנאַנד
אין דמיון־לאַנד
פֿון יידיש־עפּל־סאָד צעבליטן.

צווישן מויערן מיט פּרצ׳ס קינדער
געפֿרוירענע, פֿאַרשנייט
אַ פֿאַרבליפֿטער, שטוינענדיק וועסטו הערן
וואָס די לבנה דערציילט.

ווען די פֿייגל וועלן אויפֿהערן זינגען

מײַן זון, מאַרק

אַז זיי וועלן אויסגליען דעם גזיאָמער,
פֿאַרמאַטערן דײַן שווערן טאָג ביז ווערן טויב,
וועסטו אין אַ יחידותדיקן ווינקל אַוועק זיך שאַרן
און בלעטערן מײַנע לאַנג־פֿאַרגעסענע צערן,
וואָס האָבן אין דײַנע קעלערן געשטויבט.

אויף שטראָזן טונקעלע כ׳וועל דיר מיטגעבן
מײַנע צעוווּנדיקטע לאַגער־שיך,
די מגילה פֿון הימלאָזן פּיין און צערידער,
אַ טאָרבע גלויביקע לידער.

ס׳וועלן פֿייגל טרויעריקע אויפֿהערן זינגען
אויף אונדזער נאַקעטן בוים,
נאָר דו וועסט אָפּשימלען די נאָטן פֿון אַ הונגעריקן טרוים;
אין סידור פֿון מאַרגן־טוי וועסטו דאַוונען
לאַנג פֿאַרגעסענע ניגונים,
געטובלטע אין מײַן טאַטנס ברונעם.

ווען אַ דורשטיקער וועסט זיצן בײַ פֿרעמדע טישן,
וועסטו זיך קוויקן מיט מײַן מאַמעס זומערדיקע זאַפּטן,
אויפֿן געלעגער פֿון אַלע פֿינצטערנישן
כ׳וועל דיר זײַן אַ חלום־קישן.

מײַן ליבע וועט דיך ראַטעווען פֿון וואָלקן־בראָך,
און אין דער נאַכט אָן שטערן,
בראַנדיקע ווּלקאַנען,
וועסטו עפֿענען דײַנע אויגן פֿאַרטאָג
מיט אַ נײַ־צעבלויטן מודה אני.

מן המצר

דערלאַנג מיר דײַן האַרף פֿאַרוואַרפֿענע
אין בריאיקן הפֿקר־גראָז,
איך וועל זי טובלען אין טרערן פֿון אַ קינד
אין טויען פֿון געבלי
צערודערן די סטרונעס פֿון אונדזערע מזמורים
קוים־דערהערטע
פֿון מײַנע הכנעהדיקע פֿעטערס די פֿאַרהוילענע געקלאָגן
וואָס האָבן אין מיר אַרײַנגעטריפֿט
אין יענע דורשטיקע פֿאַרטאָגן.

אויף מײַן טאַטנס הענט ציטערן טויבן־תּפֿילות,
גענענען צו די קרישטאָלענע הימל־טויערן
וואָס זײַנען לויטער, נאָר האָבן נישט קיין אויערן;
אין גי־צלמות האָבן די רחמים קוואַלן אויסגעריגען
ביזן לעצטן טראָפּ,
און איך אין בושה בין אַוועק פֿון דײַנע חסדים
מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

דערלאַנג מיר דײַן פֿרינצישע האַרף
וועל איך דיר אויסשפּילן אַ קאַפּיטל וואָלגער אין דער פֿרעמד:
אין זומפּיקע טעג האָבן געריזלט אונדזערע בלוטן:
מן המצר קראתי יה,
נאָר דײַנע בּרינעס זײַנען געוועזן פֿאַרשטאָפּט
און די הימלען האָבן געשוויגן ביז דער לעצטער שעה.

אויפֿן בערגל פֿון חוני המעגל

אונטער אַ שניי־פּערענע פֿון לעטאַרגיע,
ווי חוני המעגל כ׳וועל זיך אויפֿוועקן
אין בלענדיקן חלום פֿון שפּעטערן דור,
באַוווּנדערן מײַן עפּלבוים,
וואָס כ׳האָב פֿאַרפֿלאַנצט פֿאַר זיבעציק יאָר.

אײַנגעקנוילט מיטן איבערבעט
פֿון הונדערטסטן פֿרילינג,
וועלן פֿליגל פֿון שוואַרצע קראָען
פֿליסטערן דעם פּחד,
וואָס גליט אין מײַן חזיון.

כ׳וועל אפֿשר
מײַן טרויעריקן טעות טובלען
אין ימען פֿרייד,
פֿאַר מײַן יאושדיקן פֿידל,
זינדיקע רייד.

נאָר דערווײַל וועק ניט מײַן שלאָף.
אויפֿן בערגל פֿון חוני המעגל
זאָל זיך וויגן מײַן עפּלבוים
מיט די צאַקנדיקע שאָף.

מיך שרעקט

גיב מיר דעם דינסטן שטראַל פֿון אמונה,
אין מײַן אַנטלויף פֿון ברענענדיקע וועלטן
זאָלן דײַנע טירן ניט זײַן געשפּאַרט,
בײַם בלויען הימל־ברעג מיך ניט סטראַשען ווידער
מיט „דאַוויי נאַזאַד״.

טריף אין מײַנע אָדערן אַ טראָפּן גלויבן,
זאָל זײַן פֿאַרבלענדעניש, פֿידל־קלאַנג
פֿון בעטלערס בלינדע,
ס׳איז פֿאַרצערט די וועלט פֿון אָדמס קינדער.

גיב מיר די הבטחה פֿון באַשירעמטן פּאָעט
אויף יענער זײַט מויער, אין פֿאַרטייעטן ראָג,
צו באַזינגען די ווייען פֿון נײַעם טאָג.

מיך שרעקט די נאַכט־פּיאַפּקע,
וואָס צאַפּט פֿון מײַנע שטערן די ליכט־
פֿאַרמשפּטע מיר פֿלאַטערן
און שפּינגעוועב,
ווי די העלדן פֿון פֿראַנץ קאַפֿקאַ.

לאָז מיך ניט דער לעצטער זײַן

אין קעלערווײַן, פֿון דײַן פֿולן צויבערקרוג,
מײַן ברענענדיקן דורשט
כ׳האָב ניט געשטילט גענוג.

מבול ניט דײַנע מידע לידער אויפֿן שליאַך,
כ׳בין מיד אַליין אין וואָגל־שפּאַן
פֿון כּרך צו כּרך.

מײַנע טעג, סקריפּנדיק,
אין וואָגן, אײַנגעשפּאַנט,
טרײַב ניט בלינד צום בלויען
אומבאַקאַנטן ראַנד.

יאָג מיך ניט צו שנעל
מיט דער סטאַדע באַרג־אַרויף,
כ׳וועל פֿאַלן פֿון די כּוחות
אין געקלעטער, אין געלויף.

כ׳וויל נאָך טרינקען
פֿון דײַן פֿולן צויבער־קרוג;
לאָז מיך ניט דער לעצטער זײַן
אין זינגענדיקן צוג.

עד עלות השחר

גיב מיר אַ שטראַליקן סימן, זײַ מבטיח,
אַז די גרענעץ אַריבער כ׳בין בשלום
מיט מײַן אַנטלאָפּענעם איך.

אַז כ׳האָב טאַקע אַריבערגעשפּרײַזט
דעם יוון מצולה,
און ניצול געוואָרן פֿון דער מאיומדיקער שריפֿה.
צי איז ניט אַ טעות דער רעגנבויגן,
אַ דמיון־שפּיל פֿאַר מײַנע פֿאַרבלענדטע אויגן?

נעם צו פֿון מיר די אַלטע הכנעה
און דורותדיקן גלגול פֿון קאַפֿקאַס גזר,
ווען זיי משפּטן מיך דעם אומשולדיקן נאַר.

פֿון אויסבריען קינדער, באַשירעם,
אין ליכטוואָלקן ניט צעווערעמטן פֿון האַס;
מיט אורפֿרייד פֿון פֿליגל אין ערשטן פֿלי
צוריק מיך פֿאַרקנס.

גיב אַ שטראַליקן סימן דעם באַצויבערטן גייער
אויף דראָטן וואַקלדיקע שוואַכע,
אַז נאָך ציטערן יום־כּיפּורדיקע הענט
אין בענטשונג איבער מיר
עד עלות השחר.

לאַבירינטן

עפֿן מיר דײַן שטײַן

אין דײַנע לאַבירינטן אויסגעהוילטע כ׳בין דער איבערבלײַב
פֿון שקיעהדיקן שבט מיט די ברוין־פֿאַרראַסטע פּײַלן,
אויף בלוי־גרינע וואַסערשטראָמען פֿלאַטערן לבנהדיקע נעכט,
איך בין דער נסימדיקער בוים פֿון אויסגעזעגטן וואַלד;
קלויסטערס שווײַגנדיקע זײַנען עדות פֿון מײַנע אַשיקע רוינען,
אין ברוכוואַרג קרישלדיקן ווימלען עקדישן און שפּינען.

דער מוני־וואַסערפֿאַל מבולט פֿון גרין־רויטע סקאַלעס,
אויף שטריקלייטער הוידן זיך טונקל־ברוינע מוידן,
אין ווילד־צעברוגזטן קאַלאַראַדאָ טראָגן זיך אויף מילכשוימען
אונדזערע אַראַפּגעפֿאַלענע אַראַנזשענע טרוימען.
פֿון אויסגעקוילטן הירשן־דור איך בין דער לעצטערווידערקול
אין דײַנע קאַכנדיקע מידבר־שטויבן.

ווי קען מען זיך פֿון קעסל זידיקן באַהאַלטן?
אויף אַלע טורעמדעכער פֿון דער וועלט לויערן די קללות
פֿון מעסערשנײַדיקן פֿאַרגיין;
עפֿן דײַנע גראַטעס,
עפֿן מיר דײַן גורלדיקן שטײַן, סיזאַם!
לאָמיר זיך פֿאַרטײַען אין דײַנע לאַבירינטן
עד יעבור זעם.

מידבר אַריזאָנאַ

אינדיאַנער בראַנדזענע פּרעגלען זיך אין זונענטאָל,
אײַנגעקנוילט אין ווילדגראָז קריכן ראַטלשלאַנגען,
פֿון קעניאָן קײַקלט זיך אַראָפּ דאָס הוילע ווידערקול
פֿון די רויבפֿייגל אין רעזערוואַט געפֿאַנגען.

אַרויף מײַן חלום קלעטערט איבער הויקערדיקע קעמלען,
פּעלדזיקע זײ הויערן פֿאַרסמאַליעט און פֿאַרברענט;
שטעכלביימער דוכענען מיט אויסגעשטרעקטע הענט,
אײַנגעלוליעט וויסטענישן גענעצן און דרעמלען.

פֿון פּיאָנערן־וואַנדערערס כ׳דערקען די אומרושפֿורן
אין נאַכט־סכּנה וואַגלען מיד און מאַנאַטאָניק,
ווי מײַנע אָבות חומשדיקע אויף ציגײַנער־פֿורן
ציִען זיי אין דמיון־לאַנד פֿון מילך און זיסן האָניק.

פֿון מײַנע נע־ונדן כ׳ברענג דיר אומעטיקע גרוסן,
מדבר־לאַנד פֿון קעניאָן און שטעכיקע קאַקטוסן.

פֿון ליים און כאַאָס

אײַנגראַווירט אין פֿײַערדיקן קעניאָן־פּעלז
כ׳בין דערהויבן איבער אַלע נישן,
פֿון ערב בראשית דער ליימענער גולם
פֿון אדם הראשון.

צווישן די חיות הקודש כ׳האָב דאָ גענעכטיקט
אין מאָרגן־רויט פֿאַרשטאַרט
נאָך פֿאַר יענעם מבולדיקן שטורעם
אין די חושכדיקע תהומען,
איידער גאָט האָט מיך געפֿורעמט.

פֿון שטראַליקן אָנהייב כ׳בין דאָס ריזן־קינד
פֿון ליים און כאַאָס, געקנאָטן און געווירן;
אין שטיין — אַז איינגראַווירטער נישט,
אַ וווּנדערלעך געמיש פֿון חושך און ליכט,
איידער צבאות
האָט באַוויליקט מיר דאָס געטלעכע געזיכט.

יהי אור

גיב מיר פֿון דײַנע פֿליגל די בלויע טרייסט,
פֿאַרוויש דעם צאַפּלדיקן פֿלי פֿון צײַט,
כ׳וויל אַנטרינען מיט מײַן האָב און קינד
אין דימענסיע פֿון אויסגעטראַכטער ווײַט.

אונדזער דור גייט צו אלקים
אויף אַ נוקלעאַרן שוואָם;
כ׳ציטער פֿאַר דער ברענענדיקער שטים,
וואָס צערײַסט די דינע בריק
איבערן תהום.

מיטן פאַסטעך מיר ראַנגלען זיך אין קרײַז,
קליינע פֿאַרמשפּטע שאָף;
לאָמיר אַנטלויפֿן פֿון סוף
צוריק צום בראשיתדיקן אין־סוף.

אַז כ׳קען ניט אַריבערשפּרײַזן דעם וואָלקן־בראָך,
וואָס קללהט טאָג און נאַכט
אַרײַן אין אויער,
לאָמיר אַנטרינען צום ערב־אָנהייב
פֿון בראשיתדיקן יהי אור.

אויף אירע ווייכע הענט

ביימער דרעמלדיק אין ברי־גראָז אויסגעצויגן,
לעצטע זאַפּטן — אויסגעזאַגט און אויסגעזויגן.

סלאָוויקעס־געטריל חלומט נאָך צוקאַפּנס,
קראָען נודנע חושכדיקע כראַפּען.

פֿײַער־וואָלקנס ציען איבער בוים־געקרויז,
אויף היי־צעבלימלטן אַ ליפּע קראַנק גייט אויס.

אוי, די ליפּע האַרציקע פֿון מײַנע וואָגל־יאָרן,
ווײַסע בליטן זינגען פֿריש אין מײַן זכרון.

אָפּגעבענקטע פֿרילינגס אין די ראָוון וויאַנען,
פֿייגלשע סאָנעטן־שטילע אויסגעגאַנגען.

מײַן טריבער חבר אויפֿן נאַכט־געלעגער,
אַנטרינען פֿון זײַן חלום איז די לעצטע רגע.

צאַנקענדיק ער דעכעט נאָך מיט אָטעם שווערן,
דער ווינט האָט אויסגעבלאָזן אַלע זײַנע שטערן.

מאַמע־נאַכט געגענט מיט סומנע אויגן אָפֿן,
אויף אירע ווייכע הענט דער בוים איז אײַנגעשלאָפֿן.

זי וואַרט

די בערעזע אין טונקעלן וואַלד
איז דער גלגול פֿון מײַן ראַנדעוו,
וואָס כ׳האָב פֿאַרשפּעטיקט,
ווען דער ווינט האָט מיך אַוועקגעבלאָזן
אין גרויליקן ערגעץ־ווו.

פֿרילינג באַנײַט זי איר ווײַס צעבלימלט קלייד,
און אין האַרבסט וויאַנעט איר פֿרייד.
אַזוי וואַרט זי אויף מיר
אין יענעם טונקעלן וואַלד
און ווערט קיינמאָל ניט אַלט.

אין צענטראַל-פּאַרק

די קריפּל-ביימער אין פּאַרק
זײַנען פּרײַנטלעכע היפּיס
מיט געלאַטעטע צווײַגן,
איך זיץ אויבן אויף אַ צעלעכערטער נעסט
און פּײַף. אויף די אויסגעטריקנטע,
צעדרייטע געסט.

אויפֿן באַנק די אַנטלאָפֿענע וועלט,
פּרײַכט אַ הייסע,
פֿאַרלעך צעשויבערטע, אַרומגענומען
קושן זיך מיט אויגן פֿאַרגלייזטע.
מיט די שנאָרער-טויבן אין גראָז.
דער מידער טרויער רוט זיך אָפּ:
און איך,
דער פּראַנט, שפּרײַז געלאַסן
מיט מײַן בלויען שירעם איבערן קאָפּ.

שומר פֿון טונקעלן וואַלד

שומר פֿון די נאַכט-רויזן, אײַנגעבלויט אין שלײַער,
פֿאַרהיל אונדזערע פֿלאַטערדיקע קרוינען, שוואַכע,
דערבאַרעם און דערוואַרעם מײַנע צאַרטע זײַד-געוועבן:
ווײ, ווײ, די שטעכל-צווײַגן וועלן אונדז אַלע איבערלעבן.

שומר פֿון די שאָף געראַטעוועטע אין דער שׂרפֿה,
טרינק אַן דאָס אָפּגעצערטע פֿעלד מיט פּאַסטעך-טרערן;
אַנטפּלעק דײַן ניסימדיקן שטעקן,
אַז די וועלף זאָלן זיך מיט אונדזער בלוט ניט באַלעקן.

שומר פֿון מידן וואַנדערער אויף וועגן זײַטיקע,
וואָס האָט פֿאַרגעסן אין דער היים זײַנע דורשטיקע תּפֿילות,
עפֿן דײַן ברונעם פֿאַרן לעצטן גייער,
כאָטש ס'איז לאַנג שוין נאָך אַלע תּעניתים און נעילות.

שומר פֿון הירשן דערשראָקענע, פֿון דײַנע היטער מיך באַהיט,
ווען ס׳ברעכן זיך קשאַקעס אין געיעג:
אין די ווילד־גראָזן ניט־צעטראָטענע מײַנע קינדער באַהאַלט,
שומר פֿון טונקעלן וואַלד.

גאָטס לידער

די כריזאַנטעמעס, האַברעס און רויזן
זענען גאָטס לידער אין בלומענפּאַרק,
דער ווינט — אַ האַרפֿע
וואָס קלימפּערט צום טאַנץ
פֿון בלעטערוואַרג.
אין לאַנד פֿון קאָלירן און צויבער
ווערן רײַף די פֿיאָלעטע טוליפּן,
ווי שיר השירים
אויפֿן פֿאַרליבטנס ליפּן.

בלעטער־געזאַנג

אונדזערע האַרבסטיק־אָראַנזשענע טעג
טרינקען פֿון הימל־ראַנד ס׳לעצט ביסל ווײַן
טראָפּן ליכט ווינט פֿון רויט צעגאָסענעם
פֿײַער־פֿלאַם
און פֿאַלט אַרײַן אין שוואַרצן ים.

אין ווירבל־ווינט
מיר זענען דאָס גאָלדענע בלעטער־געזאַנג,
מידע ציגײַנער אויפֿן בלויען וועג
שלעפּן זיך מיטן פּאָעטישן פֿאַרמעג.

אין פֿראָסטיקן שבט
ווען טשווירקענדיקע פֿייגל אין שניי
אויספּיקן קרישקעס בענקשאַפֿט און פּײַן
און זיך אָנשיכּורן מיטן זאַפֿטיקן חלום
פֿון אונדזער גניזהדיקן ווײַן.

דער חלום פֿון אַ בוים

דער בוים אויפֿן ווילדגראָז אויסגעצויגן
חלומט אפֿשר פֿון פֿייגל־געטריל
און מאָרגנטוי,
פֿון שנייאיקע בוראַנעס און וועלף־געוואָי;

אָפּגעוועלקט אויפֿן טוכלען מאָך
ער חלומט פֿון זשיוויצע און רעגן־שפּריי,
פֿון בלויען ווינט און האַרבסטיקן געדיי;

נאָר איבער אים פֿלאַקערט די שקיעה,
דער פֿיאָלעטער ניגון פֿון לעצטן סטראָף,
טיף־פֿאַרזונקענער שלאָף.

און איך אַליין
מיד פֿון וואָגל־טעג וועל אויסטון
מײַנע שיך, וואָס האַלטן זיך קוים
און מיט די היימלאָזע פֿייגל קדיש זאָגן
נאָכן חלום פֿון אַ בוים.

תפילה זכה

אין מערב־צײַט צעפֿלאַמטן האָריזאָנט
ברענען קופּערנע בערג־שפּיצן פֿון ערב־בראשית,
אויף ויידן־יובלס האַרפֿע ציטערט דער מדבר־ווינט;
איך בין בלויז אַ צעקרישלטער עכאָ פֿאַרווירט
אין בין־השמשותדיקן לאַבירינט,
אַ ווונדער־אַטאָם אין שפּרײַ־רעגן,
די שטילע שמונה עשרה פֿון אַ קינד.

אין רחמים־צײַט פֿיר מיך אויף דײַנע הייל־גראָזן,
עפֿן דעם חסד־קוואַל פֿון ערב־באַשאַף;
צו קילן מײַנע ווונדיקע ליפּן
איז גענוג בלויז אַ מיקראָסקאָפּישער טראָפּ;

צבאות, אַ באַרוועסער, אין רחמים־צײַט
נידערט שקיעהדיק אַראָפּ.

אויפֿן קופּערנעם פֿעלז, אין געשוויַג פֿון רואינען,
פֿאַרנעם אונזער קול דממה דקה,
תכלתדיק וואַלקנט זיך אַרײַן אין דער נאַכט
מײַן טאַטעשיס לעצטע תפילה זכה.

◆

פֿאַרשפּעטיקטער פֿרילינג

כ׳וועל אָנטאָן ס׳פּנים פֿון אַ ייִנגל ווילד צעלאָזן,
זאָל אויף מײַנע זילבער־האָר אַ פֿלייץ טאָן
דער ערשטער ווּעסנע־רעגן, און אויף נאַסע גראָזן
מיט מײַן עלטער אויף להכעיס זיך אַ רייץ טאָן.

כ׳בין די ווײַנענדיקע ווערבע פֿון אַלע צײַט־יאָרן:
אין האַרבסט־ווינט, אין ווינטערדיקן ווײַסן שווײַגן;
נאָר הײַנט וועל איך אַראָפּשווענקען דעם טרויער פֿון זכרון
אים אַרויסהענגען אויף די בליִענדיקע צווײַגן.

לאָמיר אויסלופֿטערן אונדזער ערב־פּסחדיקע נעסט
און אויפֿנעמען פֿון מידן וואַנדערוועג די פֿייגל־אורחים:
מיר קענען ניט די פֿרעמדע יום־טובדיקע געסט,
נאָר זיי וועלן נסימדיק אַרײַנפֿליִען בעל כרחו.

ווי פּרצעס שפּעט־רויז, אונטער דײַן השגחה
כ׳וועל זיך אויסבאַהאַלטן פֿון ווינטיקן געפֿאַר,
ביז ס׳וועט צעזונגען זיך אונדזער צויבער־סאַכע,
דער פֿרילינג זאָל ניט וויאַנען אין מײַן וואָקאַבולאַר.

האַלט אײַן דעם וואָגן אויף בלאַנקענדיקע שטראָזן,
מאַנגערס שאַליקל טו אויס פֿון אונדזער ליד,
כ׳וועל אָנטאָן כ׳פּנים פֿון אַ ייִנגל ווילד צעלאָזן,
שאַריען זאָל דער פֿרילינג הײַנט אין מײַן געמיט.

◆

היל מיך אײַן, וואַלד

נעם מיך אַרײַן אין דײַנע מיסטישע אָרעמס, וואַלד,
פֿאַרוויש די פּחד־שפּורן אין מיר פֿאַרהוילענע,
אין מײַן אַנטלויף פֿון בראַנדיקע סכנה־בליקן
באַהאַלט,
אַז די שיינע וועלט זאָל מיך ניט דערשטיקן.

אין געבלעטער פֿון אָשינעס און צווײַגן־געפּלעכט
עפֿן מיר דעם מאָכיקן בונקער־שטיין, סיזאַם!
צינד מיר אָן דאָס פֿאַרפּיר־ליכטל אָראַנזשענע
אין גרינעם פּעלזן־שפּאַלט,
פֿון קלאַנגנדיקע רויב־פֿייגל און יעגער־הינט
באַשירעם מיך,
וואַלד.

אין דײַנע געדיכטעניש וואַלגערט זיך
מײַן יונגע נעסט
די סומנע פּלייט פֿון אַ פֿאַרלוירענער דוינע
פֿייגל־תּפֿילות פּלאַטערן נאָך
אויף דײַנע סאָסנע־קרוינען.

מיט גרינער שלווה פֿון טאָפּאָלן
היל מיך אײַן, וואַלד:
אין האַרבסט פֿון מײַנע יאָרן כ׳האָב פֿאַרברענט שוין
אַלע צוריקן,
אַז די שיינע וועלט זאָל מיך ניט דערשטיקן.

צויבערפלייט

בבֿל־טורעם

אין שינערטאָל
מיט הפֿקר־אויגן גלאַנצט דער טורעם
אויף מײַנע ציטערדיקע שטערן.
בבֿל־כמאַרעס ציִען
ערבֿ־שטורעם;
ס׳וועט דער אוניווערס אונדז לעבעדיק פֿאַרצערן.

רוימשיפֿן פֿון בראשית
שווימען און בלענדיקן חלל,
אונדזער חלום אויפֿן לעצטן גאָרן
רײַסט זיך
צו זײַן צאַפּלדיקן פֿאַל.

ווען ס׳וועט דער בבֿל־טורעם נעמען קראַכן,
וועלן רוימשיפֿן בלאָנקען זיך אומזיסט;
מיך שרעקן ניט די אָפּגעפֿרעמדעטע שפּראַכן:
כ׳ציטער פֿאַרן גיפֿטגערייד
וואָס רויעט זיך אין מיסט.

בלאָנדע שלומית

ס׳איז געווען שוין נאָך אַלעמען:
דער מבול אײַנגעשטילט,
דער כּעס אָפּגעקילט,
ס׳ליידיקע וויגל אײַנגעוויגט.

די מאַמע־נאַכט
טרינקט אויס דאָס גרין פֿון ים,
די לבנה שוועבט אויף שוואַרצן סאַמעט,
אַ גאָלדענע תבה.

פֿון פֿענצטערל גאָפּט אַ בלאָנדע שלומית;
אויף יענער זײַט נאַכט ווימלט
אַ געווימל פֿון חלומות.

צויבערפֿלייט

דו ביסט מײַן פֿאַרלאָפּטשעטער פּאַסטעך,
אַנגעלאָדן מיט אורוואַלדיקן זמר;
אין זאַטן גראָז — די צויבערפֿלייט
פֿון ערב באַשאַף
און איך בין דאָס שעפּסעלע פֿאַרגאַפּט.

יובל מײַן זיידע, גאָלדענער אָרעאָל,
אויף דײַן הארבסטיקער פֿלייט
ציטערט מײַן ווידערקול,
פֿון אָפּגעוועלקטן בלאַט — איך בין
דאָס ניט דערהערט געוויין,
די תפילה פֿון בלויען וואָלקן
אין נאַכטיקן פֿאַרגיין.

צויבער פֿלייט, שפּיל מיר דאָס ליד פֿון עדה
דעם בלענדיקן נס פֿון אַ מאַמע
אין שויס פֿון ליבע און שרעק,
אויף דײַנע גאָלד־בלאָנדע האָר, יובל,
דעמערן אונדזערע אַנגסטיקע טעג.

בראשית־ליד

אין גראָטע אויסגעבעט
מיט פּעדערגראָז און פּלעווע
אַ קינד צעוויינט זיך,
ווי אַ הונגעריקע מעווע.

אין אויסגעהוילטע אייקאַליפּטן
דרימלען נאַכטיקע סאָוועס,
אויפן גיחון־טײַך שווימען
מײַנע יעגער־אָבֿות.

עלטער־באָבעס בראָטן גן־עדן־עפּל
אויף קנאַקנדיקע שפּענער,
אין נעסטן קרייען רעגן־בויגנדיקע אויערהענער.

נפֿילים אין די סטעפּעס
רײַטן אויף צעפּאָטלטע מאַמוטן
מיט מוידן נאַקעטע, צעשויבערטע
— אָפּגעקאָכטע בלוטן.

פֿון די בראשית־בערג ציגן ווילדע
לאָזן זיך אַראָפּ,
דער קלעזמער יובֿל זינגט אין הייל
מיטן חומשדיקן טראָפּ.

יונה הנביא

אין די ים־טיפֿענישן ווער קען דערהערן
זײַנע שאַרכנדיקע תּפֿילות,
דאָס ווידערקול פֿון צעשראָקענעם געוויסן
אין אַנטלויף פֿון דער וועלט.

געשלײַדערט אויף די צעשויבערטע אינדן,
ווי קען מען אַנטרינען פֿון אונדזערע גורלות בלינדע,
און חלל־בויך
ריזלט דעם נביאס פּחד און געגאַד,
ווי קען מען זיך אין בונקער־פֿיש באַהאַלטן פֿון גאָט.

צווישן הימל און ים אין פֿינצטערן טראַכט
דעם נביאס פֿאַרוואָגלט געוויין
ווער קען דערהערן?

די בלויע נאַכט איז טויב,
דער וואַלפֿיש האָט אויסגעטרונקען זײַנע שטערן,
אין טונקעלן ראַנד זינקט דער נײַער מולד,
— דעם חוזהס אונטערגייענדיקע שיף.

כוואַליעס אײַנגעשטילטע הוידען זיך און וויגן
מיטן חלום־שטעקן אויפֿן זאַמד
ליגט דער נביא יונה אויסגעשפּיגן.

יובל

אין נאַכטיקן געפּליסטער מיר קלעטערן
אויף נעפּלדיקע שטיגן
צו דיר מײַן אור־קלעזמער יובל,
חדוהדיק טרינקען פון בראשית ניגון.

טראַפּ־קלאַנגען מיר זענען אַליין
פון אַלטן באַהאַלטענעם קוואַל,
עכאָס צעקרישלטע
פון צעניגונטן וואַסערפאַל.

אויפן קופּערנעם באַרג־שפּיץ
דער האַרף־מײַסטער שפּילט מיט ווייַנענדיקע פינגער
סטרונעס ציטערן, דוממים שווײַגן:
ניט דיווילדע ליבע, יובל,
נאָר דײַן מאַמעס האַרבסט
ברענט אויף סעקוואָיאַ צווײַגן.

צוקאָפּנס מײַן וואָגל־געלעגער
שפּיל מיר יובל דעם ערב־ניגון,
דורשטיק מײַן חלום קלעטערט צו דיר
אַרויף אויף קופּערנע שטיגן.

די ברכות פון בלינדן

נאַכט טריפט אַרײַן אין יצחקס אויגן
ביטערניש פון זײַנע זין, די פעלקער־טאַטעס:
אַנמאַכטיק ער טרײַבט פון זיך די טשאַטעס
פלעדערמײַז, וואָס זײַנען אַנגעפלויגן.

אין דמיון ער ציילט גאָטס פינקלדיקע שטערן,
נאָר זײַן חלום אויסגעבעט מיט טוכלער מאָך איז:
ער דרעמלט אויפן זאַק מיט קאַרגע ברכות,
— דער הימל וועט זײַן בלינדעניש פאַרצערן.

ס׳וועט קומען יעקב אַ באַהאַריקטער, פֿאַרשטעלט,
עשו אויסשנאָרן וועט זײַן ברכה מיט געוויין:
מידער טרויער גליווערט אין יצחקס געביין,
די רויב־פֿייגל קראַקען שוין איבערן געצעלט.

דעם טאַטנס ברכה איז אונדז סײַווי ניט באַשערט,
די בכורה האָט די ווערט ניט אַ טאָפּ לינדזן,
נאָר ס׳קריגן זיך ביז היינט די ברוגזדיקע פרינצן
און דער מולך־גאָט בראַנדיקט אונדזער ערד.

אלישע

לאָמיר זיך אײַנהילן
מיט נסימדיקן מאַנטל פֿון נביא אלישע
פֿאַרבעטן די בלינדע אַראַמייער
צו אונדזערע געדעקטע טישן:
מיר וואַרטן אויף דיר, אלישע:
איבער אונדז בריען קופערנע הימלען,
מיר וועלן אויסגיין פֿון הונגער
מיט אונדזערע פֿאַלשע געטער,
ווייַ און ווינד, אַז מצורעים
ווערן אונדזערע רעטער.

כ׳וויל גיין מיטן נביא אויף פֿאַרגעסענע וועגן,
און בלויען וווּנדערלאַנד
פֿון זעטיקער גוטסקייט און רעגן.

אין די לעכער פֿון שפּינגעוועב אין מאָך
ווען ער וועט טרויערן אויפֿן מענטשנבראָך
און קילן די וווּנדן פֿון דער וועלט
וועט מײַן טויטער חלום אָנקלאַפּן אין זײַן טיר
און צוריק לעבעדיק ווערן פֿון זײַן באַריר.

דניאל

אין דײַן גרויליקער וויזיע, דניאל,
כ׳בין אַ שטויב פֿון פֿאַרחתמעטן סוד:
געשלײַדערט אין פֿײַער־טײַך,
אויפֿן שוים אַ געבונדענער בן אדם —
האָבן אויף מיר געווייט דײַנע חסדים.

אין לייבן־גרוב כ׳האָב מיט דײַן טלית זיך געהילט,
אײַנגעלולי׳עט די חיות הקודש אין צערטלעכן שלאָף,
נאָר די סאַטראַפּן און כשדים האָבן געברילט,
געטריבן די פּאַסטעכער ווי מען טרײַבט די שאָף.

כ׳האָב געזען דיך, איש חמודות,
אין יענער נאַכט פֿון צעקרישלטן גלאָז,
ווען ס׳האָבן פֿענצטער געפֿלאַקערט אין װאַרשע,
אותיות־בליצן האָבן געקריצט
אויף צעריסענע גרודעס:
מנא, מנא, תקל ופרסין.

אויף קוילנזשאַר, געלײַטערטע וועגן
מיט דיר, דניאל, כ׳גיי נאָך אַלץ
דעם װוּנדערלעכן קץ אַנטקעגן.

קלעזמער אין ירושלים

ירושלים

פֿון מײַנע טיפֿענישן אַן אַדע זינג איך דיר,
למנצח בנגינות מזמור שיר.

צו דײַנע בערג וואָס רינגלען מיך אַרום,
צו מײַן אייניקל אין שבת־טיכעלע פֿאַרפֿרומט.

מיט יאָרן האַרבסטיקע, שלאַבעריק, פֿאַרזאַמט
איך שלעפּ זיך דאָ אין בריענדיקן זאַמד.

אײַנגעגנורעט, אין רחמימדיקן טויער
זיצט דער זיידע מיטן אָפּגעבליאַקעוועטן זוהר.

מוטנע גיחון־פֿאַליעס דאַווענען שוין אַשרי,
מײַן מאַמעס צער קומט אַהער צו תשליך.

מײַן טאַטנס לעצט געוויין — אוי שמעו שמים,
אַ פֿײַער־תּפֿילה איז ירושלים.

פֿידל־סטרונעס ווי נערוון אָנגעשפּאַנט,
טרערן־ליכט צעשטראַלטע אויפֿן וואַנט.

נאָר הײַנט אין די צעווימלטע געדרענגטע האַליעס
מיט פֿאַעטן זינג איך שיר המעלות.

אויפֿן ציון־באַרג איך הער דעם ווידערקול
פֿון געטער אײַנגעזונקענע אין קידרון־טאָל.

אין אַרגיע־טאַנץ פֿאַגאַנישע, אוראַלטע,
יבוסים גליווערן אין בריענדיקע שפּאַלטן.

עיר דוד פֿאַלמעס גרין־צעקאַמטע פֿעכער
שלאָפֿנדיק זיך הוידן איבער דעכער.

דער הימל אין פֿלאַמען — בין הערבים,
אַ פֿײַער־געזאַנג אין ירושלים.

צפת

1.

און אָוונטיקן צפת האָט זיך דער טונקל־גרויער אומעט
אַראָפּגעקײַקלט פֿון די בערג,
אר״י הקדוש — אײַנגעהילט זײַן דאַרן גוף
אין שבתדיקן זײַד,
נאַכט־קליפּות און וואָלקן־זײַל פֿאַרשווינדן,
אַ בעדואינער־קינד אויף בלעמס אייזל
אין דער פֿינצטער רײַט.

מיט דער אָפּגעזונדערטער חבורה פֿון ראָזעווען חסד
מיר שטײַגן אויף געדרייטע שטיגן,
אַ שטיל־דרעמלדיק געפֿלאָטער־ניגון.

2.

ביסט אַרײַן אין מיר אַ צויבער־דיבוק, קאָרדאָוואָראָ
זינגסט אין מײַנע אָדערן פֿריש־אויסגעבריטע סודות
דײַנע פֿײַער־בליקן ווען פֿאַרלענדן אונדזערע צערן
קאָרדאָוואָראָ:
נאָר איך, פֿרעמד־פֿאַרווירט, דריי זיך מיט מײַנע
אַלטע ווונדן,
מיט אָטעם שווערן:

צו קבלת־שבת ווער האָט אויסגעבלאָזן מײַנע שטערן?
אויף דײַנע שוועלן איך זוך נאָך אַלץ באַשייד,
ידיד נפֿש, פֿאַרדריי נישט מײַנע ווידערשפּעניקע רייד.

3.

צפֿת אין ליכטיקן געבלענד פֿון נעפּלדיקע בערג־זקנים
בײַ דער האַנט מיך פֿירט שאָטנדיק רב חיים וויטאַל,
איך אָטעם דעם ווילדן האָניק־ריח אײַן
פֿון מײַנע פֿאָטערישע אָבות;
אויף צאַרטע גראָזן טריפֿט שבתדיקער שפּע־טל.

אײַנגעהערט אין ניגון פֿון מײַן זיידנס טריבן זוהר
איך מיש די פּאַרמעטן וויאַלע
בואי בשלום עטרת בעלה.

קלעזמער

מײַן טאָכטער רות

אויף בן־יהודה גאַס אין פּאַרנאַכטיקן געדרענג
די לופֿט איז אָנגעפּוישט מיט גערייד און צעשויבערטער מוזיק:
מיד, רעזיגנירט — דער טרויער קען זיך קיין אָרט נישט
געפֿינען,
פֿון די בערג נידערן אַהער צעגליטע שיר־המעלותן
מיט מאָדזשיצער נגינה.

אין ירושלים — בעלי תשובה־קלעזמער זײַנען קינדער
וואַנדלדיקע מיט צעקנאָדערטע בערד,
גלגולים פֿון חתונות אויף רבישע הייף:
באַבאַווער היפּיס גרימפּלען אונזערע פֿאַרוואָגלטע צערן
למנצח על הגיטאַרן.

אויף בן יהודה בולוואַר — ניגונים פֿאַרצויגן אין להכעיס־געמיט
פֿלאַקערן אין רויט־פֿלאַמיקער שקיעה,
קלאַרנעטן און פֿידלען וויינען מיט טל־ומטר טרערן,
באַקלאָגן אונזער נאָגנדיקע פֿרייד פֿון שלווה־יאָרן
וואָס דערכאַפּן זיך אין צאַנקנדיקן זכּרון.

אָ, שומר פֿון זמרדיקן געדויער, דאָס זײַנען מיר אַליין
דײַנע ציטערדיקע באַגלייטער פֿון פֿידל־געוויין
אין בלוי־זילבערנעם ווינט — ניצול געוואָרענע ניגונים־שיריים,
פֿאַרדבקותטע מיר פֿלאַטערן אַצינד בערי יהודה
ובחוצות ירושלים.

הר מנוחות

מײַן ברודער **חיים** — לזכר

אין טריבן פֿאַרגײן פֿון דור
האָבן זײַנע מידע וואָגל־יאָרן
מיט אַלע שטיפֿערישע רגעס און געווייִנען
אים אַרויפֿבאַגלייט צום פֿעלזיקן שטיין
פֿון אײן־סופֿיקן אַליין.

ווינקלדיק מיט דער חברותא שוויגער —
זײַן נאָמען אײַנגעקריצט אין פֿרום געלויב,
גן־עדן פֿייגל
קלײַבן פֿײַן־חשבונותלעך ווי שטויב.

אין פֿעלד שלאָפֿן די ברוגזן און צערן
אויף צווײַגן־הוידלקעס —
יונג פֿאַרליבטע טעג;
מזמורים צו די אויפֿגעבליצטע שטערן
און אָפּגעפֿידלטן פֿאַרמעג.

פֿון בינשטאָק איז דער האָניק אויסגערינען,
צעפֿלויגן זײַנען זיך די גאָלדענע בינען;
געבליבן איז דער קלאַנג פֿון אַ ניט־פֿאַרענדיקט ליד
און די כּלָניות רויטע, וואָס האָבן זיך צעבליט.

אין גן פֿון הר ציון

(מײַן אייניקל — שׂרהלע)

מײַן אייניקל אין גן פֿון הר ציון,
— אַ גאָלדן פֿייגעלע וואָס לערנט זיך פֿליען.

רויזן־בעקלעך גליאיקע, צעפּלאַמטע,
ווי דער מאַמעס ליבשאַפֿט ניט־געצאַמטע.

מיט איר גלעקל־קול צעקוויטשעט, דינעם
זי שרײַט אַרײַן אין תּהומיקן גי־הנם.

מײַן אייניקל מיט פֿיסעלעך פֿון אַ גאַזעלע,
און אויגן־פֿינטעלעך, צאַפּלדיקע העלע.

אַ מישמאַש פֿון סאַמעטענער צאַרטקײַט
און צברה־שטעכלדיקער אײַנגעשפּאַרטקײַט.

אַ פֿלאַם־טוליפּ אין גאָרטן־טאָל צעבליטן
געפּעשטשעט, געקעכלט און געהיטן.

פֿאַרגעסן כ׳וועל מײַן וואָגלדיקן טרויער
און מיטן קינד זיך דראַפּען אויף דער גלײַכער מויער.

אין אָונטשײַן מיר זײַנען שיכּור ביידע:

דאָס פֿלאַטערדיקע אייניקל מיטן דרימלדיקן זיידן.

פֿון גרויסן שבתדיקן טיש מיר זײַנען בלויז שיריים,
דאַנק איך פֿאַרן גאָב, מלך חי וקיים.

פֿאַר מײַן אייניקל אין גן פֿון הר ציון,
— אַ גאָלדן פֿייגעלע וואָס לערנט זיך פֿריען.

גלבוע

מײַנע פֿרײַנט פֿון קיבוץ)

1.

כ'בין דאָ אַ ניצול־געוואָרענער שאָטן פֿון דײַן פֿאַרשפּילטן קריג,
אין שפּעטער נאַכט — לעצטער אָטעם־קלאַנג פֿון אַ פּרינצישער לירע
גלבוע, גלבוע, אײך נפלו גבורים, דערשלאָגענע
אין דער נאַכטיקער שמירה?
אַלטע סאַגאַס באַשירעמען דעם קינדער־גן, די ברושים גרינע
און די אומגעקערטע צו די גרענעצן רעשטלעך פֿון דער שואה
גלבוע, גלבוע.

מיט מײַן חדר־לאָמטער איך וואַנדל אין היילן פֿון חללים
צווישן גריפֿן און שאַקאַלן וואָס קלאָגן און ווייען,
וותיקים באַוואַסערן דײַנע פֿאַרצערטע פֿעלדער מיט טרערן
פֿון ברינעס אַן דנאָען
פֿענטאָמען־קריגער, ליימענע געטער לויערן אויף מײַן חלום,
פּלישתים צאַרניקע מיט בלוטיקע אויגן פֿאַר זיי פֿאַלן כורעים,
גלבוע, גלבוע, אײך נפֿלו גבורים.

2.

פֿון רויכיקע הימלען, טרויעריקע טײַכן, לאַנד פֿון קאַשטאַנעס, טאָפּאָלן,
איך האָב דאָ פֿאַרוואָגלט אַ פֿרעמדער צו היימישע ברידער פֿון קֶן
וואָס האָבן וווּנדער געצונדן, גאָלדענע שטויבן צעאַקערט אין טאָלן:
אין שקיעה געברענט האָבן יונגע נשמות, פֿאַרצוקטע קינדער־רויזן
דער אַלטער גלבוע באַשירעמט די זילבערנע טאָץ פֿון מסילות
דאָס ליד פֿון פֿאַרברענטע צוריקן,
איך בין דער עדות פֿון חלום וואָס וואָגלט אין קרײַז אָן אַ תיקון.

3.

שטילע סילועטן אויף שקיעה־ראַנד פֿון פֿלאַמיקן באַרג
פֿאַרזינקען און טויכן אויף ווידער פֿון יענערזײַט תהומיקע גריבער,
מיט פֿינגער צעשטאָכן פֿון דאָרן־רויז, מיט לײַבער צעברענטע
זיי פויזן אין שאָטן פֿון מידן יאָר־טויזנט

מיט ווונדיקע פּיס פֿון נאַכטיק־פֿאַרסמטע געיעגן.
פֿייגל מיט ברייטע פֿאַרגעביקע פֿליגל צערטלען, פֿאַרוויגן די שלווה;
גלבוע, גלבוע, איך בין דער עדות פֿון חלום בית־אלפא,
די וויינענדיק־פּרינצישע לירע פֿון גלות טראָגט דיר אַנטקעגן
אונדזערע ברכות פֿון טוי און פֿון רעגן.

דער באַרג־שומר

מײַן אויפֿגעוועקטע עדה
טראָגט מיך אויף בראַנדיקע שטאַפּלען
אַרויף צו מײַן עלטער־זיידן, ישעיה,
דעם זינגענדיקן באַרג־שומר פֿון ירושלים.
זײַנע ליפּן — פֿײַער־קול, צעבריטע,
אויף בן־יהודה־גאַס ברוגזט זיך דער חוזה:
שטראָף ניט זיידעשי,
אין גאָרטן בליען דײַנע שבת־רויזן.
מינעןזינגער־נאַרן שפּילן אויף גיטאַרן,
לידער זײַנען דאָך אַלע מן־השמים,
קלאַנגען שכורע אין ירושלים.

הונדערט טויערן זײַנען אויפֿגעפּראַלט.
איבער דעכער נעפּלט זיך מײַן שטעטל
מיט קינדער חסידישע אין פֿריילעכע געלויפֿן:
ר׳ אביגדורל שפּרײַזט אין די אָרימע הויפֿן —
ווי אַ שאָטן בלחש כ׳גיי פֿאַרבײַ אים —
דער געטאָ טובלט זיך אין ירושלים.

זינג מיר ווי אַמאָל אין אַלטן פּרוכט־מאַרק
ס׳ליד פֿון רײַפֿע טרויבן אין כּרם,
אויפֿן ציון־באַרג מײַן ווײַנגאָרטן באַשערעם,
פֿון דײַנע ט׳ייסט־קוואַלן מיר שעפּן נאָך עד היום,
ווי אַ רויז אין מדבר פֿלאַמט ירושלים.

אין 40סטן יובל

איך געבוירן־טאָג פֿון דער מדינה
ווען איך אײַנפֿלאַנצן דעם לאַטאַס־חלום
פֿון די ראשונים, ותיקים
און אַלע פֿון חורבן־געראַטעוועטע,
באַרעגענען מיט טרערן דעם צעאַקערטן באָדן,
אונדזערע תפילות טובלען ווי אַמאָל
אין שווייס, אין געזאַנג.
פֿון נאַקעטע בערג און צעוויגטע טאָלן
און מיט שבת־בלומען צום אָרעמען טיש
פֿאַרבעטן דעם רעגנבויגן, די טערטלטויב
און דעם ברוגזן שכן אויף יענער זײַט כביש.

אין פֿאַרנאַכטיקן קיבוץ ווען ס׳דרעמלען שוין
די קינדער אין גן,
די שאָף און דיביימער אין עמק בית שאן
ווען איך מיט מײַנע ותיקים מידע, פֿאַרשלומטע,
געזעגענען צו דער פֿאַרגעסענער ברינע
און זיך אָנטרינקען מיט פֿרישן וווּנדער
אין געבוירנטאָג פֿון דער מדינה.

אין ייִדישן מוזיי

שאַגאַל אין וויטעבסק

אויפֿן שניי וויטעבסקער בלאָנקעט זיך שאַגאַל,
דאָס קעלבל פֿונעם בילד ער פֿירט צוריק אין שטאַל.

אין בערעזע־וועלדל אַ צלם סטערטשעט קרום,
געטליתט, קוקט זײַן טאַטע, צוגענאָגלט, שטום.

שווײַגנדיקע דעכער, מיד און אײַנגעשרומפּן,
ביזן האַלדז דער טרויער טאָפּטשעט זיך אין זומפּן.

חתן־כלה בליען אויף אַ ווײַסן צווײַג,
מחותנים — אײַנגעקנוילט אין הינערשטײַג.

אַ סאַרנע גאָפּט, פֿאַרוואונדערט לעבן הויז,
אויפֿן שוועל פֿאַרנורעט חלומט אַ פּראַנצויז.

ער פֿאַרריכט דעם פּאַרקן אויפֿן בילד,
די קאָפּולן רויטע אין הימלפּראָסט געהילט.

די שול — אָן ייִדן — הײַנט, נעפּלדיק פֿאַרטראַכט,
פֿייגל דאַוונען אין ווינקל פֿון דער נאַכט.

מאַרק שאַגאַל, אין בערעט, מיט זײַן טאַרבע גראַטעס
פֿליט אַליין אין וואָלקן, אַ בעטלער איבער כאַטעס.

אין רויעך־קנויל פֿון קוימען מיניען זיך די פֿאַרבן,
אויפֿן דאַך ניגונים אַלטע שטאַרבן.

אַ שליטן דעמערט בלייך אין שקיעהדיקן פֿעלד,
וויטעבסק שליטלט זיך שוין אין דער גרויסער וועלט.

שטיל־לעבן

מײַנע קליג־באַזאָכטע שכנים
אָפּגעדאַוונטע, אין רויטער שקיעה,
גרוי־וואָלקנדיקע בענקענישן, געאַרעמטע
זיך שאַרן, מיט שוואַכער ראיה:
ווי אַ וואַסער כ׳קען שוין זייער צערן,
צעפּוישטע נחתן און שפּאַסן,
פֿאַרוויאַנעטע יאָרן
וואָס בלײַבן אין שוואַכן זכרון.

געטוליעטע פֿרײַנט אין זומער־פּאַרק
מיט אָנגעצונדענע רייד און איבערוואָג,
שווער־אָטעמדיק, מיט פּילן זיי פֿאַרצערעווען
די לעכערדיקע פֿרייד פֿון קראַנקן טאָג.
אין פּורפּול־שײַן ברענט אויס דער קריפּל־בוים
אַהיים די פֿיס זיך שלעפּן קוים.

מײַן אָונטיקער שבט פּענסיאָנערן
פֿון ירידן האָלעוועשקעס טריבע,
ידידים — צאַנקענדיקע לידער־סטראָפֿן:
אין זומער־פּאַרק מימאָזן־ביימער גייען שלאָפֿן.

סקולפּטור אין באָטאַניק־פּאַרק

דער בראָנדזענער מערבֿ־רײַטער
לאָזט אַראָפּ זײַן פֿאַרמאַטערטן קאָפּ
אין פֿאַרגליווערטן גאַלאָפּ.

יעדן פֿאַרנאַכט דערקענט ער מיך: —
אין פּאַרק פֿאַרטראַכט איך הויער
ווי אַ הירש אין מידן טרויער.

מיר ביידע — אָפּגעשטאַנענע
וואַנדערער אין אָונטיקן דרימל, —
טרינקען אויס דעם לעצטן טראָפּן ווײַן
פֿון רויט־פֿלאַמיקן הימל.

אין ייִדישן מוזיי

דעם קינסטלער **חיים גאָלדבערגן**

שאַרכנדיק זיי קריכן אַרויס פֿון די לײַוונטער
אין קליינשטעטלדיקן טראַכט
און צינדן אָן אונזער סאַמעטענע נאַכט.
אַררט־קלעזמער גרימפּלען אויף די הייף
פֿאַר מײַנע זיידעס, הימלדיקע פֿײַער־פֿלאַמען,
אויפֿן שוועל גליט מײַן תחינהדיקע מאַמע.

קוזמיר חלומט אויף די קרומע דעכער,
טיר און פֿענצטער זײַנען אָפֿן,
פֿייגל־לידער אין די נעסטן שלאָפֿן.

מיט עמערס פֿולע טרערן
דער וואַסערטרעגער ראַמפּלט אין דער פֿרי
דער שוסטער — אײַנגעדרעמלט
מיטן שטיוול אויפֿן קני
אײַנגעהויקערט שפּילט די נאַכט
ניגונים מידע,
און דער מאָלער מאָלט די בידע.

אויף דער לבנהדיקער חתונה
מיר זײַנען אַלע מחותנים,
פֿאָעטן מיטן לידערוואָרג
ווימלען אויפֿן אַלטן מאַרק.

אין בלויען שאַריי ווען דער בלעכערנער האָן וועט טאָן אַ קריי
וועט די כאַליאַסטרע צוריק אַרײַן
אין די בילדער פֿון מוזיי.

די אַלטע שריפֿט

אויפֿן וואַכטורעם שימלט דער זכּרון
מיט מאָך און טוכלע שוואָמען,
בראָדעווקעס און צויטן הענגען אויף יאָרן
פֿון אַלטע גאָטישע דאָמען.

אין טאָל פֿון קאָלירטע וויליעס און קליאָנען
איך הער די עכאָס געשאַלן פֿון האָרן:
— הירשן־יעגער, הינט געבילן,
דאָן קיכאָטע טראָגט זיך צו די ווינטמילן.

אין אָליוואַ־קלויסטער ווימלען ליטאַניעס,
נאַכט־מאָנאַכן שפּרייזן מיט פֿרומע טריט;
פֿון וואַנדל־בלעטער גאָטעניו, באַהיט!
די באַלטיק־כוואַליעס ברויזן
מיט פֿרעמד־פֿאַרטרויערטע ייִדן
פֿון מײַנץ, קאַליש און פּויזן.

*

אויפֿן וואַכטורעם שימלט דער זכּרון
נאָר דאָס פֿאַרבלעמעטע אויג קען ניט אַנטשלאָפֿן:
אין מוזיי פֿון פּאַרמעטן און קמעות
כ׳דערקען די לאַטיינישע שריפֿט:
De non Tolerandi Judeis

שײַלאָק

ניט זײַנער איז דער שאָטן װאָס פֿאַרפֿאָלגט אים שריט און טריט,
װען גאַליק ער האָט אױסגעפּיבערט שײַלאָקן, דעם ייִד,
אין טעאַטער שװינדלדיק אַרױפֿגעבראַכט,
און דזשעסיקאַ, די צאַרטע בת יחידה אָפּגעשמדט?

אין מאַטערניש זי האָט דעם שלאַנגען־גיפֿט געזױגן,
אין שײַן פֿון צאַקנדיקן קנױט נאָגט אין האַרץ דער װאָרעם,
נאָך װישט זי אָפּ דעם שטױב פֿון טאַטנס אַלטע ספֿרים,
װוּ לאַקערט ער, לאָרענצאָ, מיט זײַנע פֿוקסן־אױגן?

אױף דער בינע שײַלאָק צײלט די זילבערנע דוקאַטן,
פֿון לאַכן דאָס פּובליקום קײַכט טאַנצנדיק, פֿאַרװײַליקט:
פֿענצטער־גרילן האָבן מיטגעשפּילט און מיט פֿאַראַטן
מיט פּאַרשיאַס קלוגן משפּט און הכנעהדיקן שײַלאָק.

זײַן שװאַרץ־גרימירטע באָרד, באַלײדיקט און פֿאַרשפּיגן,
אין זומפּקאַנאַל אַ בלוטיקע טריפֿט אַרײַן די זון;

די אַקטיאָרן ביזן דנאָ טרינקען אױס דעם ליגן,
מיטן שקר מײַנע אותיות עקלען זיך דערפֿון.

די שפּילער האָבן אָפּגעשפּילט די אױסגעלערנטע ראָליעס,
אין װאָלקן די לבנה טרױערט אױפֿן ברודנעם שפּאַס,
דער פֿאָרהאַנג פֿאַלט, לאַמטערן רױטע גענעצן אין גאַס,
אונטער בריקן הוידען זיך אַקטיאָרן אין גאַנדאָליעס.

דער דיכטער שימלט אָפּ זײַנע געל־פֿאַרסמטע בלעטער,
ציטער־שטערן קײַקלען זיך אַרײַן אין ענגען געטאָ.

יוליאַן טובים

ווי זײַנע עלטער־זיידעס, מיט פֿאַרמעטענע כתובים,
פֿון פֿײַער זוכט אַנטרינונג דער דיכטער, יוליאַן טובים.

ער ציט מיט זײַנע לידער אין טרויער אײַנגעשפּאַנט,
ווערבעס אַלטע ווײנען אויפֿן פֿאָטערלאַנד.

דער דיריגענט פֿון פֿייגל־כאָר, שפּערעלעך אין באַלוט,
וואָגלט מיטן פֿידעלע דעם פּוילישן, פֿאַרסמאַליעט.

ער איז אַליין דער „זשידעק" אויף פֿרעמדע הייף אַ לידלער,
דער הימל וועט אין וואַרשע אויסגיין נאָכן פֿידלער.

אויפֿן צווינטער היימישן סמוטנע אויגן גלאָצן,
אַ פּליט, אויף די טײַכן פֿון איסט־ריווער אין האָדסאָן.

אין דילענסי־קראָמען ווימלען לאַדזשער ייִדן,
דער פּאָעט אין דמיון קלעטערט אויף בעסקידן.

אין עפּלסאַד לצַעוועןַ אַ ווינטל מיטן ווינט,
טובים גלעט די פּאַותלעך פֿון אַ חסידיש קינד.

ער קאָרמעט זײַנע טויבן מיט אומעטיקע טרערן,
אין ווידזעוו־קוימענס קײַקלען זיך אַרײַן די בלאַסע שטערן.

ר'זינגט מיט די פּילגרימעס אויף דער יאַסנע גורע,
ערגעץ שפּילט דער היינאַל אויפֿן מאַריאַצקע טורעם.

מיט זײַן לוטניע, יוליאַן טובים, פֿאַרטײַעט אין זײַן שטוב,
„בלומען פּוילישע" ער פֿלאַנצט אויף זײַן אייגן גרוב.

וועסעליע

אין געקנויל, ווער פלאָנטערט זיך אויף דער פוילישער וועסעליע?
ס'איז דער פֿרומער געטאָ־ייִד און די עקזאָטישע ראַכעלאַ.

אויף דער חלום־חתונה, דער דיכטער מיט דער כלאָפּקע,
פֿעלד־כאַכאַלן, מתים־געסט אין וויספּיאַנסקיס שאָפּקע.

די נאַכט־הוליאַנקע קאָסט ניט גאָר, ס'איז בלויז אַ טוכלער שפּאַס;
אָפּגעטאַנצט אַ ווײַלע, איינער — סאַס, דער צווייטער — לאַס.

פֿאַרכלינעטע פּאָעטן, די שיין־גײַסטיקע עליטע,
אין שכּורן געווירבל מיט שיקסעס רוי־צעבליטע.

פֿון אויפֿגעפּראַלטער כאַטע מיט זשיוויצע און קאָרע
טראָגט זיך אין גראָמאַדע דער פֿענטאָם, ווערני־האָרע.

אין דער כּלהס אויגן ברענען תּאוותדיקע ליכט,
בגילופֿינדיק אין טונקלשיין פֿלעמלט איר געזיכט.

ראַכעלאַ מאַזורקעוועט מיט סטאַנטשיקן, דעם בלאַזן,
אויף דער וואַנט טרייסלען זיך די הייליקע אָבראַזן.

די פּאַנעס מיט די כלאָפּקעס צעברידערטע, צעגליט,
אין פֿלעשער ניט געבליבן מער קיין טראָפּן אָקעוויט

דרימלדיקע כאַכלעס מיט בעזעמער פֿאַרוויגט,
— האָסט געהאַט אַ גאַלדענעם האָרן, געבליבן איז אַ שטריק.

ס'אַ פֿרעמד־פֿאַרווירטע חתונה, די פּוילישע וועסעליע —
אַנטלויף פֿון דער שאָפּקע, מײַן עקזאָטישע ראַכעלאַ.

טאַטרא־בערג

לבנה־מלכּה טובלט זיך אין אָזערע־אויג פֿון זאַקאָפּאַנע,
זכרונות־פֿליגל ציטערן דרעמלדיקע ווײַסע שוואַנען.

בערג פֿאַרסודעטע אין פֿינצטערניש אײַנגעלוליעט מידע,
פּאָעטן, פֿייגל־הערצער חלומען פֿאַרליבטע לידער.

וואַסער־ליליעס צאַרטע אין צויבער־זייד געהילט
טוליען זיך פֿאַרוואָגלטע אין חושך פֿרעמדן אײַנגעשטילט.

טעטמייער, זשעלענסקי, די טאַטרא־שטערן אויסגעלאָשן
און איך האָב אין פֿאַרהוילעניש געבענקט אויף ידיש־לשון.

פֿירהאַנגען צעווינדיקטע וואָלקנדיקע גרויע
ביימער פֿידלען מיטן טראָפּ פֿון נעכטיקע נישטאָען.

אויפֿן פֿעלז דער „געוואַנט" פֿון קדמונים אײַנגעשלאָפֿן
אין אָזערע־אויג שווימען גאָטס בראשיתן און סופֿן.

מײַנע יונגע לידער אײַנגעוועבט אין טונקעלן וואַלד־געפֿלעכט
בלאָנקען זיך עד היום אין די מוטנע זאַקאָפּאַנע־נעכט.

כ'הייב אויף די אויגן צו די בערג פּוילישע אוראַלטע:
אין דײַנע נעכט וויפֿל לעבנס האָבן זיך געקענט באַהאַלטן?

נאָר איצט אין שפּעטן האַרבסט שאָטנדיקע פֿייגל ציען
שוואַנען־העלדזער טרויעריקע אין זכרון בלויז שאַריען.

◆

זכרונות וועלקן נישט

בגילופֿינער חלום אין געבענטשטן זכּרון
הײמלאָזע ווינטן, צעבאַלעוועטע שניי־טומאַנען
זיי וויסן נישט פֿון קיין גרענעצן, קיין צאַמען, קיין אויפֿהער,
אין פֿיאָלעטער שקיעה פֿלאַטערן נאָך מײַנע יונגע פֿליגל,
לאַכן געטער, ווילד־צעכוואַליעטע שעהען
און בײַ נאַכט צאַנקען אין מיר אַלע פֿאַרשווינדענע נישטאָען.

זכרונות מיט גאָלדענע גראַבליעס אָנגעהויפּטע
וועלקן נישט אין האַרבסטיקן פֿאַרגאַנג, פֿרירן נישט
אין אייזיקע סיבירן, וואָגלדיק זיי גערייען.
ווי בין איך בטוח מיט מײַנע גלוּביקע אילוזיעס, לידער־רויזן,
וואָס ווייסן נישט וווּהין זיי אַנקערן אין סוף יאָר־טויזנט.

אויף שפּיץ־טורעמס ליכטיקע דרעמלען נעכטיקע טרוימער
אַרכיטעקטן פֿון גלעזערנע הײַזער,
רוים־שיפֿן אָן היימען,
פֿון אָפּגעכוימלטן הימל־לייטער כ׳בין דער לעצטער שומר.
גאָט פֿון אַלע גאָט־זוכער, אויף דײַנע בלויע שטראַזן פֿיר מיך
באין ברירה אין שאָטן־טאָל פֿון יענע פֿאַרהוילענע אין־סופֿן,
נאָר לאָז מיר איבער דעם בגילופֿינעם חלום־בעכער
פֿון געבענטשטן זכּרון און הײַלנדיקע לידער־סטראָפֿן.

ווען צײַט איז אָפּגעווישט

אין אָוונטיקן דעמער ציט מײַן וואַנדלדיקער שאָטן,
אַ שלאָפֿנדיקער פֿענטאָם קלעזמערט פֿאַרן הוילן ווינט,
אויפֿן פּוסטן הויף וואַלגערט זיך די פֿידל מיט די נאָטן,
און דער ניגון פֿון פֿאַרצערטן הויזגעזינד.

אין פֿלאַמיק־רויטן שקיעה־פּאַס, ווען צײַט איז אָפּגעווישט
קנוילן זיך אין חלל אונדזערע סאָנעטן מידע,
כ׳בין דער שטילסטער אורח בײַם טאַטנס שבתדיקן טיש
מיט מײַנע ברידער דרײַ און פֿרומעטל, די בת יחידה.

און אַלע, אַלע איינינקלעך די בענקענדיקע טויבן,
מיר זײַנען געסט געלאַדענע צום קידושדיקן טרוים:
די מאַמע ווישט אָוועק דעם טרויער פֿון די שויבן
אין פֿענצטער גרינט אַרײַן מײַן זיידנס בירנבוים.

אין מעריב־ראַנד מײַן טאַטנס שבת איז שוין לאַנג פֿאַרבײַ
און איך זוך נאָך אַלץ זײַנע בלאַסע שטערן דרײַ.

עסייען

אַ שטאָט אין אייראָפּע

די סימבאָלישע דראַמעס פֿון י.י. פּרץ

אורי צבי גרינבערג

פֿרויד־מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור

גאולה־מאָטיוון אין לייוויקס דראַמעס

אַ נײַ ווערק וועגן דרײַפֿוס־בילבול

דאָס בוכנוואַלד־ליד

אַ שטאָט אין פּוילן

דער גאָלדענער כּוס

אַ שטאָט אין אייראָפּע

(אַ קהילה וואָס האָט זיך געראַטעוועט אויפֿן שוועל פֿון חורבן)

1. די אויסשטעלונג

די דאַנציגער אויסשטעלונג אין ייִדישן מוזעום אין ניו־יאָרק, וואָס איז געווען אויסגעשטאַט מיט רײַכע דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן, געראַטעוועטע קונסט־חפֿצים, תשמישי־קדושה פֿון דער גרויסער שול בײַ דער רײַטבאַן, האָט אַרויסגערופֿן טיפֿע נאָסטאַלגיע און אויך אַ ביסל אַנטוישונג. מחמת אין מײַנע עטלעכע יאָר וואָס כ׳האָב דאָרט געוווינט מיט מײַנע עלטערן און געשוויסטער, האָבן אין דאַנציג עקזיסטירט ייִדיש־רעדנדיקע אָרגאַניזאַציעס און אַ קולטור־צענטער וואָס פּוילישע ייִדן, יוגנטלעכע פּעדלערס און בעלי־מלאכות אָדער עלנטע עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך צײַטווײַליק אויפֿגעהאַלטן אין שטאָט, האָבן דאָרט געפֿונען אַ היימיש, ייִדיש־רעדנדיקע סבֿיבֿה. מיר דערמאָנען עס, ווײַל פֿון דעם איז אויף דער וויכטיקער היסטאָרישער אויסשטעלונג קיין שפּור ניט געווען.

מיר ווילן חלילה ניט מינימיזירן די מוסטערהאַפֿטע אַרבעט און ווערט פֿון דער אויסשטעלונג, וואָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן מיט די באַגרעניצטע מיטלען, וואָס זײַנען פֿריער געווען אין באַזיץ פֿון ייִדיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר, און מיט דער הילף פֿון די געראַטעוועטע דאַנציגער ייִדן אין זייער אַנשטרענג צו פֿאַראייביקן זייער געמיינדע.

מיר איז אויך אויסגעקומען דורכצולייענען די צוויי ווערטפֿולע ביכער: „די געשיכטע דער יודען אין דאַנציג״ פֿון סאַמועל עכט — 1972, און „די יודען דער פֿרײַען שטאָט דאַנציג אונטער דער הערשאַפֿט דעס נאַציאָנאַל סאָציאַליסמוס״ פֿון ערווין ליכטענשטיין — 1973. דאָס זײַנען מאָנומענטאַלע דענקמעלער פֿאַרן חורבן דאַנציגער ייִדנטום, געשטיצט אויף אַחריותדיק־געזאַמלטע מאַטעריאַלן, פֿאַרש־אַרבעט און פּערזענלעכע איבערלעבונגען פֿון די מחברים, וואָס האָבן געשפּילט אַ פֿירנדיקע ראָליע אין דעם קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון די דאַנציקער ייִדן. ס׳איז ממש צו באַוווּנדערן ווי אַזוי ס׳האָבן זיך אָפּגעהיט אַזאַ שלל דאָקומענטן, ווי ס׳איז צו זעען פֿון די ביבליאָגראַפֿישע הוספֿות און מראה־מקומות.

די געלערנטע מחברים האָבן אַליין דורכגעמאַכט די נאַצישע תקופה פֿון 1933 ביזן סוף פֿון דער קהילה. זיי האָבן מיטגעקעמפֿט מיט חשיבות און „לעגאַלע מיטלען" קעגן די פֿאַרפֿאָלגונגען און גזירות, בויקאָטן און געוואַלדטאַטן, געהאָלפֿן אָרגאַניזירן די קולטור און שול־אַרבעט און זיך מיטבאַטייליקט אין דער הצלה פֿון די דאַנציגער ייִדן.

ערווין ליכטענשטיין ווידמעט זײַן ווערק די מענער און פֿרויען, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם נאַצישן געוואַלד און אויפֿן שוועל פֿון חורבן געהאָלפֿן דער אויסוואַנדערונג פֿון טויזנטער ייִדישע מענער, פֿרויען און קינדער.

2. „דע נאָן טאָלעראַנדי יודעיס"

אין דער טויזנט־יאָריקער געשיכטע פֿון דאַנציג איז די שטאָט דרײַ מאָל געווען אַ פֿרײַשטאָט. שוין אין צענטן יאָרהונדערט קומען ייִדן אַהין צו יענעם באַלטישן פּאָרט, פֿירנדיק געשעפֿטן מיט די פּריצים פֿון פּאָמערן, אָבער זיי האָבן ניט געהאַט קיין ווײַנרעכט. אין 13טן יאָרהונדערט איז דאַנציג אַ האַנזאַ־שטאָט, באַקאַנט מיט קאָרנשפּײַכלערס, ווו ייִדן זײַנען פֿאַרמיטלערס אין תּבֿואה־אויסטויש פֿאַר ווײַן, אייל, מאַנדלען פֿון לאַוואָרנאָ און ווענעציע.

פֿון 1354 ביז 1739 איז דאַנציג אַ פֿרײַשטאָט אונטער פּוילנס הער־שאַפֿט. דאַנציג האָט זיך געווערט קעגן די קאַזימיר־פּריווילעגיעס וואָס ייִדן האָבן געגאָסן אין פּוילן. ס'האָט זיך זיי אײַנגעגעבן צו פֿאַרזיכערן די אַלטע געזעצן ניט צו דערלויבן די לאָמבאַרדער, נירנבערגער, שאָטלענדער און ייִדן צו באַזעצן זיך אין דאַנציג, און ס'האָט אָנגעהאַלטן די טראַדיציע „דע נאָן טאָלעראַנדי יודעיס".

אין 1470 האָט דער קעניג קאַזימיר (יאַגעלאָנער) געגעבן בריוו די ייִדן זוב און מיכאַל מיט רעכט צו פֿירן געשעפֿטן אין אָרדנסלאַנד. לויט די קוואַלן פֿון דאַנציגער אַרכיוו (איבערגעגעבן אין דער אַלטער יודאַיקאַ) האָבן ייִדן ביז דער דריטער צעטיילונג פֿון פּוילן (1793) געוווינט אין די פֿאַרשטעט פֿון דאַנציג. פֿון דאָרט האָבן זיי געפֿירט זייערע עסקים, גע־קומען אויף די דאָמיניק־מעסעס, מאַרקן און רימלס.

שׂנאה צו ייִדן האָט שטענדיק געהערשט אין דאַנציק און אין 1605 האָבן די דאַנציגער אײַנוווינער זיך געקלאָגט, אַז אין לאַנגגאַרדען האָבן ייִדן אַ שול, וווּ ס'ווערט געדאַוונט, און באַלד איז געקומען אַ פֿאַרבאָט. אין 1664

ווערט אין דער דאָרטיקער צײַטונג איבערגעגעבן אַז אַ פֿאַראורטיילטער ייִד האָט אַפֿילו פֿאַרן טויט זיך ניט געוואָלט שמדן.

ניט געקוקט אויף אַלערליי פֿאַרפֿאָלגונגען האָבן אין 18טן יאָר־הונדערט זיך געפֿונען ייִדישע קהילות אין די דאַנציקער פֿאָרשטעט: אַלט־שקאָטלאַנד, ווײַנבערגער, האָפֿענברוק, לאַנגפֿור און מאָטנבודן. זיי האָבן געפֿירט קהילה־ביכער (אין לאַנגפֿור), געהאָט אַ מקווה, אַ בית־חולים אאַ"וו. ס'קומען דײַטשע ייִדן פֿון זייערע געטאָס און מיט זיי — רבנים, מגידים און חזנים.

אין 1772 ווערט דאַנציג אַ פּרייסישע שטאָט. ייִדן מוזן האָבן קיניג־לעכע שוץ־בריוו צו וווינען אין שטאָט, און טראָץ דעם פֿאַרבאָט קומען ייִדן וווינען. ייִדן פֿון פּוילן פֿירן האָלץ און תּבֿואה אויף טראַטוועס איבער דער ווײַסל צום פּאָרט. אין דער צײַט פֿון דער פֿראַנצויזישער באַלאַגערונג ווערט דאַנציג ווידער אַ פֿרײַשטאָט. ייִדן באַטייליקן זיך אין דער שטאָטי־שער קאָנטריבוציע. 1812 שרײַבט נאַפּאָלעאָן אַ דאַנק־בריוו צום דאַנציגער ייִדן קובלאָשער פֿאַר צושטעלן פּראָוויאַנט דער פֿראַנצויזישער אַרמיי. („דורות דערציילן", י. ליפֿשיץ).

אין יענער צײַט איז שוין די דאָמינירנדיקע שפּראַך אין דאַנציג געווען דײַטש.

3. די גרויסע סינאַגאָגע

אַ געשיכטע פֿון ייִדן אין דאַנציג איז צום ערשטן מאָל דערשינען פֿון ד"ר אַברהם שטיין, וואָס איז געווען אין 1847 דער דאַנציגער ראַבינער. ער שטיצט זיך אויף די אַרכיוון פֿון דער חבֿרא קדישא זינט 1757 ביז 1848 — אין האָפֿענברוק, אַ קהילה וואָס האָט עקזיסטירט זינט 1724. די ערשטע קוואַלן וועגן די דאַנציגער ייִדן ווערן געבראַכט אין דער „מאַנאַטשריפֿט פֿיר געשיכטע אונד וויסנשאַפֿט דעס יודנטום".

אין 19טן יאָרהונדערט וווינען שוין די ייִדן אין דאַנציג לעגאַל, אָבער עס עקזיסטירן נאָך די שולן אַרום דער שטאָט. ייִדן ווערן פֿרײַע פּרײַסישע בירגער לויטן פּריערדיקן נאַפּאָלעאָנישן קאָדעקס. ס'זײַנען באַקאַנט די ראַבינער מיכאל לעווין מונק אין מאָטנבודן און ר' חיים מונק אין אַלט־שקאָטלאַנד. 1881 ווערט געבויט די גרויסע שול בײַ דער רייטבאַן, וואָס ווערט דער סימבאָל פֿון די פֿאַראייניקטע קלענערע קהילות, אין 1883 קומען פֿאַר די ערשטע וואַלן פֿון דער געמיינדע ווו עס ווערט דערוויילט

ד״ר סאַמנער, דער געהילף פון בירגערמײַסטער אין דאַנציג, אַלס פאַרזיצער.

די גרויסע סינאַגאָגע איז געווען איינע פון די שענסטע אין אייראָפּע, מיט אַ כאָר און אָרגלען, וואָס די ייִדן אין דאַנציג האָבן דערמיט שטאָל־צירט. עס שאַפֿט זיך אַ ייִדישע רעליגיעזע שולע פֿאַר קינדער. פֿון אַלע קליינע שולן איז בלויז געבליבן די מאַטנבודענער שטרענג־אָרטאָ־דאָקסישע שול. אין 1900 גרינדעט זיך אַ בני־ברית לאָדזש. די ייִדן אין דאַנציג זײַנען פֿאַקטיש געווען אַן אינטעגראַלער טייל פֿון דײַטשן ייִדנטום, דורכגעדרונגען מיט דײַטשער קולטור און פּאַטריאָטיזם.

די ייִדן האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם אַלגעמיינעם קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין דאַנציג, ווי פּראָפֿעסיאָנאַלן, צײַטונגס־מענטשן, רעגירונגס־באַאַמטע און קינסטלער. דאָך האָבן זיי געליטן פֿון אַנטיסעמיטיזם, דערצו נאָך אונטערגעהעצט פֿון פּאָליאַקן. ס׳וועט דער־מאָנט אַ העצערישער אַרטיקל פֿון דער פּויליש־קאַטאָלישער גאַזעטאַ גדאַנסקאַ אין פֿאַרבינדונג מיטן עלילת־דם אין קאָניץ 1900. די פּוילישע העצעס, די שווערעווירטשאַפֿטלעכע לאַגע האָבן אויסגעשטעלט די ייִדן צווישן צוויי פֿײַערן. טראָץ דעם קענען זיך ייִדן צופּאַסן צו אַלע באַדינ־גונגען און אַנטוויקלען זייער לעבן אין פּראָגרעס און אין פֿרײַנדשאַפֿט מיט די קריסטלעכע שכנים. זיי ווינען אין צאָפּאָט און אין אָליוואַ, ווי דײַטשע דאַנציגער בירגער. און די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אײַנגעקריצט אויף אַ טאָוול פֿון דער גרויסער שול 53 דאַנציגער ייִדישע סאָלדאָטן און אָפֿיצירן געפֿאַלענע אין קריג.

4. פּוילישע ייִדן אין דאַנציג

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען פּוילן איז געוואָרן אומאָפּ־העגניק, איז דאַנציג צום דריטן מאָל געוואָרן אַ פֿרײַשטאָט. הגם די שטאָט איז געווען דאָמינירט פֿון דער דײַטשער שפּראַך און קולטור האָט פּוילן פֿאַרלאַנגט אַ צוטריט צום באַלטישן ים, באַנוצנדיק זיך מיטן דאַנציגער האַפֿן. דאָס איז איר באַוויליקט געוואָרן דורכן ווערסיילער טראַקטאַט. אַזוי איז די דעמאָקראַטישע פֿרײַשטאָט דאַנציג געוואָרן אַ מין קאָרידאָר צווישן דײַטשלאַנד און מזרח־פּרײַסן מיט אַ פּויליש־מיליטערישער באַזע אויף דער וועסטערפּלאַטע. אַ הויך־קאָמיסאַר האָט אַכטונג געגעבן און פֿאַרמיטלט צווישן די צדדים.

דאָס דאַנציגער פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכע לעבן האָט זיך אַנט־וויקלט פּאַראַלעל מיט דײַטשלאַנד. די זעלבע פּאָליטישע פּאַרטייען, אַ בשותּפֿותדיקע קולטור און אַ דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע מיט אַ בונדעס־ראַט און פּרעזידענט (פֿון סענאַט). פּוילן האָט געהאַט אַ קליינעם פּאַס בײַם ברעג פֿון באַלטיק מיטן נײַעם פּאָרט גדיניאַ, וואָס האָט פּאַקטיש קאָנקור־רירט מיט דאַנציג און דערמיט עקאָנאָמיש באַעוולט דעם פֿרײַשטאָט. דאָס האָט דעם דאַנציגער בירגער מער פֿאַרבונדן מיט דײַטשלאַנד און שׂנאה צו פּוילן. די פּוילישע בירגער האָבן זיך געקענט באַזעצן און פֿרײַ באַוועגן אין דאַנציג, האַנדלען, פֿאַבריצירן אַלס פּוילישע בריגער. זיי זײַנען דער־מוטיקט געוואָרן פֿון דער פּוילישער רעגירונג אָבער אויסגענוצט האָבן עס די פּוילישע ייִדן. אַזוי זײַנען געקומען די מזל־זוכערס, סוחרים, בעלי־מלאכות, פּעדלערס, פֿאַבריקאַנטן, פּאַספּאָרטלאָזע, אַנטלאָפֿענע פֿון מילי־טער, און פּאָליטישע וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דעם גן־עדן, אין פֿאַר־גלײַך מיט פּוילן.

צו די דאַנציגער ייִדן פֿון דור־דורות אײַנגעלעבטע מיט דער קולטור און מענטאַליטעט פֿון די דײַטשע ייִדן איז צוגעקומען אַ נײַער כּוח און אײַנ־פֿלוס פֿון אידעען, ספּעציעל פֿון ציוניזם. דער צענטער איז אָבער געווען די גרויסע סינאַגאָגע „אַם רייטבאַן”. די פּויליש־אָרטאָדאָקסישע ייִדן און די מזרחיסטן האָבן געדאַוונט אין דער מאַטנבודן שול לעבן דער יודענ־גאַסע. ס'האָבן זיך געשאַפֿן מיט דער צײַט אַנדערע, ייִדיש־וועלטלעכע אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן זיך אויסגעלעבט אין דער סבֿיבֿה פֿון ייִדישער קולטור און ניט דווקא פֿאַרבונדן מיט אַ רעליגיעזער קהילה: אַ פּועלי־ציוניסטישע, חלוצישע יוגנט, מיט פֿאַרזאַמלונגען און רעפֿעראַטן, אויך אין ייִדיש; אַ בית״ר־גרופּע, און אַ לינק־געניגטער קולטור־קלוב אין ייִדיש. ס'איז אַרויסגעגאַנגען אַ צווייוואָכעדיקע ייִדישע צײַטונג. אין די צוואַנ־ציקער יאָרן זײַנען אין דאַנציג פֿאָרגעקומען קאָנפֿערענצן פֿון השומר הצעיר, צעירי ציון, ברית הנוער, החלוץ, הצופֿה, אאַ״וו.

אויף די קאָנפֿערענצן האָבן אַנטייל־גענומען: יהודה גאָטהעלף, מאיר יערי, נתן ביסטריצקי, חיים אַרלאָזאָראָוו, יצחק קאַצענעלסאָן און אַנדערע פּירערס פֿון ציוניזם. אַזעלכע געשעענישן האָבן אידעיש באַווירקט די דײַטש־רעדנדיקע דאַנציגער ייִדישע בירגער, און פֿאַרקערט. אַזוי איז דער אײַנפֿלוס געווען אַ קעגנזײַטיקער. ייִדן באַזוכן די מוזיקאַלישע קאָנצערטן, די באַרימטע וואַלדאָפּערע, טעאַטער; די דאַנציגער ייִדן זײַנען טעטיק אין

פּאָליטיק און האַנדל, עקספּאָרט־אימפּאָרט; זיי זײַנען אינדוסטריאַליסטן, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, לערער, שרײַבער, קונסט־מאָלער. ס'איז אינטערע־סאַנט אַז ד"ר משה לאַנדאָו, דער ריכטער פֿון אײַכמאַנס פּראָצעס, איז אַ זון פֿון אַ דאַנציגער דאָקטער מעדיצין, איסאַק לאַנדאָו, וואָס האָט מיט זײַן משפּחה עולה געווען קיין ארץ־ישׂראל אין יאָר 1933.

ס'האָבן שוין אין די צוואַנציקער יאָרן עקזיסטירט אין דאַנציג הילפֿס־פֿאַריינען צו העלפֿן ייִדישע דורכוואַנדערער וואָס זײַנען דערווײַל גע־בליבן אין שטאָט. ס'זײַנען געווען „אַזע", „אָרט"; ס'איז געווען אַ קינדער־גאָרטן און אַ רעליגיעזע שולע; ס'האָבן גאַסטראָלירט טעאַטער, (אויך אין ייִדיש), זינגערס, וועלט־חזנים און געלערנטע. ס'זײַנען דערשינען דײַטש־ייִדישע צײַטונגען: „דאַס ייִדישע פֿאָלק" מיט ד"ר לאַנדאָו אַלס רעדאַק־טאָר, „דאַס געמיינדע בלאַט". די ייִדישע דאַנציגער ליבעראַלע פּאַרטיי באַנאַנד מיט דער אגודה האָבן באַקעמפֿט די ציוניסטן און אַלס רעזולטאַט האָט דער פֿאַרדינסטפֿולער רב פֿון מאַטנבודן (סיגאַלאָוויטש) רעזיגנירט און עמיגרירט קיין בעלגיע.

אין לינק־ייִדישן קולטור־קלוב איז געווען אַ ייִדישע ביבליאָטעק מיט ביכער, צײַטונגען און זשורנאַלן. ס'איז אויך געווען אַ ביליקע קיך און היימישע סבֿיבֿה, וואָס האָט צוגעצויגן די יוגנטלעכע, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ מעגלעכקײַט צו עמיגרירן קיין בעלגיע, פֿראַנקרײַך אָדער אַמע־ריקע. דאָרט איז געווען טעטיק דער דיכטער צענדאָרף, וואָס איז אין 44־1943 אומגעקומען פֿון די נאַציס אין פֿראַנקרײַך. אין דעם קולטור־קלוב זײַנען פֿאָרגעקומען ליטעראַרישע פֿאָרלעזונגען, טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען דורכגעפֿירט פֿון אַמאַטאָרישן דראַמקרײַזן: דער טויבער, הירש, לעקערט און רעציטאַציעס. פֿאַרבײַפֿאָרנדיקע שרײַבערס האָבן דאָרט אויפֿגע־טראָטן; מיר געדענקען זיסקינד לעוו, דעם אומגעקומענעם שרײַבער אין רוסלאַנד. פֿון דעם דאַנציגער קולטור־קלוב זײַנען אויך אַ גרופּע ייִדן אַוועק קיין ביראָ־בידזשאַן.

1933 ווען היטלער ימח שמו איז געקומען צו דער מאַכט, איז אויך אין זעלבן יאָר געקומען דער זיג פֿון די דאַנציגער היטלעריסטן, וואָס האָבן אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון גאַולייטער פֿאָרסטער און גרייזער ימ"ש אָנגעהויבן די וואַקכאַנאַליע פֿון גלײַכשאַלטונג, פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון דער דאַנציגער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

אין די שווערע נאַצישע יאָרן האָבן זיך די דאַנציגער ייִדן געקלאָ־

מערט אין די אייגענע ד׳ אמות. אויסגעשלאָסן פֿון דער דאַנציגער געזעל־שאַפֿט און געווענע פֿרײַנד וואָס האָבן אָנגעהויבן טראָגן האַקנקרײַצן, האָבן די ייִדן אויסגעברייטערט זייער קולטור־פּראָוויִנציעלע טעטיקײַטן. דער ייִדישער קולטור־בונד ברענגט אַראָפּ לעקטאָרן, מוזיקער, בינע־קינסטלער סײַ פֿון דײַטשלאַנד, סײַ פֿון פּוילן. יאַנאָס טורקאָוו און דיאַנאַ בלומענפֿעלד קומען מיט זייער ייִדיש־קינסטלעריש וואָרט. דער דאַנציגער אַדוואָקאַט מאַקס באַומאַן איז דער מחבר פֿון די צוויי דראַמעס: „מאָרגנ־גרוי״ וועגן רייכלין און פֿעפֿערקאָרן פּראָצעס, און „גליקעל פֿאַן האַמעלן״, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אויך אויף ייִדיש.

אַזוי האָבן זיך ייִדן אין דער שווערער צײַט געהאַלטן צוזאַמען, זיי האָבן געשאַפֿן אייגענע שולן מיט הויך־קוואַליפֿיצירטע לערערס. דער ביתר און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן גערופֿן צו עליה. איינער פֿון די ענערגישסטע פֿירער איז געווען דער קאָנטראָווערסאַלער פּוילישער ייִד הערמאַן סעגאַל, וואָס מיר וועלן נאָך וועגן אים באַזונדערס שרײַבן, ווי איינער וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין אָרגאַניזירן די רעטונג פֿון די דאַנציגער ייִדן ערבֿ דעם חורבן.

5. די נאַצישע תקופֿה און אויסוואַנדערונג פֿון ייִדן

דער ערשטער פּרעזידענט פֿון נאַצישן סענאַט, ד״ר ראַושנינג, האָט זיך נאָך אַ ביסל גערעכנט מיטן דאַנציגער סטאַטוס און געזעצן, וואָס האָבן ניט געקענט זײַן די זעלבע ווי אין דײַטשלאַנד; ס׳האָט געזאָלט הייסן אַז זײַן פּאָליטיק איז ניט קיין אַנטיסעמיטישע. (די שחיטה פֿאַרבאָט איז פֿאַרגע־שלאָגן געוואָרן נאָך אין 1933). ראַושנינג האָט גיך רעזיגנירט און אין די נײַע וואַלן איז גרייזער געוואָרן סענאַט־פּרעזידענט. טראָץ זײַן דער־קלערונג אויף אַ ייִדישער אָנקלאַגע, אַז דאַנציג וועט ניט אײַנפֿירן דעם אַריער פּאַראַגראַף און זײַן רעגירונג וועט זיך האַלטן אין די ראַמען פֿון פֿרײַשטאַט מיט גלײַכע רעכט פֿאַר אַלע בירגער, האָט ער פּאַקטיש אײַנ־איינעם מיט פֿאָסטער געהעצט צו בויקאָטירן און פּיקעטירן ייִדישע געשעפֿטן. אַזוי זײַנען דעמאָלירט געוואָרן ייִדישע געשעפֿטן און נאַציס האָבן פֿיזיש אָנגעגריפֿן אַפֿילו פֿרויען און קינדער. די ווענט זײַנען געווען באַקלעפּט מיט שריפֿטן „יודען אומגעווינשן״, „יודן זינד אונזער אומגליק״, „דויטשלאַנד ערוואַכע, יודען פּאַרעקע״, און ס׳האָבן געהילכט די ווילדע

לידער פֿון ס.ס. און ס.א.: „ווען יודן בלוט אַמס מעסער שפּריצט גייט אונדז נאָכאַמאָל זאָ גוט״, און אַנדערע בלוט־דורשטיקע לידער.

די ייִדישע פֿאָרשטייער האָבן געזוכט לעגאַלע וועגן און שתדלנות צו פּאַרטיידיקן זייער בירגערלעכע רעכט, לויט דער קאָנסטיטוציע פֿון דער פֿרײַשטאָט, אָבער ס׳איז געווען אַ נאַיווע אומזיסטע מי. די צען טויזנט דאַנ־ציגער ייִדן זײַנען געוואָרן אויסגעשטעלט אויף הפקר. אין דײַטשלאַנד זײַנען שוין געווען אײַנגעפֿירט די נירנבערגער געזעצן. די וועלט איז געוואָרן מער גלײַכגילטיק צו ייִדישע לײַדן און מער נאָכגיביק צו היטלערן. אין האַלב־פֿאַשיסטישן פּוילן איז געוואַקסן דער אַנטיסעמיטיזם. די פּריס־טאַראַוועס אַנטי־שחיטה געזעצן און אָושעם פּאָליטיק זײַנען באַגלייט געוואָרן מיט פּאָגראָמען און בויקאָטן.

אין דער לויפֿט האָט געהאַנגען דער ערבֿ חורבן. אין פּוילן האָט מען ניט געגנוג געזען די שריפֿט אויף דער וואַנט. אין דאַנציג האָבן ייִדן דײַט־לעך געזען די סכנה, און די פֿירער פֿון דער דאַנציגער געמיינדע האָבן דערמוטיקט ווּהין די אויגן טראָגן, דער עיקר קיין ארץ ישׂראל. די פֿאַר־מעגלעכע שטאָטלאָזע האָבן געהאַט די ערשטע מעגלעכקײַט צו פֿאַרלאָזן דאַנציג מיט זייערע משפּחות. אויך די ווייניק פֿאַרמעגלעכע האָבן געקראָגן הילף צו פֿאַרלאָזן דאַנציג. מײַן ברודער און משפּחה, פֿרײַנד און באַקאַנטע זײַנען געקומען קיין אַמעריקע.

ס׳האָט זיך געפֿאָדערט פֿירערשאַפֿט, פֿאַרזיכטיקע שתדלנות און פֿינאַנצן צו אָרגאַניזירן אַ מאַסן־הצלה פֿון דאַנציג. לײַדער האָבן די פּוילישע בירגער אין 1938 זיך געאײַלט צוריקצופֿאָרן קיין פּוילן. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן, ניט דערוואַרט, אַ טראַגיש קאַפּיטל וואָס איז ווייניק באַקאַנט. די רשעותדיקע פּוילישע רעגירונג האָט אָוועקגענומען די בירגערשאַפֿט פֿון די ייִדן וואָס האָבן געוווינט אין דאַנציג. און אין פּחד פֿאַרן וואַנדערשטאָק, האָבן זיי זיך אַרײַנגעשמוגלט קיין פּוילן. אויך מײַנע עלטערן פֿון דור־דורות פּוילישע ייִדן האָבן פֿאַרלוירן די בירגערשאַפֿט. אַ סך פּוילישע ייִדן וואָס האָבן באַשלאָסן זיך ניט צוריקקערן קיין פּוילן נאָר בעסער מיטמאַכן דעם שווערן עקזאָדוס אויף שיפֿן צו אומבאַקאַנטע ברעגעס, האָבן זיך געראַטעוועט און דערלעבט היטלערס מפּלה. די ייִדן וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייערע פּוילישע היימשטעט זײַנען לײַדער אומגעקומען. די גרעסטע צאָל דאַנציגער ייִדן האָבן זיך סוף כּל סוף געראַ־טעוועט אַ דאַנק דעם מסירת־נפֿשדיקן אָנשטרענג, פֿאַראַנטוואָרטלעכע

פלאַנירונג פֿון די קהילה־פֿאַרשטייערס און ספּעציעל פֿון דעם פֿריער־דער־מאָנטן הערמאַן סעגאַל, וואָס האָט זיך באַזעצט אין דאַנציג אין די צוואַנ־ציקער יאָרן און געאַרבעט ווי אַן אַגענט פֿאַר גרויסע שיף־געזעלשאַפֿטן פֿאַרקויפֿנדיק שיפֿסקאַרטן.

צוליב דער אַרבעט זײַנער האָט ער געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט דער אָפּטיילונג פֿון אויסלענדער בײַם דאַנציגער פּאָליציי־פּרעזידיום, וואָס האָט אויסגעאַרבעט דאַנציגער פּעסער פֿאַר די עמיגראַנטן. (פֿאַר געלט). ער האָט אויך געהאָלפֿן די אומשולדיק־אַרעסטירטע אַפֿילו אין דער נאַצישער צײַט. און ווי עס שרײַבט ע. ליכטנשטיין אין זײַן בוך, האָט ער געהאָלפֿן ייִדן. מיר איז עס באַקאַנט, ווײַל פֿאַר אַ גרויסע סומע געלט האָט ער אַרויס־גענומען מײַן ברודער פֿון דער נאַצישער פּאָליציי. בכלל איז ער געווען אַ שתדלן און אַ מאַכער. אָבער אַ האַרציק איבערגעגעבענער ייִד, וואָס האָט צוליב זײַנע פֿאַרבינדונגען געהאָלפֿן דער הצלה. פֿריער נאָך האָט ער אַלאַרמירט אויסצוואַנדערן קיין ישׂראל, לעגאַל צי ניט לעגאַל.

אין 1938 האָט ער זיך אַליין באַזעצט אין ישׂראל. ער איז אָבער צוריק־גערופֿן געוואָרן פֿון דער דאַנציגער קהילה צו העלפֿן אָרגאַניזירן די עמי־גראַציע. ערשטנס האָבן זיי געמוזט האָבן די צושטימונג פֿון די דאַנציגער ייִדן, צווייטנס — שאַפֿן פֿינאַנציעלע מיטלען דורך הילף פֿון פֿאַר־מעגלעכע, און דריטנס, צו פֿאַרקויפֿן די גרויסע שול אַם רײַטבאַן און דאָס אייגנטום פֿון דער געמיינדע, בכדי צו ראַטעווען ייִדישע לעבנס. ס׳זײַנען געווען גערעאַנגלענישן און שטרײַטיקײַטן צווישן ראַבינער גרין און פֿאָר־זיצער ד״ר איציק. נאָך דיסקוסיעס און פּאַטעטישע רעדעס האָבן אַלע ייִדן מסכּים געווען מקריבֿ צו זײַן די שול צו ראַטעווען לעבנס.

דעצעמבער 1938 איז פֿאָרגעקומען אַ מאַסן־פֿאַרזאַמלונג פֿון צוויי טויזנט ייִדן אין שול אין דער אַנוועזנהײַט פֿון דער געסטאַפּאָ און פּאָליציי פּרעזידיום. ס׳האָבן גערעדט ד״ר קורט איציק, אַדוואָקאַט לעווי און סעגאַל, און מיט רעדעס געפֿאָדערט די פֿולמאַכט צו פֿאַרקויפֿן די שול בכדי צו פֿינאַנסירן די מאַסן־אויסוואַנדערונג. סעגאַל האָט פֿאַר דער דאַנציקער נאַצישער פֿאַרשטייערשאַפֿט אָפּגעשאַצט די ווערט פֿון דער גרויסער שול אַם רייטבאַן, די אָרטאָדאָקסישע שול אין מאַטענבודן, די שול אין לאַנגפֿאַר. (די צאָפּאָטער שול האָבן די נאַצים פֿאַרברענט אין 1938); די אַליוער יוגנט־היים, די בית־עולמס א׳, פֿאַר איין מיליאָן דאַנציגער גולדן און פֿאַר־לאַנגט אַ האַלבן מיליאָן. סוף כּל סוף האָט די קהילה פֿאַרקויפֿט דאָס אייגנ־

טום פֿאַר דרײַ הונדערט טויזנט גולדן. סעגאַל האָט געבעטן, אַז די פּאָליציי און רעגירונג זאָלן ניט מאַכן קיין שוועריקײַט און ניט שיקאַנירן די עמי־גראַנטן...

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די דראַמאַטישע עוואַקואַציע און עקזאָדוס פֿון די ייִדן פֿונעם פּראַקטיקן פֿרײַשטאַט וואָס איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאַציִשן סדום. צוערשט זײַנען אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן קינדער, ספּע־ציעל פֿון די יתומים הײַזער. איין טראַנספּאָרט באַגלייט פֿון הערמאַן סעגאַל איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן און אַ צווייטער טראַנספּאָרט — קיין תּל־אָבֿיבֿ. (צווישן יענע קינדער זײַנען געווען די צוויי שוועגערינס פֿון מײַן אומגע־קומענעם ייִנגסטן ברודער). ס׳זײַנען געדונגען געוואָרן שיפֿן פֿאַר דער עוואַקואַציע פֿון טויזנטער משפּחות. אַ גריכישע שיף „אַסטיר״ האָט געפֿירט דעם ערשטן טראַנספּאָרט מעפּילים קיין ארץ ישׂראל. טויזנט ייִדן האָבן זיך געוואָלגערט אין הונגער, שמוץ און קראַנקײַטן. עטלעכע מאָל האָבן ענגלישע סאָלדאַטן זיי צוריקגעשיקט צום הפֿקר־ים. צום סוף, נאָך צוויי חדשים, זײַנען זיי אומלעגאַל אָנגעקומען אין ייִדישן היימלאַנד. אַ שיף איז אָנגעקומען קיין שאַנכײַ און צוויי שיפֿן קיין מאַוריציוס, אַפֿריקע. מײַן פֿרײַנד מאַנק האָט מיט יענער גרופּע נע־ונד ייִדן געהאַט זײַנע עלטערן און ברידער. זײַן ברודער פֿון אויסטראַליע איז געקומען אויף אַ באַזוך פֿאַראַ־יאָרן אויף קבר־אָבֿות אין מאַוריציוס. ס׳איז דאָרט פֿאַראַן אַ ייִדישער בית־עולם מיט ייִדישע מצבֿות, וואָס דערציילן אַ געשיכטע פֿון בלוט און טרערן פֿון דאַנציגער ייִדן. דער לעצטער טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען מיט דער שיף אַטלאַנטיק און מאַוריציוס, אויגוסט, 1940.

פֿון אַן ערך עלף טויזנט ייִדן זײַנען אין דאַנציג דאָך געבליבן 200, וואָס זײַנען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין טערעזיענשטאָט. ווייניק פֿון זיי זײַנען געבליבן לעבן. דער שרײַבער ליכטענשטיין דערציילט אין זײַן בוך וועגן אַ זקן וואָס האָט איבערגעלעבט היטלערן. ווען דער אַלטיטשקער האָט באַ־גלייט זײַנע פֿרײַנד צו דער באַן האָט ער זיך מיט זיי געזעגנט: „הײַנט באַ־גראָב איך אײַך, ווער וועט מיך מאָרגן באַגראָבן?״ ווען ליכטענשטיין האָט זײַן בוך אַרויסגעגעבן אין 1973 האָט נאָך דער אַלטער דאַנציקער ייִד גע־לעבט. ער איז אַלט געווען זעקס און נײַנציק יאָר. נאָך דער מלחמה זײַנען די ייִדן פֿון מאַוריציוס לאַגער אָנגעקומען קיין ארץ ישׂראל. אָבער אַ גרויסע צאָל זײַנען געשטאָרבן פֿון הונגער און קראַנקײַטן, דורך חדשים פֿון וואָלגערן זיך אויף די ימים און אינטערניר־לאַגערן.

6. דער סוף פֿון דער דאַנציגער קהילה
און דער סוף פֿון פֿרײַשטאַט

דאָס לעצטע געמיינדע בלאַט וואָס איז אַרויס דעם 14טן אַפּריל 1939 האָט געשריבן אַז „1933 איז געפּײַערט געוואָרן די 50 יאָריקע עקזיסטענץ פֿון דער גרויסער סינאַגאָגע בײַם רייטבאַן, און איצט זעקס יאָר שפּעטער וועט מער די סינאַגאָגע און די ייִדישע קהילה פֿון דאַנציג ניט עקזיסטירן. די פּרעכטיקע שול איז געווען דער סימבאָל פֿון ייִדישער אויפֿשטײַג און דערגרייכונג. דאָס איז געווען אַ גײַסטרײַכער צענטער. ס'זײַנען געקומען אַזעלכע לעקטאָרן ווי ד"ר לעאָ בעק און מאַרטין בובער; ס'זײַנען פֿאָרגע־קומען סינאַגאָגאַלע און קלאַסישע קאָנצערטן און אויף די יזכּור טאָװלען זײַנען פֿאַראייביקט געוואָרן די נפֿטרים און אומגעקומענע סאָלדאַטן. דאָס אַלץ וועט מער ניט זײַן. ווי אַמאָל ווען ס'זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן די קליינע שולן אין די פֿאָרשטעט כּדי צו בויען די גרויסע שול, וואָס האָט אַלע פֿאַראייניקט אין אַ גרויסער קהילה, וועלן מיר איצט פֿאַרקויפֿן די שול צו העלפֿן דער חרובֿער קהילה אויסוואַנדערן און זוכן אַ נײַע היים. מיר ווייסן וואָס דערוואַרט אונדז ביז מיר וועלן געפֿינען אַ דאַך איבערן קאָפּ. מיר ווייסן אויך וואָס מיר פֿאַרלירן. אָבער ווי אַמאָל, לוט, וואָס איז אַוועק פֿון ברענענדיקן סדום, טאָרן מיר ניט קוקן צוריק, נאָר גיין פֿאָרויס בכדי מיר זאָלן בלײַבן לעבן".

אַזוי האָבן די ראָשי הקהילה פֿון דאַנציג מיט שטאָלץ און אַחריות רירנדיק דערמוטיקט זיך צו ראַטעווען, ניט ווערן פֿאַרצווייפֿלט, נאָר געמיינזאַם און אָרגאַניזירט, אָן פּאַניק צו פֿאַרלאָזן דאַנציג אין דער גורל־דיקער שעה, ערבֿ קאַטאַסטראָפֿע און חורבן פֿון אונדזער פֿאָלק. די רעדעס פֿון די רעפּרעזענטאַנטן: ד"ר איציק, ד"ר לעווי און הערמאַן סעגאַל זײַנען דאָקומענטן פֿון קוראַזש און דערהויבנקײַט. די צוויי ביכער פֿון ערווין ליכטענשטיין און סאַמועל עכט פֿאַרנעמען אַן ערנהאַפֿט אָרט אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור. די באַשיידענע אַרבעט מײַנע, געשטיצט אויף די אויבנ־דערמאָנטע ביכער, און אַנדערע מאַטעריאַלן, ווי אויך פֿון פּערזענלעכע דערפֿאַרונגען ווילן מיר פֿאַרענדיקן מיט די ווערטער פֿון פֿריער דער־מאָנטן געמיינדע בלאַט:

„מיר וועלן לעבן. מיר וועלן דווקא זאָגן יאָ, טראָץ אונדזערע צרות, נויט און אומזיכערער עקזיסטענץ. מיר וועלן האָבן דעם קוראַזש צו פֿאַר־

לאָזן די גרויסע סינאַגאָגע און אַוועק אין די מרחקים, ווו ס׳דערוואַרט אונדז ניט קיין דאַך איבערן קאָפּ, און ווו מיר וועלן מוזן אָנהייבן פֿון בראשית בויען אונדזערע מויערן פֿון יסוד. מיר קענען ניט מיטנעמען די שול, אָבער מיר וועלן יאָ מיטנעמען דעם מאָראַלישן כּוח, וואָס מיר האָבן פֿון איר געשעפּט. די שול וועט אונדז אין דמיון לויכטן ווי אַ נר תּמיד, ביז מיר וועלן אויפֿשטעלן אַ נײַע קהילה אין אַ נײַעם היימלאַנד״.

אין צען גרויסע קאַסטנס זײַנען פּאַרפּאַקט געוואָרן ווערטפֿולע תשמישי קדושה: פּרוכתן, רימונים, קרוינען, נר תּמיד לאָמפּן, קאַנדילאַבּרעס, קערות, פּדיון־הבן שליסל, שופֿרות, טליתים, מחזורים מגילות ספרים, אַמולעטן, מוהל־מעסערס, מזוזות, קידוש־בעכערס, לײַכטערס. האַנד־פֿאַסן, פֿאַנען, טאַוולען מיט צען געבאָט, אויך אייל־בילדער — צוזאַמען 65 חפֿצים. דער טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען בײַם אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה קיין ניו־יאָרק צום ייִדיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר וואָס איז אויסגעשטעלט געוואָרן אין ייִדישן מוזעום.

דער שרײַבער ע. ליכטענשטיין דערציילט אין בוך „דאַנציג אונטער דער הערשאַפֿט דעס נאַציאָנאַל סאָציאַליזמוס״ אַז ווען די דאַנציגער צאָלבאַאַמטע האָבן איבערגעקוקט די הייליקע חפֿצים האָט איינער פֿון זיי שטילטרויעריק אַרויסגעשעפּטשעט: „מיר, דײַטשן, וועלן נישט אויסמײַדן גאָטס שטראָף״. און זיי האָבן די שטראָף ניט אויסגעמיטן.

מיטן אונטערגאַנג פֿון דער דאַנציגער קהילה איז פֿאַרשווינדן די פֿרײַע שטאָט. דאַנציג איז הײַנט דער פּוילישער פּאָרט גדאַנסק, דאָס ווינאָרט פֿון לעך וואַלענסאַ דער פֿירער פֿון סאָלידאַרנאָשטש, אין געמויזעכץ פֿון הײַנטיקן פּוילן.

די סימבאָלישע דראַמעס פֿון י. ל. פּרץ

.1

די צוויי דראַמאַטישע פּאָעמעס: „די גאָלדענע קייט" און „בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק", זײַנען דערשינען אין די אָנהייב יאָרן פֿון הײַנטיקן יאָר־הונדערט, אין דער זעלביקער ליטעראַרישער תּקופֿה, און דורכגעמאַכט אַלערליי גילגולים און שינויים מחמת זיי האָבן ניט פֿולשטענדיק באַפֿרי־דיקן פּרצן און מעגלעך צוליב אידייאישע ספֿקות.

ביידע דראַמעס זײַנען געווען באַאײַנפֿלוסט פֿון סימבאָליזם און פּוילישן נײַ־ראָמאַנטיזם, און שפּיגלען אָפּ אונדזער ייִדיש־אוניווערסאַלע בענקשאַפֿט נאָך גאולה. די צײַט איז געווען אָנגעלאָדן מיט רעוואָל־טירנדיקן אומרו, באַגלייט פֿון פּאָגראָמען, רעאַקציע און סאָציאַלן ווידער־שטאַנד פֿון דער ייִדישער יוגנט, וואָס האָט צערודערט די פֿאַרגליווערט־קײַט פֿון שטעטל. ס'האָבן אַרײַנגעדרונגען נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאָלאָגיעס, וואָס אין דער ייִדישער השקפֿה דריקט זיך דאָס אויס אין „דוחק זײַן דעם קץ" — צואײַלן די גאולה, ווײַל „לענגער וואַרטן ניט געקענט". אין דער „גאָלדענער קייט" וויל שלמהלע אַרויפֿצווינגען אויף דער השגחה דאָס שיקן די באַלדיקע דערלייזונג דורך אײַנהאַלטן דעם שבת: „מיט צוואַנגען האַלט איך שבת אײַן", וואָס די מיטלען זײַנען כּולו זכּאידיקע, ריינע און הייליקע. אין „בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" וויל דער בדחן (אָדער לץ) ברענגען די גאולה פֿאַר דער ריכטיקער צײַט דורך אײַנ־האַלטן די נאַכט, די ממשלה פֿון שׂטן, הפֿקרות, פֿינצטערניש און זינד, וואָס די וועגן זײַנען כּולו חייבֿדיקע, אַ וועלט אָן געטלעכן קאָנטראָל.

פּרץ, וועלכער איז געווען דער סינטעז פֿון פּראָגרעסיוון אוניווער־סאַליזם און טיף־פֿאַרוואָרצלטער עטישער ייִדישקײַט, איז געווען סקעפּ־טיש צו די מיליטאַנטישע, רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן פֿון ענדערן דעם סדר העולם. ער האָט געצווייפֿלט צי דער צוקונפֿטיק־אויסגעבענקטער און אויסגעקעמפֿטער סאָציאַליסטישער סיסטעם וועט ברענגען די גאולה. זײַנע ספֿקות דריקט ער אויס אין עסיי „האָפֿענונג און שרעק".

פּרץ האָט געקענט די קאָמפּליצירטע מענטשלעכע נשמה, זײַן פּחד,

זײַנע שוואַכקײַטן, זשעדנעקײַט פֿאַר מאַכט און ווי אַ וויזיאָנער האָט ער פֿאַרויסגעזען אַז דער זינגער קען ווערן אַ פֿאַנאַטישער פֿאַרפֿאָלגער. הגם ער האָט מיטגעפֿילט מיטן אַנגעווייטיקטן פֿאָלקישן צער און זײַנע האָפֿע־נונגען פֿאַר אַ דערלייזטער וועלט, איז ער ניט געוואָרן מיטגעריסן מיט די ראַדיקאַלע דאָקטרינעס.

דוד פּינסקי האַלט אַז פּרץ איז געווען אַ רעאַליסט, ראָמאַנטיקער, סימבאָליסט, און דאָך זיך ניט אידענטיפֿיצירט מיט קיין ליטעראַרישער שולע. ער האָט אָבער ניט אויסגעמיטן אײַנפֿלוסן. פּרץ איז בעצם געווען אַ ראָמאַנטיקער, אַן אינטעלעקטועלער קינסטלער און וויזיאָנער, דורכ־געדרינגען מיט די סאָציאַלע נויטן פֿון זײַן צײַט, האָט ער, ווי דער הײַנטי־קער מאָדערנער דיכטער, געזוכט נײַעם אינדיווידועלן אויסדרוק, וואָס איז אָפֿט געווען קאָנטראַווערסאַל, פֿול מיט ספֿקות, סקעפּטיציזם און יאוש, און אַנטרינונג צום סימבאָלישן חלום און אילוזיע.

אין ביידע דראַמעס שפּיגלט זיך אָפּ בולט פּרצעס עסקייפּיזם. אין אַ צײַט פֿון אידעאָלאָגישן געראַנגל אַנטלויפֿט ער פֿון דעציזיע, ציט זיך צוריק. אין פּינצטערע צײַטן זוכט מען אידעאַלן. אילוזיעס פֿון אמת וואָס מען קריצט אויס אויפֿן שטערן און ס'ווערט דערפֿון גלויבן. „אין וואָס מען גלויבט, דאָס עקזיסטירט" זאָגט דער לץ אין „בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק". אין ביידע סימבאָלישע דראַמעס ענדיקט זיך דער משיחישער עקספּע־רימענט אין אַ פֿיאַסקאָ. אין „די גאָלדענע קייט" פֿאַרשווינדט דער שבת און ס'קומט אַרײַן די גרויע גיהנומדיקע וואָכעדיקײַט און אין „בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" ענדיקט זיך דעם אייביקן וואַנדערערס חלום פֿון אַ פֿיבער־נאַכט און ס'גייט אויף דער מאָרגנשטערן געהילט אין גרויער טאָג־טעג־לעכער מי און פּיין. פֿון חלום ווערט אַ זייפֿנבלאָז און ווי שטענדיק פֿרעגט דאָס הארץ אין שטילן פּיין: געווען וועט קומען און ווו איז זײַן?

.2

„די גאָלדענע קייט" איז צוערשט דערשינען אין העברעיש, אין אַ פּראָ־זאַישער פֿאָרם, מיטן נאָמען „חורבן בית צדיק" אין אחד העמס השילוח, דערנאָך אין אַ געענגדערטן נוסח אין ייִדיש, דער „נסיון". נאָך ענדערונגען איז דערשינען דער לעצטער אויסקריסטאַליזירטער וואַריאַנט, ווי אַ דראַמאַטישע פּאָעמע: להיפוך צו דעם „חורבן בית צדק" און דער „נסיון" איז דער ערשטער אַקט אין „די גאָלדענע קייט" דאָמינירנדיק אין דער

דראַמע. אין די פֿריערדיקע וואַריאַנטן ווערט אַקצענטירט די משׂכּילישע נעגאַטיווע באַציִונג צום שבת־יומטובֿדיקן, נשמה־יתירהדיקן צדיק (לויט ד״ר מוקדוני) וואָס איז שוין פֿאַררעכנט געווען ווי אַן אָפּגעלעבטע קאָנצעפּציע פֿון פּאָזיטיוויזם. אין דער „גאָלדענער קייט״ איז דער חסידיזם פֿאַר פּרצן אַ פּאָעטיש־דערהויבענער קוואַל פֿון סימבאָלישער ייִדישקייט און פֿאָלקלאָר. דאָ איז שוין קענטיק דער חותם פֿון נײַ־ראָמאַנטישע אײַנפֿלוסן.

עס זײַנען געווען מיינונגען אַז פּרץ איז אין זײַנע סימבאָלישע דראַמעס מער דיכטער ווי דראַמאַטורג; אַז די „גאָלדענע קייט״ איז אָנגעלאָדן מיט פּאָעזיע און פֿאַרמאָגט ווייניק דראַמאַטיש־געשפּאַנטע אַקציע. ד״ר מוקדוני, וואָס איז געווען אין זײַן צײַט אַ באַקאַנטער טעאַטער־עקספּערט, שרײַבט וועגן ערשטן אַקט פֿון דער „גאָלדענער קייט״ אַז „דער עיקר אין דער דאָזיקער דראַמאַטישער סצענע איז ניט די סצעניקייט, נאָר איר הויכע און שטאַרקע פּאָעטישקייט״. מיר זײַנען זיך משער אַז דער ייִדישער טעאַטער־גייער איז ניט גרייט געווען פֿאַר דער אייגנאַרטיקער קונסט פֿון סימבאָליש דראַמאַטישער דיכטונג.

פֿאַראַן חילוקי־דעות וועגן פּראָטאָטיפּ פֿון רב שלמה. דער קאָצקער רב מענדל האָט פֿון זיך געטריבן דעם עולם, קליינע ייִדעלעך וואָס האָבן געלעכצט נאָך „אַ נס, אַ מופֿתל פֿאַר זיך, פֿאַר אייגן ווײַב און קינד, פֿאַר אייגן הויזגעזינד, אין אַ צײַט ווען צווישן טויט און לעבן וואַקלט זיך אַ וועלט״. אָבער זײַן אייניקל משה דערמאָנט זײַן אָפּשטאַם פֿון בעל־שם. דאָס האָט מעגלעך געקענט זײַן רב נחמן בראָצלאַווער, וואָס איז נאָך געווען די ליכטיקע רינג פֿון דער קייט.

הילל צייטלין דערציילט אין לעצטן קאַפּיטל פֿון בוך „ר׳ נחמן בראָצלאַווער״ וועגן זײַן פֿאַרברענגען אין בערדיטשעוו צווישן די קאַרלינער חסידים: „ווען דער הייליקער שבת גייט אַוועק און די בערדיטשעווער וואָך קומט אָן מיט איר וויסטקייט, פֿינצטערניש און אָרעמקייט, זײַנען די קאַרלינער חסידים געווען נאָך אַלץ אין רעכטן ברען; זיי קומען ערשט אַרײַן בגילופֿינדיק און עס חלומט זיך זיי גאַרנישט וועגן זיך געזעגענען מיט דער מלכּה־שבת״. די אָ חסידישע שטימונג איז פּרצן זיכער באַקאַנט געווען און ער האָט עס אַרײַנגעוועבט אין דער דראַמע און סימבאָליש דערהויבן צו דער אוניווערסאַלער אידעע פֿון ראַטעווען די יאושדיק, פֿאַר׳מרה־שחורהטע וועלט דורך אײַנהאַלטן דעם הייליקן שבת אויף אייביק, אַפֿילו ס׳זאָל חרוב ווערן דער סדר העולם:

„חרובֿ זאָל ווערן די וועלט!
און מיר — מיר שבתדיקע,
מיר יום־טובֿדיקע,
מיר נשמה־יתירהדיקע ייִדן
מיר וועלן איבער אירע חורבות גיין...

אין דער דראַמע זײַנען פֿאַרקייטלט פֿיר דורות: שלמה, פּינחס, משה און יהונתן. אין פֿאַרגלײַך מיטן ערשטן אַקט ווערט די אַקציע אָפּגעשוואַכט, הגם אין די ווײַטערדיקע צוויי אַקטן איז דער סוזשעט ביז גאַר שפּאַנענדיק. לאה, די טאָכטער פֿון ר׳ משהן, איז אַוועק פֿון רבישן הויף מיטן משׂכּילישן דאָקטער בערגמאַן, פֿון צוריקגעשטאַנענער ייִדישקײַט צו ליכט. זי געבירט אַ בלינד קינד מיט גרויסע אָפֿענע אויגן. מיט חרטה קומט זי צוריק צום טאַטן ער זאָל פֿאַר איר קינד אויסבעטן אַ נס. איר פֿאָטער, ר׳ משה, האָט אָבער ניט מער דעם כּוח האמונה פֿון זײַנע אָבות, ער איז ניט יענער שבת־יום־טובֿדיקער צדיק: „געפֿאַלענע זײַנען מיר, אויף בעטלברויט געקומען זײַנען מיר״. ער רופֿט צו הילף זײַנע זיידעס, די עלטערזיידעס, די גאַנצע גאָלדענע קייט ביז דעם בעל־שם.

אין זײַנע פֿאַרצווייפֿלטע תּפֿילות ווערט ער אָבער געשטרויכלט און פֿאַלט אַרײַן אין ספֿקות: „און דו, דו אַליין, ווען איך רוף דיך, גיב אַ צייכן מיר אַז דו ביסט, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַן אויג״. דאָס הייסט שוין פּרוּוון די עקזיסטענץ פֿון גאָט. דאָ איז שוין די סכּנה אַז די גאָלדענע קייט קען ווערן איבערגעריסן. בײַם ראַנד פֿון אָפּגרונט קומט יהונתן, דער פֿערטער דור און ראַטעוועט די גאָלדענע קייט. אָבער יהונתן האָט ניט מער די געהאָדעוועטע ווײַסע טויבן פֿון שלמהס אמונה. זײַן שוועסטער לאה, וואָס איז צוריקגעקומען פֿון די געפּרווירענע געזעצן, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט פֿון איר מאַן, דעם אַגנאָסטיקער, צוריק צו דעם ליכטיקן קוואַל פֿון גלויבן, וויל אַז איר קינד מיט די גרויסע אָפֿענע אויגן זאָל כאָטש איין מאָל דערזען איר אָפּגלאַנץ. זי גלויבט „אין דעם האַרץ פֿון דער וועלט, אין דעם באַרמהאַרציקן האַרץ״.

אין לאהס אַנטלויף און צוריקקער, אין דער טראַגעדיע פֿון בלינדן קינד, קען איך ניט אויסמײַדן צו זען דעם סימבאָל פֿון פּרצעס פּערזענלעכער טראַגעדיע, זײַנע אַנטוישונגען, זײַנע סתּירותדיקע און יאושדיקע איבערלעבונגען — פֿון פֿאַרלוירענעם ייִדישן גאָט, אויסגעביטענעם אויף

פֿרעמדע פֿאַרפּישופֿטע אידעען, וואָס האָבן באַדראָט די עקזיסטענץ פֿון ייִדישקייט.

אין פרצן האָט געגליט די בענקשאַפֿט נאָך די גרויסע שטאָלצע שבת־יום־טובדיקע ייִדן, וואָס זײַנען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן ווי יהונתנס אמונה־טויבן. דער ערשטער אַקט איז ביז הײַנט אַ פערלדיקער מוסטער אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס האָט ניט קיין גלײַכן אין דער דראַמאַטישער דיכטונג. „די גאָלדענע קייט" איז געבליבן דער סימבאָל פֿון גאולה און געראַנגל פֿאַר ייִדישער המשכדיקײַט. דאָס אויסלייזן די זינדיקע נשמות פֿון גיהנום מיטן כוח פֿון ניטשעאַנישן גײַסטיקן אָדם עליון, וואָס וועט איבער די חורבות גיין צו אַ נײַער שבתדיק אויסגעחלומטער וועלט:

„און אַזוי גייען מיר,
מיר גרויסע ייִדן,
שבת־יום־טובדיקע ייִדן

———————————

און מיר בעטן ניט
און מיר בעטלען ניט,
גרויסע שטאָלצע ייִדן זײַנען מיר;
מיר זאָגן אים:
לענגער וואַרטן ניט געקענט,
שיר השירים זינגען מיר,
זינגענדיק און טאַנצנדיק גייען מיר".

.3

„בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" האָט נאָך אין פרצעס צײַט אַרויסגערופֿן צערודערונג אין די ליטעראַרישע קרײַזן מחמת דעם קאָמפּליצירטן זשאַנער, אומקלאָרן סוזשעט, מיסטישע סימבאָלישקײַט, וואָס איז דעמאָלט געווען ניט פֿאַרשטענדלעך פֿאַרן לייענער. די דראַמע איז געוואָרן פֿון יעדן קריטיקער אַנדערש אויסגעטײַטשט. פרץ אַליין האָט ניט געגעבן קיין גענויעם אָנדײַט וועגן די סימבאָלישע בילדער און דיאַלאָגן. ער האָט ניט „צעלייגט אויפֿן טעלערלעך" ווי דער לייענער וואָלט פֿאַרלאַנגט. פרץ האָט אויפֿגעפֿירט זײַן חלום אין פֿיבערנאַכט אָבער ניט פּותר חלום געווען. פֿיר מאָל האָט ער געענדערט די דראַמע זינט 1907, ווען ס'איז דאָס ערשטע מאָל דערשינען אין ראָמאַן צײַטונג און אין בוך־פֿאָרם, דערנאָך — 1909 אין

אַ געענדערטן נוסח, אין 1912, און איבערגעלאָזט אַ פֿערטן נוסח אין „עזבון" וואָס איז דערשינען נאָך דעם דיכטערס טויט.

פּרץ האָט זיך געוועהרט קעגן די כּסדרדיקע איבערחזרונגען פֿון שרײַבערס ווי ניגער, עריק, באַריישאַ און אַנדערע, וואָס האָבן אָנגעוויזן אויפֿן דירעקטן אײַנפֿלוס פֿון וויספּיאַנסקין אויף „בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק". ס'זײַנען אויך געווען פֿאַרקערטע מיינונגען. אָט די קאָנטראָווערסיע גייט אָן ביזן הײַנטיקן טאָג. אין 1946 האָט דער פּראָפֿעסאָר וויקטאָר ערליך, אַ וויכטיקער ליטעראַטור־פֿאָרשער, אָנגעוויזן אויף די אײַנפֿלוסן און פּאַראַלעלן ניט נאָר פֿון וויספּיאַנסקיס „וועסעליע" „חתונה" נאָר אויך פֿון די דראַמעס: „וויזוואָלעניע" (דערלייזונג) און „אַקראָפּאָליס". וויספּיאַנסקי איז געווען פֿון די וויכטיקסטע רעפּרעזענטאַנטן פֿון דער גרופּע „יונג פּוילן" און פֿון פּוילישן נײַ־ראָמאַנטיזם, וואָס איז אינספּירירט געוואָרן פֿון רײַכן פּוילישן פֿאָלקלאָר. פּרצעס נײַ־ראָמאַנטישקײַט קומט צום אויסדרוק אינעם אומאויסשעפּלעכן רײַכן ייִדישן פֿאָלקלאָר וואָס איז פֿאַראייביקט אין די „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטעס", אין „חסידיש" און דער עיקר אין די סימבאָלישע דראַמעס, באַזונדערס אין „בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק".

וויספּיאַנסקי איז ניט געווען קיין חידוש מיטן אַרײַנברענגען אין דער דראַמע געשיכטע — פּערזענלעכקײַטן פֿון יענער וועלט: סטאַנטשיק, ווערניהאָראַ, און סתם דוממים, נישן, כּאָכלעס, ווי סימבאָלן פֿון אידעען, טראַכטונגען פֿון העלדן אָדער פֿון דיכטער. פֿאַר אים זײַנען געווען: געטע, מיצקעוויטש, מעטערלינק, איבסען און אַנדערע. דער זשאַנער (פֿון פּרצעס דראַמאַטישע פּאָעמע און די סימבאָלן) איז געווען אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַ רעוועלאַציע.

דער אומקלאָרער פֿאַרנעפּלטער סוזשעט אין „בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" איז דער חלום פֿון וואַנדערער וואָס קומט אָן צום ראַנד פֿון שטעטל, מיט קוהלת שטימונג:

„דער זעלבער הימל, די זעלבע שטערן
און דאָס אויער הערט ניט אויף צו הערן...
דאָ איז שאָטן פֿאַרבאָרגן
רו איך ביז מאָרגן.
זאָל דאָס האַרץ שפּינען און וועבן
אויף יענער זײַט לעבן".

פּרץ וויקלט פֿאַנאַנדער דעם קאַליידאָסקאָפּ פֿון פּראָבלעמען און קאָנ־

פליקטן און דורך דער פריזמע פון האלב־דרימלדיקן שטעטל ווו ס'איז פאראן א דינע גרענעץ צווישן די לעבעדיקע און טויטע זעט ער די פאר־גליווערטקייט, גלותדיקייט אן אויסבליק אויף א באנייט לעבן. פרצעס צווייפל אין די אויפברויזנדיקע רעוואלוציאנערע אידעען, זיין האפענונג און שרעק, זיינע יאושדיקע השקפות ווערן דערקלערט אין פאעטישע לאנגע אריינפירן פון דיכטער און לעקטאר וועגן דעם באדייט פון די דיקאראציעס, די גלויבונגען און לעגענדעס, די קאנפליקטן צווישן שול און קלויסטער, דער מיסטעריעזער ברונעם־געץ, דער בדחן־לץ, דער פירוש און „עמעץ" — א גאנצע לעבעדיקע און טויטע גראטעסקע וועלט וואס שפילט אויס די נאכט־שפיל פון אתחלתא דגאולה.

וויקטאר ערליך באמערקט ריכטיק אז וויספיאנסקיס „חתונה" איז די וויזיע פון פוילנס אומאפהענגיקייט. פרצעס „ביינאכט אויפן אלטן מארק" איז דער חלום פון אוניווערסאלער און יידישער גאולה.

דער הויפט־העלד אין דער פיבער־נאכט־שפיל איז דער לץ אדער בדחן, וואס לאכט אפ פון די אלטע איינגעפונדעוועטע באגריפן, איינגע־ווארצלטע מנהגים, פאלשע צניעות, עראטיש־דערדריקטע געפילן, געצאמטקייט פון פרייען ווילן און באגערן וואס דער לץ וויל באפרייען אין זיין מאגישן חלום.

זיגמונד פרויד אין זיין עסיי „אומבעהאגען דער ציוויליזאציאן" ברענגט ארויס דעם געדאנק, אז רעליגיע און געזעץ דערשטיקן די פרימי־טיווע אינסטינקטן פון מענטש, וואס לעבן סיווי אין אונטערבאוווסטזיין. אין פיבערנאכט חלום „ביינאכט אויפן אלטן מארק", ווען גאט שלאפט ווי זיין עבנבילד — דער נאכט־וועכטער, און די וועלט איז הפקר, קען דער בדחן „פעלדמארשאל" באפרייען דעם מענטש פון אלע תורות און מסו־רות, פון פארשימלטן לעבנס־שטייגער, וואס האט דערשטיקט זיינע נאטיר־לעכע געפילן:

„טאנצן, טאנצן,
פלאמט כאטש אויף אין גאנצן,
זאלן טויטע אויגן שפריצן
פונקען־פייערדיקע בליצן..."

און ס'קומט פאר אן ארגיע־טאנץ פון טויטע, די שטיינבילדער, די ריטער נישן רייסן זיך אפ פון די מאגיסטראט־ווענט און פארבעטן זיך צום טאנץ מיט די זשידוועקעס, וואס צעלאזן תאווהדיק די האר און ווען א פרו־

מער מת פֿון שול־פֿענצטער רופֿט־אויס: „מע טאָר נישט״! ענטפֿערן די טענצערינס: מען טאָר, מען טאָר, ס׳איז גאָרנישט מיט גאָרנישט. אַזוי גייט אָן דער טויטן־טאַנץ ביזן שאַריען פֿון טאָג. מיטן קריי פֿון בלעכערנעם האָן אויפֿן שול־דאַך קומט די אויסניכטערונג.

4.

אין דער קאָליר־פֿולער „שאַגאַל־דעקאָראַציע״ פֿון אונדזער פֿאַרשוווּנ־דענעם אַלטן מאַרק קומט נאָך צו דער אויסטערלישער דעמאָנישער ברונעם גײַסט, אַ האַלבער מאַן און האַלבע פֿרוי, וואָס די שטעטלדיקע לע־גענדע דײַט אָן וועגן הפֿקרדיקע קלעזמער־יונגעען אויף פּריצישע חתונות, וואָס זײַנען אויפֿן באַפֿעל פֿון גײַסט אַרײַנגעשפּרונגען אין ברונעם. דער ברו־נעם־גײַסט וועט ווערן דער מיט־שיתוף צום בדחנס פּלאַן פֿון תחית המתים און אילוזאָרישער דערלייזונג.

חנן שמערוקס בוך „פּרצעס ייִאוש־וויזיע״ איז אַ ריזיקע פֿאָרש־אַרבעט און אַנאַליז פֿון פּרצעס „בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״. ער פֿירט אַ פּאָלעמיק מיט די פֿאַרשידענע קריטיקערס און זייערע אינטערפּרעטאַציעס פֿון ברונעם־גײַסט. י. י. טרונק האָט אין גײַסט געזען דעם ספֿינקס, די רעטעניש פֿון ייִדישער עקזיסטענץ. נאַטאַנסאָן גלויבט אַז דער ברונעם־גײַסט דריקט אויס דעם סימבאָל פֿון מענטשנס באַגער צו פּערזענלעכער פֿרײַהײַט. געצנ־דינסט האָט געהאַט פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן פֿרײַען עסטעטישן געפֿיל פֿון יחיד. לויט חנן שמערוקס אייגענער היפּאָטעזע איז דער האַלב־מאַן האַלב־פֿרוי, דעמאָנישער ברונעם־גײַסט געווען דער סעקס־קולט וואָס האָט דורך פּזשיבישעווסקיס טעאָריע און נאָוועלן באַווירקט די ייִדישע יוגנט. פּרץ האָט חוזקדיק רעאַגירט אויף יענעם דעקאַדענטישן אײַנפֿלוס. מיר גלייבן אַז דער ברונעם־גײַסט איז דער שׂטן, וואָס דער בישאָף ניש, אַ דערשראָקענער, רופֿט אויס: ס׳איז די נאַכט פֿון אַנטי־קריסט.

דעם בדחנס שיתּוף איז אויך דער „עמיץ״ וואָס קומט אויף די פֿליגל פֿון ליבע און עסטעטיק, ניט געצוימט פֿון רעליגיע און געזעץ צו געניסן פֿון לעבן. ער העלפֿט דעם בדחן וועקן די טויטע פֿון פֿאַרגליווערטן שלאָף. אָבער זײַנע כּישוף־רייד זײַנען „לער״. ער איז ניט דער באַשייד אויף די געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען אין גערעאַנגל פֿאַר ייִדישן קיום. ער פֿאַר־שווינדט צום גוייִשן קלויסטער־געסל.

דער בדחן בלײַבט אַליין מיט זײַן כּישופֿדיקן כּוח, וואָס שוועבט אין

דער פֿינצטערניש אַ דאַנק דעם הפֿקרדיקן כולו חייב, אײַנצוהאַלטן דעם תּחית המתים טאַנץ. מיטן קריי פֿון האָן דערשרעקן זיך די מתים. און ס׳העלפֿט ניט דאָס פֿאַרצווייפֿלטע מונטערן פֿון בדחן־לץ: „וואַשט די קעפּ אין פֿרישן טוי, באָדט אײַך אין פֿרימאָרגן גלאַנץ, טאַנצט אַרײַן דעם גרויסן טאַנץ אין גרויסן טאָג״.

מיטן שאַריי פֿון טאָג פֿאַרשווינדט דער חלום, ס׳וועקט זיך דער גרויער אומעטיקער מאַרק. דער קלויסטער־זייגער שטייט ווײַטער פֿון סאָביעסקיס צײַטן און דער בדחן הכנעהדיק וועקט אין שול אַרײַן. און די פֿאַבריק־סירענע צערודערט די רו. דער וואַנדערער וואַגלט אַוועק מיט זײַן חלום אַז —

„אין מזרח־ראַנד שאַפֿט אַ פֿאַרבאַרגענע האַנט,
ליכטיקע שטראַלן בינדט זי,
ראָזיקע נעפּלען שפּינט זי,
אַ נײַער טאָג ווערט אויסגעוועבט״.

ער וועט פֿאַרגעסן פֿון וואַנען ער קומט. ווו איז דער ציל? דאָס ווייסט קיינער ניט, פּרץ גיט ניט קיין באַשייד. „דאָס (זאָגט דער לעקטאָר) באַ־לאַנגט ניט צום שפּיל״. אָבער ס׳איז ניט שווער צו פֿאַרשטיין אַז דעם וואַנ־דערערס וועג פֿירט צו אַ נײַעם חלום. אַן אייביק וואַנדערן פֿון חלום צו חלום, פֿון חלום צו חלום.

אורי צבי גרינבערג

(דער אַלבאַטראָס פֿון דער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע)

א.

די ערשטע וועלט־מלחמה מיט די אומגעקומענע מיליאָנען זעלנער אויף די שלאַכטפֿעלדער פֿון אייראָפּע האָט צעטרייסלט די יסודות פֿון דער ציוויליזאַציע מיט איר אויסגעדראָשענע באַגריפֿן פֿון קולטור, מאָראַל און עסטעטיק. שרײַבער און קינסטלער, דענקער און וויסנשאַפֿטלער האָבן פֿאַרלאָרן דעם צוטרוי צו די אַלטע ירושהדיקע ווערטן און אילוזיעס פֿון הומאַניזם. די ליטעראַטור וואָס איז יאָרהונדערטער געווען דאָס אָנגעוויטיקטע קול פֿונעם וועלט־געוויסן, האָט איצט געזוכט זיך צו באַפֿרײַען פֿון דער שליחות־ראָל אין דינסט פֿון פֿאָטערלאַנד, פּאָליטישע אידעאַלן און אמונות. דער קאָנטראַסט צווישן וויסנשאַפֿטלעכע דערגרייכונגען און מאָראַלישער ירידה נאָך דעם קריג און באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די פּראָקלאַמאַציעס און מאַניפֿעסטן פֿון די נײַע ליטעראַרישע ריכטונגען אין די לענדער פֿון אייראָפּע און אַמעריקע. דער עקספּרעסיאָניזם, פֿוטוריזם, דאַדאַיזם האָבן בולט אילוסטרירט די בלאָנדזשענישן איבער פֿאַרנעפּלטע תּהומען אויף אומזיכערע, אומבאַקאַנטע וועגן — „פּער אַספּעראַ אַד אַסטראַ".

די קינסטלער־רעבעלן מיט זייער ציניזם און לעסטערונג זענען טראָגער פֿון זייער עקסטרעמען אינדיווידואַליזם נישט געווען פֿרײַ פֿון אײַנפֿלוסן מצד פֿילאָסאָפֿן, וויסנשאַפֿטלער און דענקער, וואָס האָבן אַקצענטירט די ראָל פֿון אינסטינקט און די אונטערבאַוווסטע כּוחות וואָס ריזלען אין מענטש.

די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע, די ווידער־אויפֿלעבונג פֿון פּוילן באַגלייט מיט ווילדע בלוטיקע פּאָגראָמען האָבן פֿאַרוויסט דאָס ייִדישע לעבן וואָס האָט קוים געקאָנט קומען צו זיך. די יוגנט האָט זיך באַהעפֿט מיט נײַע אידעאָלאָגיעס און געוואָרן פֿאַרשיכּורט און פֿאַרגלויביקט אין דער נײַער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור.

אין יענעם פֿרילינג פֿון דער מאָדערנער ייִדישע ליטעראַטור, אָנהייב די צוואַנציקער יאָרן פֿון איצטיקן י.ה., האָבן ייִדישע דיכטער אַדאַפּטירט דעם עקספּרעסיאָניזם, וואָס האָט פֿרײַ, צומאָל הפֿקרדיק־לעסטערנדיק גע־

פֿונעם נײַע שעפֿערישע אויסדרוק פֿאָרמען אין מלכות פֿון ייִדישן וואָרט. אין בראשית פֿון דער באַוועגונג זענען די דיכטער געווען פֿרײַ פֿון טענדענצן, זײ האָבן אַלץ נאָך געלעבט מיט קאָשמאַרן פֿון די „קופּעס" און אונטער דער שליטה פֿון „מעפּיסטאָ". אָבער נאָכן פֿאַרברענען די געטער, נאָכן איבער־רײַס מיט דער פֿאַרגליווערטער פֿאַרגאַנגענהײַט האָבן די כאַליאַסטרע־קינסטלער זיך געלאָזט פּענטען פֿון נײַע אידעאָלאָגישע באַוועגונגען.

פּאַראַלעל מיטן ייִדישן עקספּרעסיאָניזם זײַנען אויפֿגעקומען פּוילישע גרופּן און זייערע ליטעראַרישע זשורנאַלן, „סקאַמאַנדער" און „זדרוי" מיט די דיכטער פֿוטוריסטן און דאַדאַיסטן, ווי אַלעקסאַנדער וואַט, יאַן לעכאָן, טובים, אַנאַטאָל שטערן און אַנדערע. אויך זײ האָבן זיך אויסגעניכטערט און ס'האָבן זיך אָפּגעטיילט פֿון זײ די פּראָלעטאַרישע פּאָעטן בראָניעווסקי. ברונאָ יאַשענסקי, וואַנדורסקי, סטאַנדע און אַנדערע. פֿאַרגלײַכנדיק די פּוילישע דיכטער־עקספּרעסיאָניסטן מיט די ייִדישע, האָלט מאַקס עריק, אַז דער פּוילישער עקספּרעסיאָניזם ווערט ערשט געבוירן, אָבער דער ייִדישער, מיט קולבאַק, ראַוויטש, מאַרקיש און אורי צבי גרינבערג, מיט זייער פֿאַראַכט צום קײַלעכדיקן מוזיקאַלישן וואָרט און סימפּאַטיע צום וואָ־גיקן וואָרט, איז שוין געשיכטע. די שפּראַך פֿון „מעפּיסטאָ" איז די שפּראַך פֿון ייִדישן „עקספּרעסיאָניזם".

דער אומרואיקער אורי צבי גרינבערג וואָס האָט דורכגעמאַכט די מלחמה, איבערגעלעבט די שחיטה „בײַ די טײַכן פֿון סאַוואַ" און די פּאָ־גראָמען אין אוקראַינע און לעמבערג, קומט צו דער נײַער דיכטונג מיט זײַנע גרויליקע, כאַאָטישע און בלוטנדיקע לידער אין אַ צײַט פֿון שקיעה „ווען שוואַרץ שבת־ברויט איז דער לחם הפּנים פֿון זײַן דור". ער גלייבט אין אינטראָספּעקטיווער פֿאַרטיפֿונג און אין פֿרײַען, נאַקעטן מענטשלעכן אויסדרוק.

סוף זיבעציקער אָנהייב אַכציקער יאָרן זענען אין ירושלים אַרויס־געגעבן געוואָרן דעם דיכטערס געזאַמלטע ווערק אין ייִדיש, ווי אויך די פֿיר נומערן „אַלבאַטראָס". אין אַרײַנפֿיר צו די „אַלבאַטראָס"־זשורנאַלן באַ־מערקט ח. שמערוק. אַז טראָץ אַלע בלאָנדזשענישן האָבן די ייִדישע דיכטער געזוכט אַ לעזונג פֿאַר די אָנגעווייטיקסטע פּראָבלעמען און דילע־מעס: 1. דאָיקײַט, 2. סאָוועט־רוסלאַנד, 3. אַרץ־ישׂראל, און אורי צבי גרינ־בערג האָט טאַקע פֿאַרבונדן זײַן גורל און די צוקונפֿט פֿון ייִדישן פֿאָלק מיט ארץ ישׂראל.

אין ערשטן נומער „אלבאַטראָס“, ווען דער יונגער דיכטער האָט פּראָקלאַמירט די נײַע ערא פֿון עקספּרעסיאָניזם וואָס האָט אין זײַן דיכטונג זיך אָפּגעשפּיגלט מיט אַ געפּיל פֿון אומזיכערקײַט, אינסטינקטיוון אויס־געשרײַ, אויסלאַדונג פֿון עלעקטריזירטע נערוון, האָט ער דערקלערט דעם וועג פֿון גייער־דור גרויליק און כאַאָטיש אין אַ וועלט פֿון שקיעה... „געזאַנגען מוזן אויך געזונגען ווערן גרויזאַם, אפֿשר וועט אַנדערש ווערן דאָס ליד נאָכן געבוירן ווערן פֿון נײַעם מולד, ס'וועלן רוען גלאָריעס איבער אַלבאַטראָסישע קעפּ פֿון דיכטער־בריונים. דערווײַל זענען מיר נאָ־קעטע, צעשויבערטע פּאָעטן, אַן אומרואיקער דור וואָס שטייט בײַם צלם־וועג צווישן עלדאָראַדאָ און נירוואַנאַ“.

אין צווייטן נומער „אלבאַטראָס“ באַצייכנט מארקס עריק דעם יידישן עקספּרעסיאָניזם ווי דעם געבורט פֿון אַ וווּנדער־ווענוס. די פּרעכטיקע האַלב־כאַאָטישע, האַלב ראָמאַנטישע פּיל־קאָליריקע שפּראַך פֿון אורי צבי גרינבערג, פּרץ מארקיש, מלך ראַוויטש און משה קולבאַק האָט זיך זינגענ־דיק צעבליט אין נײַעם פּרילינג פֿון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע. מ. עריק זעט די בשותּפֿותדיקע שטריכן אין וואַגיק קנאַכיקן וואָרט, נאַטיר־לעכע העברעיזמען און ריטעם וואָס איז אידענטיש צום כוח פֿון אויסדרוק.

אורי צבי גרינבערג איז פֿון די געציילטע יידיש־העברעישע דיכטער וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט אונדזער דור פֿון מלחמות, אומקום פֿון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום און ווידערגעבורט פֿון דער ישׂראל־מדינה. דער גרוי־סער פּאָעט איןביידע שפּראַכן, דער דיכטער — חוזה איז געבליבן מײַסטער — עקספּרעסיאָניסט ביזן סוף פֿון זײַן לעבן.

ב.

אורי צבי גרינבערג איז געבוירן געוואָרן אין 1894 אין ביאַליקאַמיען (בילקאַמען־גאַליציע). פֿון פֿאָטער אַן אָפּשטאַמיקער פֿון רב מאיר פּרעמישליאַנער און פֿון דער מוטערס צד ציט זיך זײַן יחוס פֿון רב אורי סטרעליסק, דער שׂורף. די משפּחה ציט זיך אַריבער קיין לעמבערג, דאָרט קריגט ער אַ חסידישע דערציִונג און צו 18 יאָר דרוקט ער שוין זײַנע העב־רעיִשע און יידישע לידער אין פֿאַרשידענע ליטעראַרישע זשורנאַלן. מלך ראַוויטש דערציילט אין זײַן לעקסיקאָן, ווי ער, דער באַנק־אַנגעשטעלטער, „אַ פֿראַנט מיט באַקנבערד האָט זיך באַפֿרײַנדעט מיט אורי צבי גרינבערגן, אַ רבינס אַ זונדל מיט רויטע פּאות אין אַ בעקעשע און ווײַסע זאָקן; ביידע

אַנהייבער־פּאָעטן". אין 1915 דינט א.צ.ג. אין דער עסטרײַכישער אַרמיי, אויפֿן פֿראָנט אין סערביע, און נאָך צוויי יאָר דעזערטירט ער און קומט אַהיים. דער פּאָגראָם אין לעמבערג האָט צערודערט דעם יונגן פּאָעט. ער דריקט אויס זײַן צער און צאָרן אין „מעפּיסטאָ". ביז 1922 זענען אויך דער־שינען זײַנע זאמלונגען: „קריג אויף דער ערד", „פֿאַרנאַכטגאָלד" און „ערגעץ אויף די פֿעלדער". אין די יאָרן 1922־1923 נעמט ער אָנטייל אין דער „כאַליאַסטרע" אין וואַרשע און גיט אַרויס באַזונדער דעם „אַלבאַ־טראָס" ווו ס'דרוקן זיך די אַוואַנגאַרד־פּאָעטן. אין זײַן מאַניפֿעסט וואַרפֿט דער פּאָעט אַראָפּ פֿון זיך די וועלט־אחריות: „מיר ווילן נישט טראָגן מער דעם פֿינצטערן גלאָבוס נאָך זעקס טויזנט יאָר". סײַ אין דער „כאַליאַסטרע" סײַ אין „אַלבאַטראָס" האָט אויפֿגעבליצט אַ וווּנדערלעך ליכט אין דער יידישער דיכטונג און, ס'איז כדאי זיך צו באַקענען מיט דעם שעפֿערישן געמיט פֿון יענע יונגע עקספּרעסיאָניסטן.

אין ערשטן נומער „אַלבאַטראָס" ברענגט מלך ראַוויטש אַרויס דעם געדאַנק, אַז דיכטונג דרינגט אַרײַן אין אַלע נערוון, פֿון אינסטינקט צו אינסטינקט, פֿון האַרץ צו האַרץ, פֿון טרויער צו טרויער. ווען ס'ווערט גע־בוירן אַ נײַער דור זענען די דיכטער משוגע און פֿאַרמלאָז. ווײַזט אויס, אַז אין דער קרעאַטור לעבט דער ווילדער ווילן פֿון אויסשרײַען זיך. שטאַרק באַווירקט פֿון וואָלט וויטמאַן, האַלט ער, אַז אין דער פּאָעזיע דאָמינירט דער אינסטינקטיווער אויסדרוק פֿון קינסטלער.

פּרץ מאַרקיש, דער מחבר פֿון „די קופּע" און „וויילאַנד" דריקט אויס זײַן פֿאַראַכט און קללה פֿאַרן מענטשן־מין. נאָך מער שפּיגלט זיך אָפּ די לעסטערונג און עקל צום מענטש אין „מלכות פֿון צלם" בײַ אורי צבי גרינ־בערג. ס'נעמען אויך אָנטייל אין „אַלבאַטראָס" אסתר שומיאַטשער און פּרץ הירשביין, די וועלט־וואַנדערער און באַזינגער פֿון ווײַטע האָריזאָנטן. דאָס ליד „אַלבאַטראָס" פֿון אסתר שומיאַטשער אילוסטרירט צום בולטסטן דעם אומרו פֿון יענעם דור פּאָעטן: „אַלבאַטראָס, אַלבאַטראָס,/ דײַן גוף — פּערלמוטער/ בראָנז — דײַנע פֿליגל/ אין הימל — דײַן אויג/ צעפּלאַ־סענע כוואַליעס — דײַן שפּיגל,/ צעשלאָגענע שוימען — דײַן טאָג/ נע ונד איז דײַן גורל/ קרייצנדיקע ווינטשיפֿן פֿון שטאָל צירקלענדיק נישטערן דײַן הונגער ערדישע אָפּפֿאַלן:/ און ווען ליכט ווערט אין טונקל דערטרינקען/ זענען כוואַליעס דײַן נעסט, זענען כוואַליעס דײַן היים/ אַלבאַטראָס, אַלבאַטראָס".

„ביי די טײַכן פֿון סאַוואַ״ איז אומגעקומען גרינבערגס ראַטע זעלנער און ער, דער אַליין לעבן־געבליבענער עדות האָט געזען ווי זײַנע פֿראָנט־ברידער ליגן אויף שטעכל־דראָטן מיט די באַנעגלטע שטיוול אַרויף, ווי זיי וואָלטן געבריקעט דעם הימל, און ער האָט געוויינט מיט אַן אייביק געוויין.

אין זײַן אַפּאָקאַליפּטישער פּאָעמע „וועלט באַרג־אַראָפּ״ זאָגט דער דיכ־טער, אַז די שפּראַך איז הײַנט הפקר, בלינד און טויב; ווי סטרונעס אָנגע־צויגענע זענען די פֿערזן פֿון לידער און ווי טעלעגראַף־דראָטן אין פּראָס־טיקע מאָרגנס וואָס אויף זיי הענגען טויטע פֿאַרגליווערטע פֿייגל... אין דעם זעלבן ליד פֿאַרדאַמט ער און באַזידלט אייראָפּע, דאָס קאַטוילישע פּוילן, אוקראַינע, דעם ייִדן־האַס און די אכזריותדיקע שחיטות. „אין אײַערע הייליקע שטעט פֿון באַקלויסטערטע לענדער איז הײַנט אויגוסט, יום־טוב פֿון סוף זומער, ביי אײַך זידן בלוטן. מיט אויגן צעוואָסערטע ציען יעזוס־בחורים, נאָך זיי ציען פֿייגל; ס'קוקן די קלויסטערס מיט צעהוידעטע גלאָקן. בײַ אונדז אָבער איז חושך... ס'וועט שוין קיין יום־טוב נישט זײַן אויף ייִדישע גאַסן. ס'וועלן שוין אונדזערע טײַכן אויף זייערע פּלאַכן נישט טראָגן דעם חן און דאָס בלאָ — — — — — אין זייער אָפּגרונט ליגט דער אָפּפֿאַל פֿון תּשליך״.

דער דיכטער פּאָלעמיזירט מיטן קריסטנטום, וואָס האָט אַ געשיכטע פֿון אינקוויזיציעס: „ס'האָט קיינער אײַך נישט אויפֿגעשניטן די אָדערן גע־בראַכט צו דער גאַלגאָטע; ניין, ס'איז נישט אײַער קלאָג נאָר אונדזער ווײ און פּײַן — דער יודאַ — קריסטוס ווײ, ס'איז אונדזער ווונד און אײַער — אַ היפּנאָז״. ער אידענטיפֿיצירט ייִדישע לײַדן מיטן געקרייציקטן, ווי שאַ־גאַלס געקרייציקטע ייִדן. אין זײַן גרויסער פּאָעמע „אורי צבי גרינבערג פֿאַרן צלם״ שילדערט דער פּאָעט אַ פּאָגראָם צופֿוסנס דעם צלם — אָפּגע־שניטענע ייִדן־קעפּ און צעריסענע טליתים; ער באַטראַכט דעם עקל און די רציחה און ס'רײַסט זיך אַרויס: פּילאַטוס לעבט און אין רוים תּהילימט מען אין די קלויסטערס. דעם דיכטער ציט צו זײַנע ברידער בריונים וואָס פֿלאַנצן פּרדסים אין חדרה און טריקענען זומפּן. דאָרט וואַקסן ריזיקע עוקאַליפּטן, בערג האָבן זיי, אַ ים, דעם כּנרת... ער וויל באַצײַטנס אַוועק פֿון דער פּוילישער ווײַסל, פֿון גאַנץ אייראָפּע.

פֿאַר אַזעלכע אַנטי־קריסטלעכע פּאָעמעס ווי „אין מלכות פֿון צלם״, „רויטע עפּל פֿון ווײַ־ביימער״ מיט זײַן פּסעוודאָנים מוסטאַפֿאַ זאַהיב, מוז ער פֿאַרלאָזן פּוילן. דער דריטער און פֿערטער העפֿט „אַלבאַטראָס״ גייען

אַרויס אין בערלין. די סאָווע, דער קלאָג־פֿויגל פֿונעם ווײַ־לאַנד אין אייראָפּע, ווי ער אַליין רופֿט זיך, מאַכט דעם לעצטן חשבון מיטן פּוילישן עבר. אין דער פּראָזאַישער פּאָעמע „ווײַטיקן היים אויף סלאַווישער ערד" וואָרנט ער אַז ס׳ע שלאָגט די לעצטע שעה. ייִדן זענען פֿרעמדע אין אייראָפּע. פֿאַראַן צוויי עקסטרעמען — ציוניזם און קאָמוניזם. קאָמוניסטישע לעזונג מיינט ייִדישער אונטערגאַנג. „איך וויל מײַן קינד זאָל זאָגן מאַמע, נישט מאַטושקאַ, ער זאָל קענען לייענען דאָס בוך פֿון אַלע ביכער. איך גלייב נישט אין אונדזער ווײַטערדיקן קיום אויף סלאַווישער ערד. איך גיב אָפּ אייראָפּע מײַן שניפּס, די לאָק־שיף און די בית־עולמס". דער דיכטער האָט בכלל ווייניק צוטרוי צום מענטשן־מין, וואָס איז פֿאַר אים אַ מיסטעריע. אָבער די וואָס גלייבן אין מענטש און אין „דאַיקײַט" וואָרנט ער, אַז זיי זאָלן שטעלן שומרים בײַ זייערע טויערן. אין 1924 קומט ער פֿון בערלין קיין ארץ ישׂראל.

ג.

פֿאַר אורי צבי גרינבערגן הייבט זיך איצט אָן אַ נײַער פּעריאָד אינעם וויסטן אַלט־נײַלאַנד, וואָס איז אים געווען נאָענט פֿון חדר און תּפֿילות פֿון דורותדיקע זיידעס. איצט צעבליען זיך זײַנע דיכטערישע פּאָטענצן אין העברעיִש. ווי אַ מיטגליד פֿון הפּועל הצעיר באַזינגט ער דעם חלוציזם, די שיינקײַט פֿון לאַנד, די געטלעכע מאַיעסטעטישקײַט פֿון ירושלים. „למר־גלותיך ירושלים" מלכים לייגן אַנידער זייערע קרוינען בײַ דײַנע פֿיס, ירושלים, און פֿאַלן אויף זייערע פּנימער; אויף רוים שיקט מאַרמאָר, קריש־טאָל און גאָלד אויפֿצושטעלן פֿאַר דיר אַ טעמפּל... און מיר, דײַנע באָר־וועסע זין און טעכטער, וואָס זענען געקומען צו דיר פֿון אַלע עקן וועלט צו טראָגן אויף אונדזערע פּלייצעס פֿון אָפּענע וווּנדן דעם העברעיִשן גלאָ־בוס, מיר האָבן אַוועקגעגעבן אַלע אונדזערע אַמביציעס צו ווערן אָרעמע האָרעפּאַשניקעס אין וויסטן לאַנד. קענט איר אין דער גאַנצער וועלט גע־פֿינען אונדזער גלײַכן — שאלי שׂרופֿה מטיטוס! פֿרעג דו, פֿון טיטוס פֿאַר־ברענטע ירושלים". און אַזוי באַזינגט ער דעם פּיאָנערישן בראשית: „מיר זענען גרייט מיט אונדזערע גופֿים אויפֿשטעלן אַ מעכטיקע זײַל"... מיט געשרײַ און געזאַנג אל יבנה השמה — גאָט וועט צוריק בויען די וויס־טעניש אין דער ליכטיקײַט פֿון די גרויסע שטערן...

ער האָט נאָך אין „אַלבאַטראָס" אויסגעדריקט זײַן פּראָטעסט און באַ־

דויער פֿאַרן פֿאַרלאָרענעם אבסטראַקטן גאָט, דעם ציטער פֿון קדושה און רעליגיעזקייט. „און ס׳איז אַ שאָד, ווײַל ס׳זינגט אַן אַלט העברייער־ליד: שיין און פראַכטיק איז די וועלט״. דיווירקלעכקייט, אויך אין ישראל, שטערט זײַן רעליגיעזער מענטאַליטעט. ער שרײַבט קאַלומס אין „דבר״: ממגילת הימים ההם״ און „שומר מה מליל״. ער טרעט אַרויס קעגן די גלות־ציוניסטן, פֿאַדערט אייגענע רעאַליזירונג פֿון ציוניזם און חלוציזם. אין ישראל קעמפֿט ער פֿאַר אַן אייגן פּנים אין דער קונסט. ישראל־קינסטלער דאַרפֿן נישט אימיטירן די וועלט נאָר שאַפֿן אַן אייגענעם סטיל. אין דער צײַט פֿון אַראַבישן טעראָר איז דער דיכטער קעגן צוריקגעהאַלטנקייט (הבֿלגה) וואָס איז דער צוגאַנג פֿון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, און דעמאָלט ווערט ער אַ רעוויזיאָניסט. אין די יאָרן 1931־1934 ווערט א.צ. גרינבערג געשיקט קיין וואַרשע צו רעדאַקטירן די פּאַרטייאישע ייִדישע שריפֿט „די ייִדישע וועלט״. ווידער קומט ער צוריק קיין ארץ ישראל. אין זײַנע פּלאַמיקע וויזיעס וואָרנט דער דיכטער, ווי אין 1922, וועגן דער געפֿאַר פֿון אַן אַנקומענדיקער שואה. ער אַליאַרמירט די ייִדן זיי זאָלן פֿאַר־לאָזן אייראָפּע.

אין די לעצטע חדשים ערב דער היטלער־אינוואַזיע איז דער דיכטער געווען אין פּוילן. אין דעצעמבער 1939 באַווײַזט ער צו אַנטלויפֿן פֿון אָקו־פּירטן וואַרשע און קומט אַ געראַטעוועטער קיין ארץ ישראל. ער שרײַבט זײַנע צערפֿולע לידער מיט פּחד פֿאַרן גורל פֿון פּוילישן ייִדנטום און זײַן משפּחה: „אלהים הִצְלַתַּנִי מאור אֲשכּנז בְּבָרְחִי מִסַּף אָבִי וְהִגַּעְתִּי שָׁלֵם בְּגוּפִי״ „גאָט האָט מיך געראַטעוועט פֿון די דײַטשישע האָרדעס ווען כ׳בין אַנטלאָפֿן פֿון טאַטע־מאַמעס שוועל און בין געקומען אַ גאַנצער מיט מײַן גוף/ אָבער מײַן נשמה איז צעריסן,/ אין ים כּנרת ליגט מײַן געוויין/ איצט לעב איך מיט מײַן טרויער אין גסיסה פֿון מײַן וואָרט./ איך ווייס אַז דער געבאָט איז־לעבן כּדי צו טראָגן יענע ירושה פֿון די קדושים פֿון מײַן טאַטן/ מײַן שיינעם חלק אין ישׂראלס ירושה פֿאַר ווײַטער־דיקע דורות״. אין דעם פֿראַגמענט פֿונעם ליד, פֿרײַ איבערזעצט, שפּיגלט זיך אָפּ די נשמה־צעריסנקייט פֿון דיכטער. אָבער אין קאָנטראַסט צום פּעסימיזם און יאוש אין זײַנע ייִדישע פּאָעמעס „מעפּיסטאָ״ און „אין מלכות פֿון צלם״ זײַנען זײַנע חורבן לידער בונטאַרישע, מיט דערהויבענעם גלויבן אין נצח ישׂראל.

אויך אין עבֿרית איז אורי צבי גרינבערג דער מײַסטער עקספּרעס־

יאַניסט. ער ברענגט אַרויס אין זײַנע פּילצאַליקע פּאָעטישע ווערק אַלע אַס־פּעקטן פֿון אונדזער טראַגעדיע און געראַנגל פֿון די רעשטלעך ניצול געוואָרענע פֿאַר זייער קיום. ער איז דער דיכטער פֿונעם דור וואָס האָט אַליין איבערגעלעבט די פֿײַערן פֿון סכּנה און געבליבן לעבן. ער ווערט אָפֿט באַהערשט פֿון מיסטישע געפֿילן און חזיונות. דער ציוניזם איז פֿאַר אים די געטלעכע דערפֿילונג פֿון ייִדישן גורל. דאָס ייִדישע פֿאָלק עקזיס־טירט קעגן דער לאָגיק, מחוץ דער ווירקלעכקײַט — אין אַלע אייביקײַטן.

אין זײַנע פּאָעמעס „במגדל הגוויות" און „רחובות הנהר" ווערט ער באַהערשט מיט וויזיע פֿון גרויל. ער וויינט אויס זײַנע טענות צו גאָט. „דו האָסט אונדז צוגעזאָגט אײַנצוזאַמלען די שארית ישׂראל, ברענגען אונדז קוממיות לארצינו; נאָר ווי עפּעס אַ געטלעכער חוזק האָט דער שׂונא אונדז אײַנגעזאַמלט פֿון די תּפֿוצות צו די קרעמאַטאָריעס. יעצט דאַרפֿן מיר נישט קיין גאולה, טאָ זיץ דיר דאָרט אין הימל, שומר פֿון ייִדישע בית עולמס".

אין זײַן פֿאַרביטערטער פּאָעמע „לא נדמינו לכלבים בגויים" שרײַבט ער: מען קאָן אונדז נישט פֿאַרגלײַכן צו די הינט בײַ די גויים. אַ הונט ווערט געצערטלט און אַז ער פּגרט באַדויערט אים דער גוי. נישט ווי די שאָף צו דער שחיטה קאָן מען אונדז פֿאַרגלײַכן, קיינער רײַסט בײַ זיי נישט אַרויס די ציין פֿאַר דער שחיטה, מען פֿאַרברענט זיי נישט אויף אַש. ניין, נישטאָ אין דער וועלט קיין פֿאַרגלײַך. די גאַנצע גויישע קולטור איז אָנגעזאַפּט מיט אונדזער בלוט; זייער געוויסן — מיט אונדזער געוויין.

אין דער צײַט פֿון חורבן איז א.צ. גרינבערג געווען אין ארץ ישׂראל. אין זײַן דמיון האָט ער געזען די בלוטיקע מיטאַרבעט פֿון די אוקראַינער און פּאָליאַקן מיט די דײַטשן. אין די חורבן־לידער פֿון צער, צאָרן און נקמה אינעם בוך „רחובות הנהר" זעט דער דיכטער דעם אוקראַינישן מערדער פֿון טאַטן. אין דער פּאָעמע „הקבר ביער" נעמט דער פּאַרטיזאַנער נקמה אין אוקראַינישן פּויער סטעפּאַן גאַספּאַדאַר. „די קלויסטער־גלאָקן האָבן געקלונגען: גלין גלאָן, בים באַם, גרויס איז אונדזער יום־טוב ווײַל נישטאָ מער קיין ייִדן. דער פּאַרטיזאַנער ברענגט דעם פּויער צום קבר פֿון טאַטן אין וואַלד. דער פּויער ציטערט און איז זיך מודה. ער קניט און וויינט. אוי, לאָז מיך לעבן גוטער מענטש, דו ביסט דאָך אַ ירא אלהים. דער זון ברענגט אַרויס דעם שאָטן פֿון דערמאָרדעטן, דער טאַטע בענטשט דעם גואל הדם: ברוך אפּך כּי עז, און דער זון מאַכט אַ ברכה: דם תחת דם, נפש תחת נפש... ער זאָגט קדיש און ענדיקט: „איך גיי קיין ירושלים און נעם מיט

מיט זיך מײַן צאָרן און כּח. נישט מער קידוש השם נאָר מלחמת השם. קודש ישׂראל בירושלים מיט גבורה — אמן".

אזוי דערשיינען די אומגעקומענע אויך אין ארץ ישׂראל, די גרויל־וויזיעס פֿון מאַמעס וואָס וואָרענען: אַז דער גואל וועט קומען און בעטן די שווערדן אויף אַקעראײַזנס זאָלסטו נישט גלייבן די גויים. ווען דו וועסט זײַן אַנטוואָפֿנט וועלן אַלע אויפֿשטיין קעגן אונדז. און דער זון ענטפֿערט: הייליק זענען דײַנע ווערטער, מאַמע. דאָך גלייבט דער דיכטער אין אַ יידישער צוקונפֿט. פֿון אַש וועט קומען די גאולה, פֿון חורבן — טרייסט, פֿון יאוש — אמונה. ער נעמט אָנטייל מיטן אירגון אין דער מלחמה פֿאַר עצמאות און אין 1951 ווערט ער אויסגעוויילט אין כּנסת. טראָץ זײַן עקשנותדיקן עקסטרעמיזם ווערט ער, דער איינציקער דיכטער, באַערט דווקא פֿונעם אַרבעטער — מפּאי־כּנסת, און אין 1957 באַקומט ער דעם פּרס ישׂראל.

ד.

מאָדערנע פּאָעזיע איז אָפֿט דאָמינירט פֿון פּערזענלעכע עסטעטיק. אינטראָספּעקציע ווערט צומאָל אַן אַבסעסיע און אינסטינקטיוו, אונטער־באַוווּסטע וויזיע ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אינערלעכן רעאַליזם, אַ מין אמת אינספּירירט מזיוו השכינה. אורי צבי גרינבערג דער נאָוואַטאָר, אַנטי־שאַבלאָניסט קאָן זיך נישט דערווײַטערן פֿון די אָנגעווייטיקטע פּראָ־בלעמען און אַ פֿאַרביטערטער וויל ער פֿון זיך אַרויסרײַסן יעדע סימ־פּאַטיע פֿאַר דער אייראָפּעישער עסטעטישער טראַדיציע און הומאַניזם, וואָס טאָלערירט פּאָגראָמען און יידן־האַס.

אין די פֿריע דרײַסיקער יאָרן איז מיר געווען דערווידער דעם דיכ־טערס היפּערנאַציאָנאַליזם, דאָך בין איך געווען פֿאַרליבט און באַצויבערט פֿון זײַנע יידישע און העברעישע לידער. יעקב פּאַט, אין אַ רעקאָרדירטן דיאַלאָג, האָט פֿאַרגעוואָרפֿן אורי צבי גרינבערגן פֿאַרוואָס ער כאַוועט אין זיך אַ שׂנאה צו דער נישט־יידישער וועלט, וואָס איז אין קאָנטראַסט צו אונדזער ליטעראַטור און עטישער טראַדיציע. דער אײַנדרוק פֿון זײַן ענט־פֿער איז געווען, אַז מיר קאָנען ווייניקסטנס אויסדריקן אונדזער פּראָטעסט פֿון צער און צאָרן דורך וואָרט. אַ נקמה, רחמנא ליצלן, פֿון אַ „יידישן גזלן". זײַן אַנטי־אייראָפּעישקײַט, זײַן אולטראַ־נאַציאָנאַליזם און רעוויז־יאָניזם, איז געווען אַ רעאַקציע קעגן די פּאָגראָמען, קעגן דער קריסט־

לעכער וועלט, וואָס האָט צוויי טויזנט יאָר אונדז פֿאַרשאַפֿט פּײַן און פֿאַר־גאָסן בלוט אין אַלע גזרות, חרבנות ביז דער שואה אין אונדזער דור. אויך גלאַטשטיין האָט געוואָרפֿן אַ גט דער אייראָפּעיִשער קולטור און געזאָגט אַ גוטע נאַכט דער „שיינער וועלט" און דערקלערט — איך גיי צוריק אין געטאָ... שוין אין די דרײַסיקער יאָרן האָט אורי צבי גרינבערג געשריבן אין זײַנע לידער און וואָרענונגען ווי אויף אַ ברענענדיקע שיף.

מלך ראַוויטש דערמאָנט די פֿרײַנדשאַפֿט צווישן אים, פּרץ מאַרקישן און דעם רויטהאָריקן גרינבערג. מאַרקיש האָט געטראַכט אין 1923 זיך צו באַזעצן אין ארץ ישׂראל און אורי צבי גרינבערג האָט געוואָלט באַזוכן מאָסקווע. דער גורל האָט געפֿירט פֿאַרקערט. מלך ראַוויטש האָט גע־פּרוּווט פֿאַרשטיין זײַנע צוויי חברים פּאָעטן, אָבער אַליין האָט ער גע־גלייבט אַז „עם ישׂראל איז דער שטאַם, מדינת ישׂראל איז די קרוין פֿון בוים און די וואָרצלען זענען ערגעץ ווײַט און ברייט אין שטח און אין צײַט". אין אַ ליד „פֿאַרטאָג אויפֿן ים" בעט ראַוויטש פֿאַר זײַן חבר: „און פֿאַר אורי צבי גרינבערגן בעט איך דיך, גאָט/ אין זײַנע אָדערן שטראָמט דאָך נישט זײַן אייגן בלוט, נײַערט טרערן מיט בלוט געמישט פֿון געשאָכטענע אין פּאָ־גראָמען... גאָט, איך בעט דיך/ דערהער אים און דערזע —/ אַ דיכטער פֿון אַ צער צעשניטן פֿאָלק רעדט צו דיר פֿון סנה".

אורי צבי גרינבערג וואָס איז אין מדינת ישׂראל געווען פֿאַררעכנט אפֿשר צו די אָנערקענטסטע העברעיִשע דיכטער פֿון זײַן צײַט, האָט אָפֿט געבענקט צו יענער עפּאָכע פֿון די אַלבאַטראָסן, צו זײַן באַליבטן מאַמע־לשון און געשריבן יידישע לידער אין דער צײַטונג „לעצטע נײַעס".

פֿון יענע אַלבאַטראָסן־ און כאַליאַסטרע־צײַטן ביז הײַנט האָט די יידישע מאָדערנע פּאָעזיע זיך פֿיל געענדערט. זי איז נישט מער כאַאָטיש, שרײַעוודיק, פּראָטעסטירנדיק, לעסטערנדיק, ברויזנדיק.. אָבער די מיס־טעריע פֿון יענע אומרואיקע, אַלבאַטראָסן ריזלט נאָך ביז הײַנט אין זכרון פֿון אונדזער ליטעראַטור. אורי צבי גרינבערג האָט געגאַרט אויסצומעקן דעם גלות־קאָמפּלעקס, אָבער נישט די גלותדיקע יידישע קולטור־ירושה. ער איז דער דיכטער־בונטאַר, דאָס קול פֿון אונדזערע לײַדן, דאָס געוויין פֿון דור החורבן און דאָס געזאַנג פֿון קוממיות ישׂראל.

פֿרויד־מאָטיוון
אין דער יידישער ליטעראַטור

1.

אין פֿאַרשידענע צײַטן אַנטפּלעקן זיך פֿענאָמענאַלע טעאָריעס וואָס רעוואָלוציאָניזירן דאָס מענטשלעכע דענקען, קולטור און מענטאַליטעט פֿון יחיד און כּלל. אין סוף פֿון 19טן און אין 20טן יאָרהונדערט זײַנען דאָס געווען: דער דאַרוויניזם, מאַרקסיזם און פֿרוידיאַניזם. דאַרווינס טעאָריע וועגן אָפּשטאַם פֿון די מינים האָט צעטרייסלט די רעליגיעזע דאָגמעס און באַאײַנפֿלוסט דאָס פֿילאָסאָפֿישע דענקען וואָס פֿאַרטיידיקט די רעכט פֿון שטאַרקן, פֿון „כּל דאַלים גבר", וואָס אונדזער פּרץ האָט באַקעמפֿט אין זײַן עסיי „די נײַע באַוועגונג". דער מאַרקסיזם איז געוואָרן די תּורה פֿון אַ האַלבער וועלט. אין קאָנטראַסט צום דאַרוויניזם און צום היסטאָרישן מאַטעריאַליזם פֿון קאַרל מאַרקס איז דער צענטער פֿון פֿרוידס השקפֿה — דער מענטש, די מענטשלעכע נשמה. ניט דער קלאַסן־אויסגלײַך, די סאָציאַל־עקאָנאָמישע רעוואָלוציע וועט ברענגען די מענטשלעכע גאולה; ניט רעליגיע, קולטור און ציוויליזאַציע קענען באמת אויסוואָרצלען דעם האַס, רישעות, טיראַניע און רציחה. מענטשלעכע באַציונגען ווערן קאָנטראָלירט פֿון זינט אוראַלטע דורות, כּפֿי די אָפּמאַכן און פּרינציפּן פֿון „דעלך סני לחברך לא תעביד" (פֿון הילל): „טו ניט יענעם וואָס דיר איז ניט ליב". דאָס מיינט אָבער ניט אַז דאָס גאָלדענע געזעץ ענדערט דעם מענטשלעכן כאַראַקטער אָדער די נשמה. אין פֿאַרהוילענעם אונטער־באַוווּסטזײַן לעבט סײַווי דער פּרימיטיווער הייל־מענטש מיט זײַנע ירושהדיקע אינסטינקטיווע אייגנשאַפֿטן, וואָס זענען אין אים אײַנגעגלוליעט אין טיפֿער לעטאַרגיע. די באַין־ברירהדיק באַהאַלטענע כּוחות דערוועקן זיך פֿון צײַט צו צײַט, סײַ אין יחיד, סײַ אין דעם מאַסן־פּסיכאָז, טראַומאַטיש צעהעפֿקרט, וואָס קען פֿאַרוואַנדלען ציוויליזאַציעס אין דזשונגלס.

יענע פּסיכאָפּאַטישע עלעמענטן וואָס עקספּלאָדירן אונטער אידעאָלאָגישע אויסריידן זײַנען אונדז באַקאַנט פֿון די מלחמות, רעוואָלוציעס, פּאָגראָמען און טעראָר. גענוג צו דערמאָנען דאָס דײַטשע קולטור־פֿאָלק

אין ווען ס׳האָט זיך דערוועקט די „בלאָנדע בעסטיע״. זיגמונד פֿרויד האָט אַרויסגעבראַכט דעם קאָנטראַסט צווישן דער וויסנשאַפֿט און קולטור און דער מאָראַלישער ירידה פֿון דער מענטשהייט. אין זײַן עסיי „אומבע־האַנגען דער ציוויליזאַציאָן״ (אומקאָנסעקווענטקייט פֿון דער ציוויליזאַציע) ווערט אַרויסגעבראַכט דער געדאַנק אַז טראָץ די דערגרייכונגען און הויכן קולטורעלן לעבנס־ניוואָ, לעבט די בעסטיע אין מענטשלעכן אונטער־באַוווּסטזײַן אָבער זי איז געצאַמט און באַגרענעצט דורך רעליגיע, געזעץ און מאָראַל. אין אונדזערע טראַגישע דערפֿאַרונגען איז שווער צו אַרגומענ־טירן מיט דער דאָזיקער פעסימיסטישער השקפֿה.

זיגמונד פֿרויד איז געווען אַ דאָקטער, ספּעציאַליזירט אין פּסיכיאַטריע, און אין זײַן פֿאָרש־אַרבעט האָט ער פּרובירט זיך צו דערגרונטעווען צו די טיף־פֿאַרבאָרגענע עלעמענטן וואָס נורטעווען אין דער מענטשלעכער נשמה. זײַן פּסיכאָאַנאַליז־טעאָריע איז לכתּחילה געווען געצילט צו העלפֿן גײַסטיק־קראַנקע מענטשן, די טעאָריע איז אָבער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פֿילאָסאָפֿישער דערקענטעניש. לויט זײַן פּסיכאָאַנאַליטישע השקפֿה האָט ער געשריבן אָפּהאַנדלונגען וועגן ליטעראַטור, קונסט, פּאָליטיק, הומאָר און רעליגיע.

פֿרויד האָט זיך אידענטיפֿיצירט מיטן ייִדנטום, געפֿילט זיך היימיש אין דער סביבה פֿון בני־ברית, ווו ער האָט אָפֿט געהאַלטן רעפֿעראַטן, גע־לייענט זײַנע עסייען („היימישקייט״), ער איז אָבער דורכויס געווען אַן אַטעיִסט, און געהאַט זײַנע אייגענע אויסטײַטשונגען וועגן ייִדישקייט, קריסטלעכקייט און רעליגיע בכלל. ער האַלט, אַז די מענטשהייט האָט זיך קיין מאָל ניט באַפֿרײַט פֿון דער קינדערישער מענטאַליטעט, וואָס מוז האָבן די פּראָטעקציע פֿון אַ שטאַרקן טאַטן. אין זײַן ניט־דערוואַקסנקייט פֿילט זיך דער גלויביקער געשיצט פֿון טאַטן אין הימל („די צוקונפֿט פֿון אַן אילוזיע״). די פּראָבלעמען פֿון רעליגיעזע שטרײַטיקייטן, אומקאָנסעקווענטקייט פֿון דער ציוויליזאַציע און ייִדישקייט קומען צום אויסדרוק אין זײַנע עסייען און ביכער: משה און מאָנאָטעיִזם, טאָטעם און טאַבו, מײַקל אַנדזשעלאָס משה, און אַנדערע.

2.

אין זײַן אַרײַנפֿיר צום בוך אינטערפּרעטאַציע פֿון חלומות (1899) האָט פֿרויד געשריבן דעם באַרימטן מאָטאָ אַרויסגענומען פֿון ווירגיליוס

„ענעיד״: „פּלעקטערע סי נעקוועאַ סופּעראָס אַכעראָנטאַ מאָוועבאָ (אַז כ׳וועל ניט קענען באַווירקן די הימלישע באַווינער וועל איך אויפרודערן די אונטערוועלט, דאָס הייסט, די כוחות פון גיהנום. לאַסאַל האָט פּאַראַ־פראַזירט דעם זעלבן מאָטאָ, פּאָלעמיזירנדיק מיט דער ביסמאַרק־רעגירונג: „איבער דער אַרבעטער וועט ניט פאַרבעסערן זײַן מצב דורך לעגאַלע וועגן וועט ער אויפרודערן אַ רעוואָלוציע״.

פרויד האָט מיט זײַן „פּלעקטערע״ זיך באַצויגן צום בן־אָדם: אויב כ׳וועל צו אים ניט דערגיין דורך זײַן באַוווּסטזײַן, וועל איך זיך דער־גרונטעוועז צו זײַן אונטערבאַוווּסטזײַן.

פּראָפעסאָר פישל שניאורסאָן, דער מחבר פון דער טיף־פּסיכאָ־לאָגישער נאָוועלע „חיים גראָוויצער״, האָט פּאָלעמיזירט מיט פרוידס חלום־אויסטײַטשונג. ער האָט געגלויבט אַז דער חלום רעאַליזירט בילד־לעך וואָס דער מענטש פּילט און איבערלעבט ווען ער איז וואַך. דער יידישער עסייאיסט ד״ר קאָנטער האַלט מיט פרוידן, אַז דער חלום סימבאָליזירט בלויז די ווּנטשן פון אונטערבאַוווּסטזײַן, אַ מין ווּנטש־דער־פילונג אין ניט קאָנטראָלירטן שלאָף. אהרן צײַטלין גלויבט, אַז שניאורסאָן שאַצט אָפּ דעם מענטש אין זײַן פילגעשטאַלטיקײַט, און אַז אין זײַן סיסטעם ווערט וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט די יידישע קאָנצעפּציע: ירידה היא צורך לעליה.

אין אונדזער צײַט האָט פרוידס פּסיכאָ־אַנאַליז־פילאָסאָפיע באַווירקט ביז גאָר דעם מאָדערנעם שעפערישן מענטש. פון דער עקספּרעס־יאָניסטישער קונסט, פוטוריזם, דאַדאַיזם אַבסטראַקט ביז די אינטראָס־פּעקטיווע פאָרמען פון אויסדרוק און עסטעטישער רעוואָלוציע אין דער פּאָעזיע, דראַמע, נאָוועלע און קונסט. די מאָדערנע עקזיסטענציאַליסטישע ליטעראַטור האָט בפירוש פרוינדיאַנישע פּעדעם. למשל, דאָס אַקצענטירן די סעקס־כוחות (סאַרטר), די אומהיימלעכע פּסיכאָ־סימבאָלישע נאָוועלן פון פראַנץ קאַפקאַ, פּזשיבישיעווסקי — דער ניטשעאַנער, פאַרגעטערער פון קונסט און סעקס; אויך די הײַנטיקע שרײַבערס און פּאָעטן וואָס שפּיגלען אָפּ די אונטערבאַוווּסטע, באַהאַלטענע כוחות פון העלד און אייגענעם עגאָ. אין אַ בריוו פון פרויד צו אײַנשטיין וועגן זייערע טעאָריעס, שרײַבט ער, אַז אײַנשטיין האָט געהאַט אַ פיל לײַכטערן וועג צו דערגיין זײַן קאָמפּלי־צירטע טעאָריע פון רעלאַטיוויטעט, ער האָט געהאַט פריער אַ ניוטאָן. פרויד איז אַליין דער ניוטאָן פון זײַן טעאָריע.

פּסיכאָאַנאַליטישע מאָטיוון אין דער ליטעראַטור מוזן ניט דווקא זײַן דירעקט באַווירקט פֿון פֿרוידס ווערק. דאָסטאָיעווסקי האָט געשאַפֿן זײַנע נאָוועלן איידער פֿרויד האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זײַן „טרוימענדויטונג״ און סימבאָליש אויסגעטײַטשט חלומות. פֿרויד האָט געלייענט און געשריבן וועגן דאָסטאָיעווסקי, ווײַל ער האָט געפֿונען אין יענע ווערק פּסיכישע אונטערבאַוווּסטע כּוחות, פֿאַרטייעטע אין די נשמות פֿון זײַנע העלדן. דער סטודענט ראַסקאָלניקאָוו אין „פֿאַרברעכן און שטראָף״ האָט אונטער זײַן אידעאַליסטישן לבֿוש געכאַוועט אין זיך דעם רוצח אַזוי ווײַט, אַז ער האָט געגלייבט אויסצומײַדן די שטראָף פֿון געוויסן. דאָסטאָיעווסקי האָט מיט זײַנע ווערק דערמוטיקט פֿרוידס היפּאָטעטישע טעאָריע וואָס איז געוואָרן אַן ערנסטע וויסנשאַפֿט. אין „די ברידער קאַראַמאַזאָוו האָט זיך פֿאַר אים אַנטפּלעקט דער פֿאָטער־קאָמפּלעקס. דער גאָט־זוכער קאַראַמאַזאָוו האָט אין זײַן פּסיכאָפּאַטישן פֿאַליק־קראַנקן שטיף־ברודער, וואָס איז געווען דער מערדער פֿון אַלטן פֿאָטער, דערקענט דעם כּוח פֿון טײַוול וואָס איבער־צײַגט אים, אַז ס׳מוז אויך זײַן בנמצא די געטלעכע זײַט פֿון מענטש.

פֿרויד האָט באַאײַנפֿלוסט די ליטעראַטור ווי ס׳גיט איבער טאָמאַס מאַן. ער האָט אָבער אַ סך געלערנט פֿון די גרויסע שרײַבערס פֿון דער וועלט־ליטעראַטור. אין אַ טעלעוויזיע־אינטערוויו מיט דיק קאַוועט האָט באַ־שעוויס זינגער אויף דער פֿראַגע צי ער איז באַאײַנפֿלוסט געוואָרן פֿון פֿרוידן, געענטפֿערט, אַז ער האָט עפּעס... אַמאָל אַרײַנגעקוקט אין פֿרויד. אַזוי איז אויך שווער צו וויסן צי פּרץ, שלום עליכם, אַש אָפּאַטאָשו, י.י. זינגער, אַנסקי, לייוויק און די מאָדערניסטישע פּאָעטן האָבן געשעפּט פֿון פֿרוידס טעאָריע אָדער פֿון אייגענע אינערלעכע קינסטלערישע קוואַלן.

.3

אין רײַכן אוצר פֿון פּרצעס דערציילונגען, פֿאָלקסטימלעכע גע־שיכטעס, אָדם און חוה מאָטיוון, חסידיש און סימבאָלישע דראַמעס, דערגרונטעוועט זיך דער דיכטער צו די טיפֿעניש[ן] פֿון דער ייִדיש־מענטש־לעכער נשמה מיט ייִדישן באַנעם און אוניווערסאַלער וויזיע. מיר ווילן אָבער אָנווײַזן אויף די פֿרוידיאַנישע אידעען אין אַ באַגרענעצטן אויסוואַל פֿון פּרצעס שאַפֿונגען, וואָס זיי זײַנען ווײַט ניט די איינציקע מוסטערן.

אין דער דערציילונג „דער משוגענער בטלן״ אַנאַליזירט פּרץ די פּיל־פֿאַכיק־צעשפּאָלטענע נשמה, וואָס פֿרעגט סימבאָליש „ווער בין איך״?

בערל חנצעס איז בלויז אַ נאָמען, אָבער די שילד אין דרויסן איז ניט די קלייט אינעווייניק. אָט איז ער די דירה פֿון צוויי עיקרדיקע שכנים, דער יצר־טוב און יצר־הרע, נאָר ס׳ווינען אין איר פֿיל מער יחידים, וואָס יעדער טראַכט אַנדערש און ווינטשט פֿאַר זיך עפּעס אַנדערש. אָט־אָ די עגאָס מיט זייערע ווילנס זײַנען מבֿטל בערל חנצעס. אויך וואָלף דער סוחר האָט עטלעכע עגאָס: ער איז אַ גנבֿ און אַ פֿרומער און דערצו אַ רשע צו זײַן ווײַב. דער משוגענער בטלן זעט זיך אין חלום אַ פֿאַרליבטן אין וואָלפֿס ווײַב און טראַכט פֿון מאָרד און זעלבסט־מאָרד (לויט פֿרוידן — דער טויט־ווונטש).

דער פֿריער דערמאָנטער מאָטאָ אין „אינטערפּרעטאַציע פֿון חלום״ קען זיך צופּאַסן צו די צוויי סימבאָלישע דראַמעס: „די גאָלדענע קייט״, ווו שלמהלע וויל אויסלייזן די וועלט דורך כולו זכאי, צו באַאײַנפֿלוסטן „די הימלישע באַווינער״. און „בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״, ווו דער בדחן־לץ וויל ברענגען די גאולה דורך כולו חייב, מיט די פֿינצטערע כוחות פֿון שׂטן, דורכן באַפֿרײַטן עראָס־ליבידאָ. פֿאַרשטייט זיך, דאָס איז אַ חלום־דראַמע ווו עס שפּילן זיך אָפּ די ווונטש־דערפֿילטע געפֿילן אין אונטערבאַוווסטזײַן פֿון וואַנדערער.

אין פּרצעס מקובלים אַנטפּלעקט זיך בולט דער קאָנטראַסט צווישן פֿרוידס השקפֿה און אונדזער ייִדיש־עטישע קאָנצעפּציע. דער ערטשער ניגון איז אַ גשמיותדיקער, געמישט מיט ווערטער; דער צווייטער ניגון זינגט זיך אָן ווערטער, אַ העכערע מדרגה; און דער דריטער ניגון זינגט אין מקובלס געמיט אָן וואָרט, אָן קלאַנג, הוילע רוחניות. אין פֿרוידיאַנישן זין איז דאָס דער ניגון וואָס נורטעוועט אין פּרימיטיוון אונטערבאַוווסטזײַן.

פּסיכאָאַנאַליטישע פֿעיקײַטן איז אַ פֿאַרבאַדינג פֿאַרן דערציילער, אָן אַבסאָלוטע נויטווענדיקײַט ניט נאָר צו קענען זען, באַנעמען, מאָלן דעם אַרום, ער מוז אויך קענען אַרײַנבליקן אין די פֿאַרשטשעמעטע טראַכטע־נישן פֿון זײַנע העלדן, אַרײַנדרינגען אין די פֿאַרהוילענע שטומקײַטן וואָס דרעמלען אין חושך פֿון דער נאַקעטער נשמה.

די שטעטל־ציוויליזאַציע האָט אַנטוויקלט אַ באַזונדערע אייגנאַרט, אַ מענטאַליטעט פֿון קליינע מענטשעלעך מיט גרויסע השׂגות, נערוועיִשע דאָן קיכאָטן און פֿאַנטאַזיאָרן — אַ פֿאָלקס־מענטאַליטעט אין דורותדיקן געראַנגל פֿאַר עקזיסטענץ.

מיר ווייסן ניט צי פֿרויד איז באַקאַנט געווען מיט שלום־עליכמס

ווערק. ער וואָלט דורך אים באַרײַכערט זײַן וויסנשאַפֿט, דערקענט די עלע־מענטן פֿון אונדזער פֿאָלקס־נשמה. פֿרויד האָט דאָך געשריבן אַ גרעסערן עסיי וואָס דערקלערט און טײַטשט אויס די פּסיכיק פֿון הומאָר און וויץ. הגם זײַן מאַטעריאַל און מוסטערן זײַנען מערסטנס גענומען געוואָרן פֿון יידישן פֿאָלקלאָר, האָט ער ניט באַנומען, אַז אונדזער הומאָר איז אַ כלי־זיין אין די גלותדיקע אומנאָרמאַלע באַדינגונגען פֿון לעבן. אהרן צייטלין איז געוויס גערעכט אין זײַן קריטישער אָפּשאַצונג פֿון פֿרוידס אינטער־פּערטאַציע פֿון הומאָר און וויצן.

דער קוואַל פֿון שלום־עליכמס הומאָר ריזלט פֿון אונדזער ביטערן געראַנגל מיט דורותדיקער שׂנאה פֿון שכנים, מיט אויסגעוואָרצלטקייט און לופֿט־פּרנסות, וואָס איז אויף אונדז געוואָרן אַרויפֿגעצוווּנגען. פּאַראַלעל מיט דער אין־ברירהדיקייט האָבן יידן געכאָוועט אין זיך גרויסע ירושה־דיקע ווערטן, אַ וויטאַלער כוח אין אָנבליק פֿון פּחד און אומזיכערקייט. אַזאַ פּאַראַדאָקסאַל לעבן האָט אין שטעטלדיקן ייד אײַנגעפֿלאַנצט טראַגי־קאָמישע קאָמפּלעקסן, וואָס שלום־עליכם האָט זיי גאונותדיק אַרויס־געבראַכט. זעלטן ווער האָט אַזוי טיף אַרײַנגעדרונגען אין יידישן געמיט, אין דער פּסיכיק פֿון קינד. אָבער אין שלום־עליכמס מאָטל פּייסי דעם חזנס ווערט אויך סימבאָליש אָפּגעשפּיגלט די וועלט פֿון דערוואַקסענע, וואָס זעען זיך נישט אין זייער קליינלעכקייט און קאָמישקייט. מנחם־מענדל איז אַן אוניווערסאַלער טיפּ. מענטשן וואָס פֿליען אָן פֿליגל, האָבן חלומות, ווילן אײַנרײַסן וועלטן און ווען זיי זײַנען ניט מצליח, ציען זיי זיך צוריק און נורען זיך אײַן אין ווינקל פֿון אילוזיע. מנחם־מענדל איז אָבער קודם אַ יידישער דאָן קיכאָט פֿון קאַסרילעווקע, וואָס וויל זיך באַפֿרײַען פֿון ענגן שטעטל.

טוביה דער מילכיקער, וואָס האָט אײַנגענומען די וועלט דורכן „פֿידלער אויפֿן דאַך", איז אַן ערדישע פּערזענלעכקייט, געהאַרטעוועט אין שטאַנדהאַפֿטיק קעגן אַלע צרות, און אַ בעל בטחון, ווי מנחם מענדל, ר׳ יוזפֿל, פּעפּערל, פּיניע, און אַנדערע שלום־עליכם טיפּן, אין זייער טראַגישן געראַנגל, אומבאַהאָלפֿנקייט און גורלדיקן ווילן צו עקזיסטירן, שטײַגן און פֿאַלן, פֿאַלן און שטײַגן, פֿליען מיט פֿליגל פֿון גלויבן און נאָך אַלע אַנטוי־שונגען זיך צוריקשטעלן אויף די פֿיס.

אין פֿרוידס קאָמפּליצירטער טעאָריע איז דער עגאָ ניט דער גאַנצער בעל־הבית איבער דער פּערזענלעכקייט: ער שפּילט אפֿשר די הויפּט־

ראַליע, ער האָט אָבער וואָגיקע מיט־שותּפים, ווי ירושה־כּוחות, אויסער־לעבע אײַנפֿלוסן, דער „איד" (פֿאַרטײַעט אין אונטערבאַוווסטזײַן) וואָס איז דער קוואַל פֿון אינסטינקטיווער ענערגיע; דער „סופּערעגאָ" וואָס איז דער קוואַל פֿון אויסערלעכע אײַנפֿלוסן און רעאַגירט אַמאָל באַוווסטזיניק און אַמאָל ניט־באַוווסטזיניק. דער שלום־עליכם־טיפּ פֿון שטעטל איז אין זיך כּולל אַלערליי פּרווידיאַנישע קאָמפּאָנענטן וואָס שאַפֿן די מענטאַליטעט פֿון די שטעטלדיקע קליינע מענטשעלעך, וועלכע קעמפֿן פֿאַר עקזיסטענץ.

4.

פֿון שלום אַשס 50 בענד וועלן מיר דורכגיין בלויז צוויי: „די מוטער" און „דער מאַן פֿון נצרת".

...אינעם בוך „אינטערפּרעטאַציע פֿון חלומות" דערמאָנט פֿרויד האַני־באַלס פֿאָטער ווי אַ מוטיקן שטאָלצן, הגם אָנמאַכטיקן קעמפֿער, להיפּוך צו זײַן אייגענעם פֿאָטער וואָס האָט זיך געלאָזט באַליידיקן פֿון אַ שייגעץ. פֿרויד האָט זיך אינסטינקטיוו טועה געווען אָנגעבנדיק דעם נאָמען פֿון האַניבאַלס ברודער, מחמת פֿרוידס שטיפֿברודער איז געווען זײַן פֿאַרער־טער סופּער־עגאָ. צום פֿאָטער האָט פֿרויד געהאַט אַן אַמביוואַלענט געפֿיל פֿון ליבע־האַס.

דבֿורהס סופּער־עגאָ אין „די מוטער" איז געווען איר מאַמע, שׂרה רבֿקה, וואָס האָט זיך אײַנגעבאַקן אין געמיט פֿון דער טאָכטער. דער מוטער־קאָמפּלעקס האָט דאָמינירט דבֿורהס לעבן. איר ליבע צום רעוואָ־לוציאָנער איז געווען אַ מוטערלעכע. זי איז גרייט געווען מקריבֿ זײַן איר ליבע ווי אַ פֿרוי פֿאַר זײַנע ענטוזיאַסטישע באַגערן צו שטודירן אין אויס־לאַנד, וויסנדיק אַז זי וועט מער אים ניט זען.

אין אַמעריקע ווערט זי די אינספּיראַציע פֿון סקולפּטאָר, יחזקאל בוכ־האַלץ. אַזוי איז זי ווידער מוטערלעך איבערגעגעבן צו זײַן ענטוזיאַזם ווי אַ קינסטלער. ווען דאָס ווערק ווערט געענדיקט, פֿאַרלאָזט זי אים צו העלפֿן איר אַלטן קראַנקן טאַטן. „די מוטער" פֿון שלום אַש איז אין פֿאַר־מלחמה־דיקן פּראָג, טשעכאָסלאָוואַקיע אַדאַפּטירט געוואָרן ווי אַ נאַציאָנאַל ווערק פֿון לאַנד (ווי ס'גיט איבער ראָזענבערג).

„דער מאַן פֿון נצרת" האָט אַרויסגערופֿן פֿאַרדרוס בײַ פֿיל שרײַבער און לייענער, ווי דאָס איז געווען דער פֿאַל מיט „משה און מאָנאָטעיזם" פֿון זיגמונד פֿרויד. פֿאַקטיש האָבן ביידע גאונים אויף אַ נאַיוון אופֿן געצילט

מיט זייערע ווערק צו העלפֿן זייערע ברידער. זיי האָבן געגלייבט אַז מיט זייערע פֿיקטיווע און היסטאָרישע אמתן וועלן זיי ענדלעך באַזיגן דעם אייביקן האַס צו אונדזער פֿאָלק.

די צוויי הויפּט־העלדן אין „מאַן פֿון נצרת" זײַנען: דער פֿאַן פּראָפֿעסאָר קאָרנעליוס וויאַדאָמסקי פֿון וואַרשע, וואָס איז געווען דער גילגול פֿון רוימישן הגמון פֿון אַנטאָניאָ־טורעם, דער וואָס האָט אָנגעפֿירט מיט קרייציקן יעזוסן און דער איצטיקער אַנטיסעמיט. דער צווייטער העלד איז דער העברעישער לערער פֿון פֿאַן קאָרנעליוס, אַ גילגול פֿון יוחנן, וואָס איז אין יענער צײַט גאָר געווען אַן אָנהענגער פֿון יעזוסן. אין דער שׂינאה פֿון פֿרומען פּראָפֿעסאָר צו ייִדן דריקט זיך אויס זײַן שולד־געפֿיל פֿאַרן פֿאַרברעך, וואָס ער אַליין איז באַגאַנגען. און יוחנן קען זיך ניט מוחל זײַן וואָס ער האָט מיט קנאַפּע נײַנצן הונדערט יאָר צוריק געגלויבט אין יעזוסעס לערע. פֿרויד ברענגט אַרויס די קאָנצעפּציע, אַז דער ייִדן־האַס איז ניט מער ווי זעלבסט־האַס, דער האַס פֿון קריסטן צו קריסטלעכקײַט, וואָס מען האָט אויף זיי אַרויפֿגעצוווּנגען ווען זיי זײַנען געווען פּאַגאַנער, ניט באַגרענעצט פֿון דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע מיט אירע רעליגיעזע דאָגמעס. אין אונטערבאַוווּסטזײַן זײַנען די קריסטן געבליבן פּאַגאַנער, אָבער שולדיק זײַנען די ייִדן, פֿון זיי שטאַמט די קריסטלעכקײַט, וואָס האָט באַרויבט זייערע פּרימיטיווע פֿרײַהײַטן.

לויט פֿרוידס היפּאָטעזע האָבן אויך די בני ישׂראל רעוואָלטירט קעגן משהן „דעם עגיפּטער", וואָס האָט אויף זיי אַרויפֿגעצוווּנגען דעם מאָנאָטעיזם פֿון פּרעה — איכנאַטאָן. די ייִדן האָבן לויט פֿרוידס טעאָריע געטויט משה רבינו און קיינמאָל ניט געוואָלט מודה זײַן. די טעאָריע איז אַן איבערחזרונג פֿון קדמון־מאָרד, ווען די זין האָבן רעוואָלטירט קעגן טיראַניע פֿון זייער פֿאָטער, אים געהרגעט און זיך צעטיילט מיטן קערפּער און בלוט. אַ זון האָט געדאַרפֿט שטאַרבן פֿאַר יענער זינד (יעזוס) אויסצולייזן די מענטשהײַט. פֿרויד וויל מיט זײַן בוך אויסהיילן דעם קריסטלעכן שולד־געפֿיל און ייִדן־האַס. ס'איז ניט די ייִדנס שולד וואָס מען האָט אויף די פּאַגאַנער אַרויפֿגעצוווּנגען אַן עגיפּטישע מאָנאָטעיסטישע רעליגיע. די ייִדן האָבן זי אויך ניט געוואָלט אָננעמען. פֿרויד און שלום אַש האָבן געגלייבט, אַז מיט זייערע ווערק וועט זיך ענדיקן די שׂינאה צו ייִדן. ווײַזט אויס, אַז געניאַליטעט און נאַיווקײַט זײַנען זיך ניט סותר.

דער עראָס ליבידאָ פֿאַרנעמט אַ צענטראַל אָרט אין פֿרוידס טעאָריע.

דאָס זײַנען די סעקסועלע אינסטינקטן און תאוות וואָס שטאַמען פֿון „איד“, די אימפּולסן פֿון ליבע און בענקשאַפֿט און אויך פּערווערסיע. חלומות שטעלן מיט זיך פֿאָר סעקס-סימבאָלן. סעקסועלער דראַנג הייבט זיך אָן פֿון קינד אין וויגל מיט עלעמענטן פֿון איי‏פּערזוכט: (דער עדיפּוס־קאָמ־פּלעקס) און שולד־געפֿיל פֿאַר האַסן דעם טאַטן. פּערווערסיע איז די מענטשלעכע נאַטור דערשטיקט פֿון ציוויליזאַציע.

די מאָדערנע ליטעראַטור וויל אַנטפּלעקן דעם אמתן פּרצוף פֿון מענטש, אַראָפּציען דעם שלייער פֿון צביעות, באַפֿרײַען די בעסטיע פֿון דער פֿאַרהוילענער שטײַג.

מיט דער טעמע פֿאַרנעמט זיך אויך אונדזער באַשעוויס זינגער. אין „שׂטן פֿון גאָריי“ ווערט אַ פֿרום שטעטל באַהערשט פֿון אַ פּסיכאָז פֿון אויסגעלאַסנקייט אין דער אילוזיע צו ברענגען די גאולה דורך זינד. פּער־ווערסיע און אָרגיעס שפּיגלען זיך אָפּ אין זײַנע פֿילצאָליקע דערציילונגען און ראָמאַנען. דער שוחט מיט דער קצבֿטע, גימפּל תּם און זײַן ווײַב, די ראָליע פֿון שדים וואָס דערפֿילן די סעקס־ווונטשן פֿון פֿרומע צניעותדיקע ווײַבלעך אין זייער חלום; די קריגער און לעשניקעס אין דער צײַט פֿון די פּאַגאַנישע סלאַוון, די פֿילווײַבערײַ צווישן פֿרײַנד וכדומה. באַשעוויס זינגער ברענגט אָפֿט אַרויס דעם ייִדישן באַנעם, און אין געראַנגל צווישן גוט און שלעכטס זיגט דער בעל־תּשובֿה.

בדרך כלל איז באַשעוויס זינגערס צוגאַנג צו דער ציוויליזאַציע די זעלבע ווי פֿרוידס — אַ פּעסימיסטישע. ער גלייבט ניט אין דער ליטע־ראַטור־שליחות, אין אירע הומאַנע צילן, ווי טאָלסטאָי, גאָרקי, ראָמען ראָלאַן, פּרץ צי שלום אַש. גענוי ווי פֿרויד גלויבט ניט זינגער אין דערציע־רישער ליטעראַטור, אין פּאָליטישע, סאָציאַלע אידעאַלן, און טראָגט זײַן חוזק פֿון פֿראַנץ קאַפֿקאַ איז באַשעוויס אַן עקזיסטענציאַליסט ווי קאַפֿקאַ, סאַרטר, אָדער פּזשיבישעווסקי.

פּראָפֿעסאָר דוד בייקאַן אין זײַן בוך: זיגמונג פֿרויד און די ייִדיש־מיסטישע טראַדיציע, ווײַזט אָן אַז פֿרויד איז באַקאַנט געווען מיט דער צפֿתער מיסטיק פֿון בלאָקס דײַטשער איבערזעצונג; אַז פֿרויד אַליין איז געווען אַ מין ספּעקולערער מיסטיקער. דער פּראָפֿעסאָר ברענגט אַרויס אַן עפּיזאָד פֿון „דיבוק“, דער דיאַלאָג צווישן חנן און חנוך. חנוך פֿרעגט, פֿאַר־וואָס ער ריכט אָפּ תּעניתים און וואָס זוכט ער אין זוהר און אין ספֿר רזיאל המלאך? חנן ענטפֿערט: איך וויל באַזיצן אַ דימענט וואָס זאָל צעשמעלצן

ווערן אין טרערן, איך זאָל זיי קענען איַינעטעמען. און „כ׳וויל אויך צוויי פּעסער גאָלד פֿאַר דעם וואָס קען נאָר גאָלד ציילן... און אויב כ׳וועל דורך הייליקע מיטלען דאָס ניט דערגרייכן וועל איך אַרויסרופֿן דעם טײַוול פֿון גיהנום״, און חנן בעט זיך:

„אַ טײַוול קום, נעם דיר מײַן תּורה, נעם דיר מײַן חכמה, נעם דיר מײַן נשמה, נאָר גיב מיר זי, לאהלען״.

„דער דיבוק״, „טאָג און נאַכט״ פֿון אַנסקי, ווי אויך לייוויקס „גולם״, זײַנען פּרוידיאַנישע מוסטערן. דער גולם איז דער אור־מענטש וואָס אין אים איז פֿאַרקנאַטן כּוח, רציחה, פרימיטיווער גלוסט, דער רויער מאַסן־מענטש, סימבאָליש געשאַפֿן פֿאַר רעוואָלט. דער מהר״ל איז לייוויק אַליין, דער צווייפֿלער אין אייגענעם באַשאַף. פּרויד האָט ניט געגלויבט אַז רעוואָלוציעס קענען בעצם ענדערן דעם מענטש. די שריפֿט „אמת״ פֿאַרקריצט אויפֿן שטערן איז אילוזיע, און ווי רעליגיע איז דער נײַער גלויבן אַ קוואַל פֿון טעראָר און אומטאָלעראַנץ. דער גולם קען ניט ווערן קאָנטראָלירט. לייוויק האָט די גולם־אידעע צוריק פֿאַרוואַנדלט אין שטויב.

אין די ענגע ראַמען פֿון דער עסיי האָבן מיר ניט בדעה אַרומצונעמען אַלע פּרוידיאַנישע אַספּעקטן אין אונדזער רײַכער ליטעראַטור. מיר האָבן געגעבן אַ צאָל מוסטערן און מעגלעך ניט פֿון די אויסגעקליבנסטע.

דער פּרוידיאַנישער אײַנפֿלוס אין דער עקספּרעסיאָניסטישער פּאָעזיע אין אָנהייב פֿון די צוואַנציקער יאָרן: די אינזיכיסטישע און הײַנטיקע מאָדערניסטישע פּאָעזיע איז אַ באַזונדערע גרויסע טעמע.

לסוף דאַרף באַמערקט ווערן אַז דער פּרוידיאַנישער פּעסימיזם האָט, מיט קליינע אויסנאַמען, ניט געהאַט קיין האַפֿט אין אונדזער ליטעראַטור. אויך פּרויד, וואָס האָט אין זיך געכאַוועט דאָס פּינטעלע ייִד, האָט ניט געקענט זײַן כּולו פּעסימיסט. ווי שפּינאָזאַ האָט פּרויד געגלויבט אַז גאָט־נאַטור קען זיך ניט ענדערן אָבער די מתּנה פֿון מענטשלעכן שׂכל און טאַלאַנט פֿון ליבע קען העלפֿן דעם מענטש צו לעבן אין גליק. פּרויד האָט געגלויבט אַז דער מענטש דאַרף באַפֿרײַען זײַנע פּרימיטיווע אינסטינקטן וואָס זײַנען געפּענטעט אין אונטערבאַוווסטזײַן, ער דאַרף זיך אויסהיילן פֿון אינפֿאַנטיליטעט און אַלערליי קאָמפּלעקסן, בכדי צוריק צו קריגן זײַן צלם־אנוש פֿון פּרײַהײַט און ליבע. אין עצם איז דאָס אויך די אוניווערסאַל־ייִדישע קאָנצעפּציע וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין אונדזער ליטעראַטור.

גאולה־מאָטיוון אין לייוויקס דראַמעס

א. עקדה און גאולה

אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור נאָך פּרצן האָט לייוויק זיך אַנטפּלעקט ווי אַ דיכטער וויזיאָנער וואָס האָט באַווירקט אונדזער דור אין גורלדיקן, טראַגישן יאָרהונדערט. ער איז אונדזער פּאַריאָושט קול צום פֿאַרשטיינערטן וועלט־געוויסן, צום בן־אדם, וואָס איז נישט זײַן ברודערס היטער. בכדי צו פֿאַרשטיין די ייִדיש־אוניווערסאַלע פערזענלעכקײַט פֿון לייוויקן, די מאָטיוון וואָס האָבן באַגלייט זײַן שאַפֿונגס־וועג, מוזן מיר זיך דערגרונטעווען צו די בראשית־קוואַלן פֿון זײַן לעבן, די משפּחה־אײַנפֿלוסן, די אידעאָלאָגישע קאָנפֿליקטן וואָס האָבן זיך געראַנגלט אין די טיפֿענישן פֿון יונגען רעוואָלוציאָנער. לייוויק וואָס האָט אין זײַנע דראַמעס אָפּט אַרויסגעבראַכט צעשפּאָלטענע, פֿאַרווירטע נשמות, וואָס ער אַליין איז אפֿשר געווען איינער פֿון זײַנע העלדן, האָט אונדז אויך באַווירקט מיט דער זעלטענער שלימותדיקײַט פֿון זײַן ייִד־איך־מענטש, די נישט־צעטיילעוודיקײַט פֿון דיכטערס ייִדישער פערזענלעכקײַט, ווי אַ קינד פֿון מענטשןמין, וואָס לעבט אין זײַן יחידישער וועלט.

יעדער אוניווערסאַלער דיכטער איז פֿריער פֿון אַלץ אַ זון פֿון זײַן פֿאָלק. זײַן פערזענלעכקײַט צעבליט זיך פֿון אייגענעם שטאָם. ווי פּרץ און ביאַליק האָט אויך לייוויק אײַנגעזאַפּט אין זײַנע בלוטן די הומאַנע אידעען פֿון אונדזערע נביאים, מיסטיקער, דיכטער, ביז די מאָדערנע קעמפֿער פֿאַר תיקון עולם במלכות שדי (אַ בעסרע וועלט). לייוויקס ייִדישקײַט איז נישט קיין דאָגמאַטישע, נאָר אַן אורח־חיים פֿון אייביק „ווערן" און אויך אַן אוניוועסאַלקײַט וואָס רײַסט זיך נישט אָפּ פֿון אונדזער טראַדיציאָנעלער ירושה. אין זײַנע גאולה־ און עקדה־מאָטיוון שפּיגלט זיך אָפּ אונדזער אייביקע דראַמע, די צײַט פֿון איובֿ, וואָס איז אויך אונדזער צײַט, דער חלום פֿון ישעיהס אחרית הימים, רב עקיבה, דער מהר"ם פֿון רוטענבורג, דער עקשנותדיקער פּאַס־ווער קעמפֿער־מאַרטירער אין דער רשעותדיקער מלוכה פֿון הערצאָג רודאָלף און הירש לעקערט דער רעוואָלוציאָנער־מאַרטירער; פֿון מהר"לס גולם ביז דער חתונה אין פֿערנוואַלד, און נאָכן חורבן — די חבלי לידה פֿון אַ ייִדישער מדינה.

לייוויק גלויבט אין זײַן חלום און שליחות, הגם ער זעט אָפּט דעם געראנגל פֿאַר עקזיסטענץ ווי אַ פֿינצטערער תּהום פֿון נאַכט, מאַכט און תּאווה. אים איז באַקאַנט מענטשלעכע רשעות פֿון זײַנע אייגענע דערפֿאַרונגען און תּפֿיסות, ווען ער האָט געטראָגן די קייטן אויף סיבירער קאַטאָרגע, אָבער זײַן זאָרג איז פֿאַרן קרבן און רשע באַנאַנד,ביידע עטעמען די זעלבע לופֿט און טראָגן דעם צלם־אלהים. ער ווייסט אויך אַז יידישע גאולה איז נישט מעגלעך אָן דער וועלט דערלייזונג. אָבער דער עיקר איז פֿאַר אונדז דער יחיד. דער שאַפֿונג־פּראָצעס פֿון כּמעט אַלע זײַנע ווערק איז פֿאַרבונדן מיט זײַן אייגענער וועלט. די טיפֿע אײַנגעקריצטע וואונדן פֿון זײַן קינדהייט; זײַנע קאָמפּלעקסן, שולד־געפֿילן פֿאַר מענטשלעכע לײַדן, זײַן מאָראַליש מאַזאָכיסטישע אָבסעסיע, דאָס בעטן פֿאַר זיך שאַרפֿע ווייטאָגן: „שנײַד אַרויס פֿון שטערן מײַנע אויגן/ רײַס אַרויס די צונג פֿון מײַן גומען... נײַע לײַדן וויל איך, קומט וואָס שנעלער" (אין קיינעמס לאַנד").

ער באַדויערט, וואָס, אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען „און ער איז סײַווי מיט זײַן גאַנץ וועזן געשטאַנען אויפֿן שוועל פֿון אומקום־לאַגער. לייוויק איז אַ פּרווינדיאַנישער מוסטער פֿון ליבע־האָס געפֿיל צו זײַן פּרוסטריטן טאַטן, זײַן „סופֿער עגאָ" מיט דער רויטער פֿלאַם־פֿײַערדיקער באָרד, דעם לערער פֿון דינסטמיידלעך, וואָס האָבן זיך געלערנט שרײַבן בריוו צו די געשעצטע ברויטגאַמס: ער געדענקט זײַן טאַטנס לײַדן, ווען לייוויק האָט אויפֿגעהערט דוכענען אין שיל און ווען ער האָט זיך נישט געוואָלט פֿאַרטיידיקן אין געריכט פֿאַר זײַן רעוואָלוציאָנערער בונדישער אַקטיוויטעט. ער געדענקט זײַן פֿאַרשעמטן טאַטן וואָס האָט נישט געקענט מפֿרנס זײַן דאָס אָרעמע הויזגעזינד: און די מאַמע, אַ בעקערין, וואָס האָט אויף זיך געטראָגן דעם שווערן עול. ער האָט זײַן גאַנצן לעבן געהאַט פֿאַר זײַנע אויגן דאָס טראַגישע בילד פֿון זײַן צעבראָכענעם שוועסטערל.

דאָס פּערזענלעכע לעבן איז אַ וויכטיקער קאָמפּאָנענט אין דיכטערס וועלט־באַנעם. דער מלאך עזריאל, דער צעבונוועטער העלד אין די „קייטן פֿון משיח" פֿאַרלאָזט זײַן הימלישע וועלט צו ווערן אַ לײַדנדיקער מענטש אויף אונדזער זינדיקער ערד.

צוויי מיטאָסן: עקדה און גאולה באַגלייטן לייוויקן פֿון זײַן קינדהייט ביז די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן. זיי האָבן אויך באַגלייט אונדזער פֿאָלק אין זײַנע וואָגלענישן, חורבן און עצמאות. די עקדה איז דער סימבאָל פֿון

מענטשלעכע קרבנות אויפֿן מזבח פֿון פֿאַנאַטישע אידעען. די מכלומרשטע שטים פֿון גאָט אָדער אילוזיע פֿון אַן אידעאָלאָגיע וואָס פֿאָדערט עקדות קעגן ווילן פֿון קרבן, ווײַל דער ציל הייליקט די מיטלען. אַ חוץ די דראַמאַ־טישע פּאָעמע — „עקדה", איז דער מאָטיוו פּאַרוועבט אין אַנדערע דראַ־מעס, ספּעציעל „אין די טעג פֿון איוב", וואָס לויט געוויסע מסורות האָט איוב געלעבט אין דער צײַט פֿון אברהם, הגם „איוב לא היה ולא נברא" איוב איז בלויז אַ דיכטערישער משל. אין דער „עקדה" האָט לייוויק געהאַלטן מיטן שׂטן וואָס האָט געבונטעוועט יצחקן קעגן זײַן טאַטן. לייוויק האָט ווי אַ חדר־ייִנגל מיטגעשפּילט מיט די עלטערע בחורים „עקדת יצחק". ער האָט געשפּילט די ראָל פֿון שטומען אומבאַהאָלפֿענעם שעפּסעלע.

און „איוב" וואָרנט דער שעפּס אַז דאָס מעסער איבער זײַן האַלדז קען זיך אַראָפּלאָזן אויף יצחקן און זײַנע קינדער. אויף דער קאָנפֿערענץ אין ירושלים (1957) דערמאָנט דער דיכטער זײַנע חדר־יאָרן ווען דער רבי האָט געלערנט מיט די קינדער „עקדת יצחק". לייוויק האָט זיך דעמאָלט צעוויינט: וואָס וואָלט געווען ווען דער מלאך וואָלט געקומען צו שפּעט? פֿאַר אונדזערע יצחקלעך איז דער מלאך געקומען צו שפּעט. מיט אונדזערע אומגעקומענע קינדער איז אויך משיח, דער מענטשלעך־ייִדישער חלום שיעור אויך פֿאַרברענט געוואָרן אין קרעמאַטאָריע.

דער משיח־חלום האָט באַגלייט אונדזערע אַלע גלותן. אין פֿינצטערע טעג איז דער גלויבן אין גאולה געווען אַ טרייסט: אין צײַטן פֿון יאוש האָט דער מענטשלעכער חלום פֿון דערלייזונג געגעבן אַ זין אונדזער געראַנגל פֿאַר קיום.

משיח איז אויך געווען דער פֿילאָזאָפֿישער קרעדאָ פֿון אונדזער גרויסן נאַציאָנאַלן און אוניווערסאַלן דיכטער־חוזה, ה. לייוויק.

סײַ דער רעליגיעזער, פּערזענלעכער משיח, סײַ דער סאָציאַלער משיחיזם האָט אָפֿט זיך געריסן צו מאַכן אַ סוף צו די אייביקע מענטשלעכע לײַדן און האַס, צום „האָמאָ האָמיני לופּוס עסט" „אין דער פֿינצטערניש פֿון מדבר/ שטייט משיח געשמידט אויף אַ קייט/ ער שטייט און וואַרט אין האָפֿענונג/ ביז מענטשן וועלן ווערן גרייט". אין דער היסטאָריע איז שטענדיק געווען אַ טענדענץ דוחק צו זײַן דעם קץ, צואײַלן די גאולה דורך מיסטישע קאַנאַלן, דורך קבלת מעשׂות. ווי אין צפֿת דעם ארי הקדוש, אָדער אין פּראָג — דער באַשאַף פֿון גולם. אין וועלטלעכן זין איז דאָס צואײַלן די גאולה געווען פֿאַרבונדן מיט מאַרקסיזם, נאַציאָנאַלע מלחמות, אַנאַרכיע

און רעוואָלוציעס. לייוויק איז געווען מיטגעריסן מיטן משיחיזם פֿון זײַן צײַט. פֿאַר אים זײַנען די משיח־קייטן געווען מענטשלעכע קנעכטשאַפֿט און די משיח־ווונדן — מענטשלעכע לײַדן. די עקדה איז אפֿשר אַ פּרילױד צו דער משיחישער דראַמע. לייוויק ווי אַ רעוואָלוציאָנער האָט זיך געראַנגלט מיטן אייגענעם געוויסן: צי זענען די גאולה־צילן ווערט אַזויפֿיל מענטש־לעכע, צומאָל אומשולדיקע קרבנות? די אַלטע פּרצישע „האָפֿענונג און שרעק". ניגער דערמאָנט דאָסטאָיעווסקיס אַ זאָג, אַז די גאַנצע צוקונפֿט־סטרוקטור איז נישט ווערט די מינדעסטע טרער פֿון אַ קינד. לייוויק פּראָ־בירט ענטפֿערן אויף דער דילעמע מיט דער קאָנצעפּציע פֿון פּערזענלעכע לײַדן. „איך זײַ מײַנע לידער ווי קערנער איך זײַ/ זיי וואַקסן, זיי בליען ווי זאַנגען און קרײַטער/ נאָר איך אַליין ליג ווי אַ דאָרן צעדרייט/ איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווײַטער", די רוסישע תּפֿיסות, די שנייען סיבירער האָבן געבוירן זײַן גאולה־חלום. ווי אין דער לעגענדע האָבן די משיחים געביטן זייערע נעמען: משיח בן יוסף, משיח בן דוד און אַפֿילו דער גולם מיט דער האַק. קיין אַמעריקע האָט ער געבראַכט די בענקשאַפֿט צו דעם לאַנד דעם פֿאַרבאָטענעם. אין דער צײַט פֿון מלחמה און רעוואָלט איז לייוויק דאָס געוויסן פֿון דור, די רעפֿלעקסיע פֿון אומקום און ווידער־געבורט, צווייפֿל און גלויבן אין אונדזער אילוזיע פֿון דער גאולה שלימה!

ב. דער גולם

די סימבאָליש־דראַמאַטישע פּאָעמע „דער גולם" וואָס לייוויק האָט געשאַפֿן אין זײַנע פֿריע דרײַסיקער יאָרן איז ניט נאָר געוואָרן די קרוין פֿון זײַנע ווערק, נאָר אויך זײַן פֿילאָזאָפֿיש־דיכטערישער אני מאמין. די דראַמע שטיצט זיך אויף דער אַלטער פּראָגער לעגענדע וועגן מהר"ל (אין זעכצנטן יאָרהונדערט) וואָס האָט געשאַפֿן אַ גולם פֿון ליים, וואָס זאָל באַשיצן, די געטאָ־ייִדן פֿון די בלבול־פּלענער פֿון רשעותדיקן גלח טאַדעוש. הגם די דראַמע קען אויסגעטײַטשט ווערן אויף אַ פֿאַרשידנאַרטיקן אופֿן, גלויבן מיר אַז די יסודותדיקע אידעען דאַרף מען זוכן אין יענער גרויליקער צײַט פֿון דער ערשטער וועלט מלחמה, רעוואָלטן, פּאָגראָמען, און די טונקעלע האָפֿענונגען וואָס עס האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט די אָקטאָבער רעוואָ־לוציע. די לעגענדאַרע געשטאַלטן אין דער דראַמע דריקן אויס די מורא־דיקע געראַנגלעניש, די טיפֿע זאָרג פֿאַרן ייִדישן גורל אין יענער אומ־זיכערער צײַט. אפֿשר הערן זיך שוין די טריט פֿון משיח. איז דאָס טאַקע

דער אמתער גואל, אַט דער יאָסעלע גולם מיט דער האַק. אַט דרייט זיך דער מאַן מיטן קרייץ, וואָס האָט מיט זײַנע לײַדן געוואָלט ברענגען דער־לייזונג: ס׳שפּילן מיט סימבאָלישע טיפּן, ווי תנחום, דבורה, דער אַלטער און יונגער בעטלער (אליהו און משיח בן דוד) וואָס דער מהר״ל פֿאַרטרײַבט זיי, הגם ער בענקט צו אים, דעם אמתן דערלייזער, אָבער זײַן צײַט איז נאָך נישט געקומען, ווײַל יעצט איז די צײַט פֿון ליימענעם גולם. דער מהר״ל — באַשעפֿער פֿון גולם איז לייוויק אַליין וואָס האָט געוואָלט מיטגיין מיט די וואָס ווילן דוחק זײַן דעם קץ.

ער האָט אָבער געפֿילט אומזיכערקײַט און צווייפֿל אין זײַן גולם — באַשאַף. „אַזויפֿיל אומרו אין דײַן האַרץ, אַזויפֿיל שׂנאה, שוואַרצע תאווה, קאַלטע בייזקײַט, אומבאַהאָלפֿנקײַט אין דײַנע אָדערן פֿליסט״, דער מהר״ל וואָס האָט אַליין אין זיך געטראָגן די פֿינצטערניש און שׂנאה פֿון גולם האָט, ווי מיר אַלע, זיך געראַנגלט מיטן אומוויסיקן גורל. ער האָט מורא געהאַט אַז די האַק קען זיך אַראָפּלאָזן אויף אונדז אַלע באַנאַנד מיט די אידעאָ־ליסטישע באַשעפֿער פֿון גולם, וואָס ער האָט בנביאות פֿאָרויסגעזען.

דער מהר״ל ציטערט איבער זײַן באַשאַף, ווי דער דיכטער לייוויק, דער גולם וואָס טוט דעם מהר״לס שליחות איז אויך אַ יחיד מיט מענטש־לעכע געפֿילן פֿון ליבע, אומרו, איינזאַמקײַט, וואָס קענען נישט דער־שטיקט ווערן. אויך ער וויל זיך באַפֿרײַען פֿון די קייטן. אַפֿילו טאַדעוש דער גלח ווערט מיד פֿון אייגענעם האַס. און ווען דער גולם הייבט אויף די האַק אויף די געטאָ־ייִדן, האָט דער מהר״ל חרטה אויף זײַן באַשאַף. „אויף מײַן קאָפּ פֿאַלט דאָס בלוט, געקומען ראַטעווען און אַליין פֿאַרגאָסן בלוט״.

און ער פֿאַרוואַנדלט די גולם־אידעע צוריק אין שטויב. אין אַן עסיי „די האַק״, פֿון זײַנע זכרונות נאָטיצן (צוקונפֿט — 1952) דערציילט לייוויק וועגן אַ באַגעגעניש מיט די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער בראש מיט מ ליטוואַקאָוו און איזי כאַריק. געווען איז דאָס נאָך אַ לעצטער גולם־פֿאָרשטעלונג פֿון דער העברעישער הבימה אין 1925 אין מאָסקווע. ס׳איז פֿאָרגעקומען אַן עמאָציאָנעלע דיסקוסיע מיט טענות צו לייוויקן פֿאַרוואָס ער האָט אַרויסגעריסן די האַק פֿון זייער באַליבטן גולם. פֿאַרוואָס האָט ער דעם גולם פֿאַרוואַנדלט אין שטויב. דער גולם איז נישט קעגן אונדז נאָר קעגן קלאַסן־שׂונא. לייוויק האָט זיי דערקלערט אַז זיי האָבן נישט ריכטיק אויסגעטײַטשט די דראַמע. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן די ייִדישע גורלות אין אָנבליק פֿון ענדערונגען, פֿון נײַעם סדר העולם דורך רעוואָלוציעס, די

נישט־זיכערקײַט פֿון היסטאָרישע פּראָצעסן ווען ס׳קומט צום גורל פֿון ייִדיש־מענטשלעכן קיום.

לייוויקס מורא איז געווען באַרעכטיקט, די האַק האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט מיט רציחה אויף ייִדישע שרײַבער און אויפֿן ייִדישן קיום. די האַק פֿאָכעט אַלץ נאָך איבער אונדזער קיום און איבער דער מענטשהײַט. די הייליקע אידעען פֿון פֿעלקער־פֿרײַהײַט און סאָציאַלער גערעכטיקײַט איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּערמאַנענטער גאולה קאָמעדיע, „די גאולה־קאָמעדיע״ וואָס לייוויק האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין 1934, ערב די בלוטיקע פּראָצעסן אין מאָסקווע, איז געווען אַן אומפֿאַרמײַדלעכער המשך פֿון דער גולם דראַמע.

ג. גאולה־קאָמעדיע

הגם אין לייוויקס גאולה דראַמעס איז דער פּערסאָנאַזש אַ סימבאָ־לישער זײַנען די העלדן פֿולבלוטיקע יחידים מיט אַלע מענטשלעכע אייגנ־שאַפֿטן, וואָס לעבן אָפֿט נישט בשלום מיט זיך. מיר מוזן זיך אַרײַנלעבן אין די העלדן, אין זייער פֿאַרווירטקײַט און נשמה־קאָנפֿליקטן בכדי צו פֿאַר־שטיין דעם דיכטערס קאָנצעפּציע בשייכות די היסטאָריש סימבאָלישע דראַמעס, די איבערחזרונג פֿון אידעאָלאָגישע רציחות פֿון מענטש אין צײַטן ווען „די געטער זײַנען דורשטיק נאָך בלוט״. דער קרבן־קאָמפּלעקס האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. ס׳טאָר נישט זײַן קיין קרבן אַפֿילו פֿאַר גאָט, ווײַל לעבן איז הייליק. אין „דער גאולה־קאָמעדיע״ לעבט צוריק אויף דער גולם. ער ווערט אַ דערוואַקסענער, באַוווּסנדיקער, דערפֿאַרענער און טראָגט אַלץ נאָך אין זיך די אומשולד פֿון אַ מאַסן־קינד וואָס זוכט דעם אמת, די מענטשלעכע. דערלייזונג, ער וויל ברענגען משיחן צו באַפֿרײַען די וועלט פֿון קנעכטשאַפֿט, און דעם מענטש פֿון זײַנע אינערלעכע קייטן. ס׳קומען פֿאַר קאָנפֿליקטן פֿון זײַנע אינזיכישע כוחות מיט די געזעלשאַפֿטלעכע אידעאָלאָגיעס. ווי אין דער דראַמע „די קייטן״ ווען דער פֿאַנאַטישער לעווינע וויל זײַן קלאַס באַפֿרײַען פֿון די ערשנדע קייטן, וויל יוסף זיך אַליין באַפֿרײַען פֿון אינערלעכע קייטן. דער איצטיקער גולם איז איידעלער, אָבער אין זײַן אידעאַליזם לאָזט ער זיך באַאײַנפֿלוסן פֿון פֿאַלשע נביאים, פֿון האַרצלאָזן אַרמילוס, אַז דערלייזונג קען קומען דורך טעראָר, רעוואָלט און דיקטאַטור. נאָך דער לאַנגער מלחמה פֿון גוג און מגוג און די חבלי לידה פֿון משיח ווערט דער זיגער מגוג געטויט פֿון משיח בן יוסף וואָס

קלאַמערט זיך אין זײַן מאַכט מיט דער הילף פֿון לילית, אַרמילוס און תלין. דער געװעזענער טרוימער װערט אַ גרויזאַמער דיקטאַטאָר און שליסט אײַן אין תּפֿיסה חנינהן (משיח בן דוד) װאָס װאַרט אױף טויט־אורטייל.

דער נאַיװער, ערלעכער גולם מיינט אַז אין דער איצטיקער צײַט איז נויטיק קרבן און ברוטאַלער כּח, אָבער אין זײַן נשמה־געראַנגל צװישן די כּוחות פֿון פֿינצטערניש, זינד (לילית) און אמתער ליבשאַפֿט — (דבורה), רופֿט ער אַרויס אַ נײַעם בונט קעגן טיראַן — משיח בן יוסף — צו באַפֿרײַען חנינאַן.

און אַז משיח בן דוד װערט דער גואל מוז ער דאָך פֿאַרניכטן זײַן קעגנער געצנוי װי אין דער חד־גדיא, די געשיכטע איבערחזרט זיך. אַזוי — די פֿראַנצויזישע רעװאָלוציע, אַזוי — די באָלשעװיסטישע. די זעלביקע גאולה־קאָמעדיע, משיחים קעמפֿן צװישן זיך פֿאַר מאַכט, פֿאַרניכטן זיך איינער דעם צװייטן און האַלטן דאָס פֿאָלק אין פּחד און אין טעראָר. און דער מענטש איז הפֿקר. „הפֿקר הפֿקר און הפֿקרות,/ פֿליקט די בערד פֿון אַלטע דורות/ זון אויף טאַטן, נאָר אויף קלוגן,/ זופּט די פֿרייד פֿון פֿולע קרוגן,/ נעכט אין פֿלאַקער, טעג אין שטורעם/ לאַכט פֿון טרויער און יסורים/ װאָס איז איינער, גאָרניט איינער/ אַ סקעלעטל — הויט און ביינער/ אַלע אַלע הוליע הוליע/ כּולו חייב, חייב כּולו".

אין דער גאולה װאָקכאַנאַליע קומען אום די הומאַנע װערטן באַנאַנד מיט די אידעאַליסטישע קעמפֿער. אין יענער צײַט פֿון רייניקונג, פֿאַר־שיקונג אין לאַגערן. אונטערדריקונג פֿון מענטשלעכע רעכט, איז שװער איבערלעבן און לעבן־בלײַבן, מיטן אויסנאַם פֿון תלין און „אַרמילוס — דעם נביא פֿון הײַנט", דער פֿיל־פּנימדיקער נאָכלויפֿער נאָכן שטאַרקן, נאָך יעדן זיגער. אַרמילוס איז געבוירן געװאָרן פֿון אַ שטיין און אַז משיח װעט קומען װעט ער צוריק אַרײַן אין שטיינערנעם מוטער־טראַכט. אין דער גאולה־קאָמעדיע װאָס איז אפֿשר אויך אַ טראַגי־קאָמעדיע שפּיגלט זיך אָפּ לייװיקס באַנעם אַז די מענטשלעכע רעװאָלוציע טאָר זיך נישט שטיצן אויף עקדות. לויט לייװיקן מוז אויך זײַן באַליבטער משיח בן דוד אומקומען װײַל זײַנע הענט האָבן געמוזט אומברענגען דעם טיראַן בן יוסף, טאָ װער איז איצט דער אמתער גואל? דער נײַער ערלעכער גולם־קינד, װאָס פֿאַר־בינדט זיך מיט דבורהלען, דער סימבאָל פֿון אמתער מענטשלעכער ליבע, די הומאַנע רעװאָלוציע פֿון געלייטערטן מענטש.

„די גאולה קאָמעדיע", װאָס שפּיגלט ממש אָפּ די שוידערלעכע

סטאַלין־יאָרן, האָט דעם דיכטער פֿאַרפֿאָלגט מיט זאָרג און יאוש וועגן דעם גורל פֿון אונדזער משיח־חלום. דורך די יאָרן איז דער „אמתער משיח צדקינו וואָס האָט אָנגעפֿילט די הערצער פֿון דער יוגנט מיט האָפֿענונג פֿאַרברענט געוואָרן אין קרעמאַטאָריעס באַנאַנד מיט די 6 מיליאָן קדושים.

ד. חתונה אין פערנוואַלד

„והיה באחרית הימים/ אַ וואָלף מיט אַ ציגעלע וועלן ווינען צוזאַמען/ און אַ קליין יינגעלע וועט זיי פֿירן בײַ די הענט,/ אַ נביא, ברענג צוריק דער מאַמען/ איר יינגעלע וואָס איז געוואָרן פֿאַרברענט". אין 1945, ווען די מלחמה האָט זיך נאָר וואָס פֿאַרענדיקט און די וועלט האָט גענומען אײַנשטעלן אַ נײַעם סדר, איז משיח מער ניט געווען צווישן די לעבעדיקע. אין פּײַן און טאָרטורן איז ער פֿאַרברענט געוואָרן אין קרעמאַטאָריע. ער האָט אויף זיך אַליין גוזר געווען די לײַדן פֿון געטאָ און גאַזקאַמערן. אָן ייִדן איז דער משיח־חלום מער נישט נייטיק. לייוויק פֿאַרצייכנט די כראָניק פֿון דער ערשטער חתונה פֿון די געראַטעוועטע. ער טראַכט זיך אַרײַן אין זייערע אינערלעכע איבערלעבונגען, אין זייער קאַשמאַרנעם אַליין־זײַן מיט זיך. ווי קענען מיר לעבן נאָכן חורבן, ווי קען מען בויען היימען, טאַנצן אויף חתונות, שאַפֿן משפּחות, אָנהייבן אויפֿסנײַ מיט דער בלאַסער מיסטעריעזער פֿרייד, שטיקנדיקע טרערן, געראַנגלענישן מיט זיך און שולד־געפֿילן פֿאַר בלײַבן לעבן. די שאָטנס פֿון אַלע אומגעבראַכטע אין די טויט־לאַגערן זײַנען געסט אויף דער חתונה אין פֿערנוואַלד, און דער גואל?

צי ער איז דאָ צו ערגעץ אַנדערש,
מיר גלויבן אין זײַן נצח סײַ ווי סײַ:
אין טיפֿעניש פֿון קבר אני מאמין
און חי משיח, אייביק, אייביק חי.

צווישן די געראַטעוועטע גייט אום דער אַלטער פּליט אליהו, די טרייסט, וואָס זוכט אויס פֿון קרעמאַטאָריע־אַש זײַן זון משיח צו ברענגען מוט און האָפֿענונג פֿאַר די לעבן־געבליבענע ייִדן. ווײַל נאָר דער משיח־חלום קען זיי צוריק־געבן דעם צוטרוי און אַ ביסל גלויבן אין מענטש.

דער חתן — אברהם, קען ניט פֿאַרגעסן זײַן אומגעקומענעם יצחקל, ער בענקט צו זײַן געליבטער שׂרה: ס'קומען פֿאַר דיאַלאָגן, טענות, שולד־געפֿילן.

אַ געראַטעוועטע פֿרוי, די כּלה — שׂרה ווערט פֿאַרפֿאָלגט פֿון „הרוג"

איר פֿאַרפֿײַניקטן מאָן, וואָס איז נישט געקומען צו קבֿר ישׂראל. גאַנץ „עמך" קומט זיך צוזאַמען אויף דער פֿריילעך־טרויעריקער חתונה.

אויך דער אַלטער פּליט און דער יונגער משיח־פּליט זײַנען דאָ און העלפֿן זיי אין דעציזיע, אַז ס'איז אַ מצווה אָנצוהייבן אויף ס'נײַ. ס'וואַרט אויף זיי ארץ ישראל, ס'וואַרטן ייִדן, וואָס לעבן, ס'וואַרט משיח אַליין. אַפֿילו די אומגעקומענע געסט אויף דער חתונה געבן זייער הסכמה אויפֿן ערשטן אָנהייב, און געבן זייערע ברכות וואָס זײַנען מיט פֿײַער פֿאַרשריבן. דער בדחן באַזינגט חתן־כּלה: „נעמט זשע, נעמט כלי זמר, שמערל און ייִדל/ ציט אָן די סטרונערס אויפֿן אַשיקן פֿידל,/ 6 מיליאָן ייִדן מיינט מען אונדז אַלע/ שפּילט זשע אַ פֿריילעכס פֿאַר חתן און כּלה".

נישט נאָר די געראַטעוועטע זײַנען די זאָרג פֿון דיכטער, נישט נאָר די קרבנות, נאָר אויך די פֿײַניקער וואָס טראָגן דעם צלם אנוש. ס'איז אַ תהום, אַ פֿינצטערער וואָלקן וואָס קען אויסלעשן יעדעס ביסל ליכט. און דער פֿאַרפֿײַניקטער הרוג וועט מסתּמא געפֿינען זײַן רו אין יד ושם. מיר איז נישט ליב געווען דער „העפּפּי ענד". איך האָב געהאַט די זכיה צו קענען דעם גרויסן דיכטער. ווי אַ לערער פֿון דער ה. לייוויק שול האָב איך אים פֿאַרבעטן רעדן צו די קינדער אויף אַ פּורים־פֿײַערונג און ער האָט דער־ציילט וועגן זײַן קינדהייט און זײַן אָנטייל אין חדר־שפּיל פֿון עקדת יצחק.

אין אַ פּריוואַטן שמועס האָב איך מיט אומזיכערקייט אָפּגעפֿרעגט דעם סוף פֿון דער דראַמע „חתונה אין פֿערנוואַלד". אַ שאָד אַ שאָד, וואָס דער פֿאַרפֿײַניקטער ייִד האָט זיך צופֿרידנגעשטעלט מיטן יד ושם מאָנומענט. ער האָט געדאַרפֿט אומגיין אַ צעבראָכענער און שטערן די רו פֿון גלײַכגילטיקן וועלט־געוויסן. אָבער דער דיכטער איז נישט געווען קיין פּעסימיסט. ער האָט נישט אויפֿגעהערט גלויבן אין האַרץ פֿון דער וועלט. מיר טאָרן נישט ווערן ציניש און פֿאַרצווייפֿלט. מיר טאָרן נישט דערשטיקן אין זיך דעם הייליקן אני מאמין.

איך געדענק דעם פֿאַרבענקטן שמייכל אויפֿן דיכטערס פּנים ווען אַ תּלמיד פֿון דער לייוויק־שול האָט רעציטירט זײַן ליד „אונדזער חלום":

„אַ ייִדיש קינד זאָל קיינמאָל ניט אויפֿהערן זײַן גרייט
צו זוכן די טריט פֿון משיח און אָפּבינדן אים פֿון דער קייט".

אַ נײַ ווערק וועגן דעם דרייפוס־בלבול

די דרייפוס־דראַמע, וואָס האָט צעברויזט די געמיטער פון פראַנ־צויזישן פאָלק און צעטרייסלט די פונדאַמענטאַלע ווערטן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, איז געווען די טעמע פון אומצאָליקע שרייבער, קינסטלער און פילם־פּראָדוצירער. אין דער מיליטערישער שול ווו דרייפוס איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף אייביקע פאַרשיקונג אויפן טײַוולס אינזל אין גיאַנאַ, איז פאַראַן אַ סקולפּטור פון דרייפוסן, צוועלף פוס די גרויס, ווי ער שטייט זעלנעריש אויסגעגלייכט מיט אַ צעבראָכענער שווערד אין האַנט דער סימבאָל פון זײַן דעגראַדירונג.

זשאַן דעניס ברעדין, אַ פּראָמינענטער פראַנצויזישער יוריסט, פּראָפע־סאָר, היסטאָריקער, פּאָליטישער עקספּערט און טאַלאַנטפולער דערציי־לער, האָט געשאַפן אַ מײַסטער־ווערק וועגן דער דרייפוס־אַפערע, מיט זעלטענע גענוי־אויסגעפאָרשטע דעטאַלן פון יענער טראַגישער עפּאָכע.

אין דעם ווערק שפּיגלען זיך אָפּ די צערודערטע גרעאַנגלענישן, געזעלשאַפטלעכע צעטיילונג, דעמאָראַליזאַציע פון לאַנד, די נאַציאָנאַל־מיליטערישע דאָמינירונג און אײַנפלוס פון דער רעאַקציע אויפן המון; אַ קאַליידאָסקאָפּ פון געשעענישן, פּאָליטישע פיגורן, באַרימטע שרייבער, ווי עמיל זאָלאַ, אַנאַטאָל פראַנס, יחידים־קעמפערישע פאַר גערעכטיקייט און אַ שרעקלעך־צעפלאַמטער אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט אַרומגענומען גאַנץ פראַנקרײַך און אירע קאָלאָניעס.

דער פּראָצעס האָט זיך געצויגן צוועלף יאָר פון 1894 ביז דער רעהאַביליטירונג און אַנטגילטיקער ריינוואַשונג פון דרייפוסן. די אַפערע האָט איבערגעלאָזט טיפע סימנים אויף דער שפּעטערדיקער געשיכטע פון פראַנקרײַך. דער שרײַבער ברענגט אַרויס די פּאָזיטיווע און אויך די העצע־רישע ראָל פון דער פּרעסע, וואָס האָט באַאײַנפלוסט דעם משפּט איבער דרייפוסן. מיט גרויס גענויקייט און אָביעקטיווקייט אַנאַליזירט ברעדין די ייִדישע פּראָבלעמען: די פּאָזיציע און ראָל פון דער ייִדישער געזעלשאַפט־לעכקייט, די שווײַגנדיקע הכנעהדיקייט פון דער אַסימילאַציע, וואָס האָט געוואָלט זײַן פּויפּסטלעכער פון פּויפּסט און מורא געהאַט זיך אָנצונעמען פאַר דרייפוסן. אַלפרעד דרייפוס, דער נאַיווער פּאַטריאָט און שעיר

לעזאזל, אָבער אָן ייִדישן שטאָלץ, איז אַליין געווען אַ פּראָדוקט פֿון יענער גרופּע. ס׳זענען אָבער געווען אַ צאָל קעמפֿערישע יחידים, וואָס האָבן באַטאָנט זייער ייִדישער אידענטישקייט.

לייענענדיק דאָס גרויסע ווערק באַוווּנדערט מען דעם הומאַניטאַרן ייִדן־פֿריינדלעכן שרייבער ברעדין, וואָס האָט געזען יענע עפּאָכע מיט הײַנטיקע אויגן. ס׳איז נישט שווער צו דערקענען און פֿאַרגלייכן יענע צײַט מיט אונדזער חורבן־דור, און מיט אונדזער הײַנטיקן גראַנגל קעגן האַס און טעראָר.

אַלפֿערד דרייפֿוס איז געבוירן געוואָרן אין עלזאַס, אין 1855. ער איז געווען דער יונגסטער פֿון זיבן קינדער. זײַנע עלטערן, רפֿאל און זשאַן (דיקשטיין) דרייפֿוס, זענען געווען רײַכע ייִדן. רפֿאל האָט געהאַט אַ פּראָס־פּערירנדיקע טעקסטיל־פֿאַבריק. אַלפֿערד ווערט דערצויגן אין אַן אַסימי־לירטער פֿראַנצויזישער קולטור־סבֿיבֿה.

אין 1871 ווערט עלזאַס אָקופּירט פֿון דײַטשלאַנד און די עלטערן ציִען זיך איבער קיין שווייצאַריע. אַלפֿרעד קומט אָן לערנען אין 1873 אין פּאַריזער פּאָליטעכניקום. ער האָט טיף אין זיך געכאָוועט די פּאַטריאָטישע געפֿילן און קינדערישע שבֿועה צו קעמפֿן פֿאַרן צוריקקער פֿון זײַן באַליב־טער היים, עלזאַס, צום פֿראַנצויזישן פֿאָטערלאַנד. אין 1890 האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ ייִדיש מיידל און איין טאָג נאָך דער חתונה נעמט מען אים אָן אין דער מיליטערישער שול. אין 1892 ווערט ער אַ לייטענאַנט פֿון דער אַרטילעריע־רעגימענט. ער איז געווען אַרבעטזאַם, באַשיידן און אַמ־ביציעז, מיט אַ ווילן צו דערגרייכן העכערע פּאָזיציעס. נאָך צוויי יאָר גראַדואירט ער מיט אויסצייכענונגען און ווערט צוגעצויגן צום דינסט אין גענעראַל־שטאַב. פֿאַר דרייפֿוסן שטייט פֿאַר אַ גרויסע מיליטערישע קאַריערע. ער האָט צוויי קינדער, פֿינאַנסיעל אויסגעזאָרגט און גליקלעך מיט זײַן משפּחה, האָט ער נישט געזען, און ס׳איז אים בכלל נישט אָנגע־גאַנגען דער וואַקסנדיקער אַנטיסעמיטיזם אין זײַן באַליבטן פֿאָטערלאַנד.

זינט 1789, ווען ס׳איז דערשינען די דעקלאַראַציע פֿון מענטשן־רעכט און עמאַנציפּאַציע, האָט די אַסימילאַציע אָנגענומען נײַע דימענסיעס. דער הויפּט־רבֿ ר׳ צדוק כּהן האָט געשריבן, אַז די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע איז אונדזער נײַער יציאת־מצרים. אָבער די רעאַקציע, אין אָנבליק פֿון דער עקאָנאָמישער וואַקלדיקייט, פֿאַראָרעמונג פֿון פֿאָלק, פֿון קליין־בורגער־טום, האָט זיך געניייטיקט אין אַ שולדיקן אין פֿראַנקרײַכס אומגליק, אין אַ

ייִדישער קאָנספּיראַציע, בכדי אויפֿצובלאָזן אַ גרויס פֿײַער. און אַז די געלעגנהײט איז נישט געקומען האָט מען דאָס געדאַרפֿט אויסטראַכטן און אינסצעניזירן.

.2

די געהיימדינסט אין פּאַריז האָט דורך אירע קאַנאַלן זיך דערוווּסט, אַז אַן אַגענט פֿון דער דײַטשער אַמבאַסאַדע, שוואַרצקאָפּען, קריגט מיליטעריש אינפֿאָרמאַציע פֿון אַ רוימערקע וואָס האָט געהאַט אַ צוטריט צום מיסט־קעסטל פֿון דער דײַטשישער אַמבאַסאַדע און אָפֿט געבראַכט צום פֿראַנצויזישן געהיימדינסט פֿאַרשידענע צעריסענע צעטלעך. איין אַזאַ סודותדיק צעטעלע איז געווען דאָס שוועבעלע פֿאַרן פֿײַער.

אין דעצעמבער 1893 ווערט דרײַפֿוס אַרויסגערופֿן צו אַ רוטין־אינספּעקציע און דער קאָמענדאַנט דופּאַטי דיקטירט דרײַפֿוסן אַ בריוו. פֿאַרגלײַכנדיק זײַן האַנטשריפֿט צום געהיימען צעטעלע, ווערט ער גלײַך אַרעסטירט און באַשולדיקט אין פֿאַראַט.

דער קאָמענדאַנט לאָזט איבער אַ רעוואָלווער אויפֿן טיש און וואַרט אין דרויסן, גלויבנדיק, אַז דער ייִדישער אָפֿיציר וועט באַגיין זעלבסטמאָרד. דרײַפֿוס זאָגט זיך אָפּ דערפֿון, מחמת ער פֿילט זיך אומשולדיק. (דאָ ווילן מיר באַמערקן, אַז אין יענער צײַט האָבן די תּלמידים אין די שולן געלערנט אַ סטאַנדאַרטנעם שריפֿט. ענלעכקײַטן פֿון שריפֿט איז אַפֿילו אין אונדזער צײַט שווער פֿעסטצושטעלן. ערשט אין 1975 האָבן ספּעציאַליסטן דורך אַ פּרעציזן קאָמפּיוטער אויסגעבעסערט דאָס דערקענען האַנטשריפֿטן).

דו־פּאַטי גיט איבער דעם קריגס־מיניסטער גענעראַל מערסיע וועגן דעם אַנטדעקטן שפּיאָן דרײַפֿוס. גראַד דעמאָלט האָט דער מיניסטער זיך געניויטיקט אין אַזאַ געלעגנהײט. ער איז אָפֿט קריטיקירט געוואָרן פֿון דער רעכטער פּרעסע און פֿון זײַנע פּאָליטישע קעגנער, אַז די אויסשפּיר־דינסט אַרבעט נישט גוט גענוג. איצט קען ער זיך רעהאַביליטירן. דער מיניסטער לאָזט זיך שנעל איבערצײַגן, אַז דער ייִד איז שולדיק. דו־פּאַטי כאַראַקטעריזירט דרײַפֿוסן אַזוי „ער האָט וואָנסעכ ווי אַ קאַץ, ער איז אַמביציעז, ער טראָגט מאָנאָקלס" (עכטע סימנים פֿון אַ שפּיאָן...).

דרײַפֿוס ווערט איזאָלירט, געפּײַניקט, ער זאָל זיך מודה זײַן, אָבער ער שווערט בײַ זײַן ווײַב און קינדער, אַז ער איז אומשולדיק. אַדוואָקאַטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט אים צו פֿאַרטיידיקן. מאַטיו, אַלפֿרעדס ברודער, האָט דאַן

געפֿונען אַ מוטיקן פֿאַרטיידיקער, עדגאַר דעמאַנזשעי. אין תּפֿיסה־צעל האָט דער וואַך־קאָמענדאַנט געפֿירט אַ געשפּרעך מיט דרײַפֿוסן. פֿאַרוואָס, פֿרעגט לעברון, זײַט איר נישט באַגאַנגען זעלבסמאָרד אָפּצוראַמען די שאַנד?

— איך בין אומשולדיק — האָט אים דרײַפֿוס געענטפֿערט. נאָך אַ לענגערן דיאַלאָג איז לעברון געווען איבערצײַגט אין דרײַפֿוסעס אומשולד. די זשורנאַליסטן האָבן צעדרייט לעברונס דערקלערונג און געשריבן, אַז דרײַפֿוס האָט זיך אין דער צעל מודה געווען.

די דײַטשישע אַמבאַסאַדע ווילנדיק אויסמײַדן אַ פּאָליטישן קאָנפֿליקט, האָט געלייקנט די אָנקלאַגע און שוואַרצקאָפּען האָט דעם ענין דרײַפֿוס אינגאַנצן איגנאָרירט און כסדר געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיטן אמתן שפּיאָן, עסטערהאַזי, וואָס האָט אים ווײַטער צוגעשטעלט אינפֿאָרמאַציעס.

ערשט אין 1930 האָט שוואַרצקאָפּען איבערגעגעבן אין זײַן נאָטיץ־ביכל וועגן זײַנע פֿאַרבינדונגען מיט עסטערהאַזי.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מיליטערישער פּראָצעס קעגן דרײַפֿוסן האָט די ייִדן־העצערישע פּרעסע צערייצט די עפֿנטלעכקײַט. דאָ האָט מער נישט געקענט זײַן קיין רייד וועגן אַ גערעכטן משפּט. ס׳האָט זיך צעבושעוועט אַן אַנטיסעמיטישע וואַקכאַנאַליע. ייִדן זענען כיטרע, געלטגײַציקע פֿאַררעטער; ייִדן זענען בלוטדורשטיק; זיי זענען שולדיק אין דער נאַציאָנאַלער דעקאַדענץ; זיי זענען שולדיק אין פֿראַנקרײַכס אַלע אומגליקן און חלומען פֿון וועלט־הערשאַפֿט. דער ראַסיסט דרומאָנט האָט אין זײַן צײַטונג „לאַ ליבּרע פּאַראָל״ געגעבן פֿיזישע און גײַסטיקע סימנים, ווי צו דערקענען אַ ייִד און גערופֿן די יוגנט צו נעמען נקמה אין די ייִדן.

די אַנטיסעמיטישע העצע האָט געשפּילט אויף די פּאַטריאָטישע סענטימענטן צוגונסטן דעם קאַטאָליציזם, דעם מיטלקלאַס, די סוחרים, בעלי־מלאכות און געהעצט אויך דעם שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט קעגן ייִדן.

די קאַטוילישע באַנק „אוניאָן זשענעראַל״ האָט באַנקראָטירט און נישט אויסגעצאָלט די דעפּאָזיטאָרן, און באַלד איז די באַשולדיקונג געפֿאַלן אויף די ראָטשילדס. די אַטאַקעס פֿון דער פּרעסע קעגן ייִדן זענען געווען טראַדיציאָנעלע, סטערעאָטיפּישע: ראַסע, תּלמוד, יודאַיזם און ייִדישע עקספּלאָאַטאַציע אא״וו. די ייִדן אין פֿראַנקרײַך, ספּעציעל די אַסימילאַטאָרן, האָבן זיך באַמיט צו האַלטן נייטראַל צום דרײַפֿוס־פּראָצעס, בכדי נישט צו געבן קיין אָנדײַט, אַז דאָס איז אַ ייִדישער ענין. לעאָן בלום האָט

געשריבן: „אַ גרויס אומגליק איז באַפֿאַלן דאָס פֿאָלק ישׂראל. זיי האָבן מורא זיך אַרײַנצומישן נישט אויפֿצובלאָזן אַ גרעסער פֿײַער". לואיס לעווי האָט געשריבן: „אַז פֿראַנקרײַך וועט דאָך צוריקקומען צום זינען". דער רב ר' צדוק כהן האָט „אויסגעדריקט דעם גלויבן אין פֿראַנקרײַכס פּרינציפּן פֿון הומאַניזם". אָבער וועגן דרײַפֿוסן האָבן זיי געשוויגן.

דער איינציקער ייִד וואָס האָט געלאָזט הערן זײַן קול ווי אַ ייִד, איז געווען דער יונגער בערנאַרד לאַזאַר, אַ ראָמאַנטיקער און קעמפֿער. וואָס האָט זיך אָנגענומען פֿאַר דרײַפֿוסן, ווײַל ער האָט געהאַלטן פֿאַרן סימבאָל פֿון גערודפֿטן מאַרטירער־פֿאָלק. ער שרײַבט: „די ייִדן זענען קרבנות פֿון אַלטע טראַדיציעס, שטענדיקער דערנידעריקונג, אָבער איך קען אַזעלכע ייִדן, וואָס וועלן נישט לײַדן מער קיין בלבולים און באַליידי־קונג. מאָרגן וועלן זיי זײַן אַ לעגיאָן, וואָס וועט זיך נישט בלויז פֿאַר־טיידיקן, נאָר אויך אַטאַקירן".

לעאָן בלום האַלט לאַזאַרן פֿאַרן איינציקן ייִדישן פֿאַרטיידיקער פֿון דרײַפֿוסן. אויך דניאל הלוי האַלט לאַזאַרן פֿאַרן ערשטן ייִד, וואָס נעמט זיך אָן פֿאַר אַ ייִדן. אין יענער אומרואיקער צײַט זענען גלײַכצײַטיק פֿאָרגע־קומען פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און ס'האָט זיך צעפֿלאַמט דער אַנטי־סעמיטיזם אין עסטרײַך און דײַטשלאַנד, וווּ ס'האָט זיך אָנגענומען די ראַסן־טעאָריע לויט ווילהעלם מאַר, וואָס האָט אַנטדעקט דעם טערמין אַנטיסעמיטיזם.

אין אָט די באַדינגונגען איז אַן אומשולדיקער ייִד פֿאַרמשפּט געוואָרן אויף לעבנסלענגלעכער פֿאַרשיקונג אויפֿן טײַוולס אינזל. דער גענעראַל פּאָל דעראַס האָט בײַ דער שוידערלעכער צערעמאָניע דערקלערט אַלפֿערד דרײַפֿוסן פֿאַר אַ פֿאַררעטער. „ביסט ניט ווערט צו טראָגן דאָס געווער אין נאָמען פֿון פֿראַנצויזישן פֿאָלק. מיר נעמען צו פֿון דיר דײַן כּבֿוד".

דרײַפֿוס שרײַט פֿאַרצווייפֿלט: איך בין אומשולדיק! זעלנער, אַן אומ־שולדיקן מענטש האָט מען דעגראַדירט, איך בין אומשולדיק! לאַנג לעבן זאָל פֿראַנקרײַך! אָבער זײַנע ווערטער זײַנען געווען אַ קול קורא במדבר.

דער המון האָט געדונערט: אַ טויט דעם יודאַס, פֿאַררעטער! שמוציקער ייִד! טרוס, אַ טויט די ייִדן! איינער פֿון די אַנטיסעמיטישע קאָרעס־פּאָנדענטן האָט געענטפֿערט אויף דרײַפֿוסעס שווערן זיך, אַז ער איז אומ־שולדיק: „ער געהערט ניט צו אונזער נאַציע, דאָס ייִדישע היימלאַנד איז

דאָרט ווו זייער געלט ציט די גרעסטע פּראָפיטן". אַזוי האָט זיך געענדיקט די טראַגישע צערעמאָניע. דער איינציקער וואָס האָט געהערט דרייפוסעס פֿאַרצווייפֿלט געשריי איז געווען דער קאָרעספּאָנדענט פֿון דער ווינער „נויע פֿרייע פּרעסע" ד"ר טעאָדאָר הערצל.

לוסי דרייפוס און מאַטיו, אַלפֿרעד'ס געטרייער ברודער, האָבן ביידע אומדערמידלעך געאַרבעט צו העלפֿן דעם אומשולדיקן מאַרטירער אויף דער פֿאַרשיקונג. זיי האָבן ניט אויפֿגעגעבן די האָפֿענונג, אַז דער אמת וועט באַוויזן ווערן. אין דער זעלבער צייט האָט די רעגירונג און דער גענעראַל־שטאַב זיך באַמיט, אַז דער ענין־דרייפוס זאָל פֿאַרגעסן ווערן. צום גליק איז אין דער דראַמע פֿאַרמישט געוואָרן אַ נייע פּערזענלעכקייט. דאָס איז געווען דער מאַיאָר זשאָזש פּיקאַרד, וואָס איז געוואָרן דער נייער קאָמענדאַנט פֿון דער סטאַטיסטישער סעקציע פֿון דער אויסשפּיר־דינסט. מ'האָט געפֿונען נייע באַווייזן וועגן עסטערהאַזי'ס פֿאַרבינדונג מיטן דייטשן שפּיאָנאַזש און אַז ער איז דער שרייבער פֿון די געפֿונענע צעריסענע שטיקלעך פּאַפּיר וואָס מען האָט צוזאַמענגעקלעפּט.

פּיקאַרד, אַן ערלעכער מיליטער־מאַן, האָט דעם ענין איבערגעגעבן אין גענעראַל־שטאַב, אין געהיים־ביוראָ, און עסטערהאַזי איז געשטעלט געוואָרן פֿאַר אַ געריכט. די אָנקלעגער זיינען מאַטיו און לוסי דרייפוס. פּיקאַרד האָט געגעבן די גענויע באַווייזן וועגן דער שולד פֿון עסטערהאַזי און דעם טעות מיטן פֿאַרמשפּטן אַן אומשולדיקן מענטש. ער האָט אָנגערופֿן די נעמען פֿון די גענעראַלן און קאָנספּיראַטאָרן, ווי אויך דעם קריגס־מיניסטער מערסיע. ס'וועט אַ טומל אין געריכט, וואָס דער ריכטער האָט קוים באַוויזן איינצושטילן.

די גענעראַלן זיינען געווען אויף דער זייט פֿון עסטערהאַזי. די פּרעסע און די אַנטי־יידישע אַטמאָספֿער אין לאַנד האָבן צוגעהאָלפֿן צו דער באַפֿרייאונג פֿון עסטערהאַזי און דעם אַרעסט פֿון זשאָזש פּיקאַרד.

דעם 7טן יאַנואַר, 1898, איז עמיל זאָלאַ אַרויסגעקומען מיט זיין באַרימטן „איך באַשולדיקן!" — אַ בריוו צום פּרעזידענט פֿון פֿראַנקרייך. צוויי הונדערט טויזנט קאָפּיעס זיינען אויספֿאַרקויפֿט געוואָרן אין איין שעה. ער רעכנט אויס די נעמען פֿון מיליטערלייט, די עקספּערטן פֿון האַנטשריפֿט, יעדער וואָס האָט געהאַט אַ האַנט אין דעם דרייפוס־בלבול און אויך דאָס מיליטערישע געריכט וואָס האָט באַוווסטזיניק געבראָכן דאָס געזעץ. אין 20 שורות באַנוצט ער 10 מאָל „ס'איז אַ פֿאַרברעכן". ווי אַ

הומאַניסט און רעוואָלוציאָנער באַשולדיקט ער די אַרמיי אין פֿאַרגעטלעכן די שווערד, אין צײַט ווען די מאָדערנע וויסנשאַפֿט אַרבעט פֿאַרן אמת און יושר.

„ס'איז אַ פֿאַרברעכן אויסצונוצן פּאַטריאָטיזם אויף צו זייען האַס און קריגן שטיצע פֿון דער אַנטיסעמיטישער רינשטאָק־פּרעסע".

עמיל זאָלאַ ווערט געשטעלט צו אַ משפּט, און מיט מוט חזרט ער איבער די זעלבע באַשולדיקונגען.

זאָלאַ ווערט געשטיצט פֿון די הומאַניסטן און ראַדיקאַלן, פֿון די שרײַבער אַנאַטאָל פֿראַנס, זשאָזעף רײַנאַך, די סאָציאַליסטישע פֿירער זשאַן זשאָרעס, לעאָן בלום און אַנדערע. דער המון אין געריכט־זאַל, אין גאַס, די אַנטיסעמיטישע פֿירער האָבן אויסגעדריקט שׂנאה און געשאָלטן דעם גרויסן שרײַבער. זאָלאַ ווערט פֿאַרמשפּט אויף אַ יאָר תּפֿיסה. פֿאַרן אור־טייל מאַכט ער אַ פּאַטעטישע דערקלערונג:

„מיר זײַנען דאָס האַרץ און דער שׂכל פֿון פּאַריז. מײַן וווּנדערלעך פּאַריז, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן און באַזונגען פֿערציק יאָר. מיט אײַער אָנגרײַפֿן מיך מאַכט איר מיך גרעסער. ווער ס'לײַדט פֿאַר גערעכטיקײַט ווערט פֿאַרהייליקט. איך שווער בײַ מײַנע 40 יאָר שרײַבערישער־אַרבעט, אַז דרײַפֿוס איז אומשולדיק".

נאָך יענעם היסטאָרישן משפּט האָט זיך ערשט צעשטורעמט אַ וואַק־כאַנאַליע קעגן ייִדן אין פּאַריז, אין אַלע שטעט פֿון פֿראַנקרײַך און אַלזשיר. ס'זײַנען געוואָרן צעבראָכן שויבן, דעמאָלירט געשעפֿטן, שולן; ס'זײַנען פֿאָרגעקומען פּאָגראָמען און די הויפּט־קרבנות זײַנען געווען די מזרח־אייראָפּעאישע עמיגראַנטן, וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון די רוסישע פּאָ־גראָמען. מיטן אויסנאַם פֿון געציילטע ליבעראַלן, אינטעלעקטואַלן און סאָציאַליסטן אָדער ערלעכע פּאָליטישע פֿירער, ווי זשאָרעס, בלום, קלע־מאַנסאָ, אַלעקסאַנדער מילעראַנד, איז די גרויסע מערהײַט געווען אויף דער זײַט פֿון דער צעבושעוועטער רעאַקציע.

4.

די באַשולדיקונג פֿון עמיל זאָלאַ, די נײַע באַווײַזן קעגן עסטערהאַזי, פּיקאַרד און אַלע קעמפֿער פֿאַר דרײַפֿוס'עס באַפֿרײַאונג גיבן צו מוט דער דרײַפֿוס־משפּחה. מאַטיר'ס אַדוואָקאַט, גרויסע פּאָליטישע פּערזענ־לעכקײַטן, באַמיען זיך פֿאַר אַ רעוויזיע פֿון דרײַפֿוס'עס אורטייל. די פֿירער

פֿון רעווידירן דעם אורטיל זײַנען געווען: זשאָרעס, לאַזאַר, קלעמאַנסאָ, לואי לעבלואַ און מאַטיו דרײַפֿוס.

ס׳קומען אונטער נײַע געשעענישן. עסטערהאַזי צעקריגט זיך מיט זײַנע פֿרײַנט און פֿון אויסלאַנד מאַכט ער אַ דערקלערונג, אַז ער איז דער אויטאָר פֿון געהיימען דאָקומענט און ער האָט עס געטאָן אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון זײַן קאָמאַנדיר קאָלאָנעל סאַנדהער. ס׳קומט צו אַ רעוויזיע פֿון דרײַפֿוס׳עס אורטייל. אין געריכט איז דער הויפּט־עדות דער ערלעכער פּיקאַרד. אין קאָן שטייט אָבער דער כּבֿוד פֿון די גענעראַלן און דרײַפֿוס מוז אַלץ נאָך בלײַבן דער שולדיקער. אַרויסגייענדיק פֿון געריכט־זאַל איז פּיקאַרד׳ס אַדוואָקאַט פֿאַרוווּנדעט געוואָרן פֿון אַ פֿאַנאַטישן אַנטי־דרײַפֿוסאַרד.

די אַנטיסעמיטישע העצעס קעגן די ייִדישע באַנקירן און עמיגראַנטן הערן ניט אויף. מחברים פֿון צײַטונגס־אַרטיקלען לייגן פֿאָר צו לייזן די ייִדן־פֿראַגע דורך דעפּאָרטאַציע, רציחה און פֿאַרטיליקונג... פֿראַנקרײַך איז איצט צעטיילט אין צוויי לאַגערן. פֿאַראַן איצט שוין אַ ליבעראַלער כּח וואָס שטעלט זיך קעגן די אַנטיסעמיטישע סופּער־פּאַטריאָטן. דער אײַנפֿלוסרײַכער דעפּוטאַט פּואַנקאַר (שפּעטערדיקער פּרעזידענט פֿון פֿראַנקרײַך) רופֿט די רעגירונג צו פֿאַרריכטן דעם טראַגישן טעות. די לײַדן פֿון אַלפֿרעד דרײַפֿוס, זײַן גרעאַנגל פֿאַרן שטאָלץ און כּבֿוד פֿון זײַן פֿאַמיליע־נאָמען, זײַן בענקשאַפֿט צו ווערן פֿאַראייניקט מיט דער משפּחה דערנענטערט זיך צו אַ מזל׳דיקן סוף.

לוסי דרײַפֿוס מיט דער הילף פֿון פּאַרטייִדיקער קעמפֿן אויס אַן אַפּיל. אַלפֿרעד דרײַפֿוס ווערט ענדלעך צוריקגעבראַכט קיין פּאַריז. אויפֿן געריכט טרעט אויף גענעראַל מערסיע, ס׳קומט צו אַ דראַמאַטישן דיאַלאָג, דער געוועזענער קריגס־מיניסטער טאָר ניט ווערן בלאַמירט, דרײַפֿוס ווערט דאָס מאָל פֿאַרמשפּט אויף 10 יאָר תּפֿיסה, אָבער ניט פֿאַרשיקונג. קראַנק און צעבראָכן וויל דרײַפֿוס זיך ניט אונטערגעבן די עצות פֿון פֿרײַנט צו בעטן באַגנעדיקונג.

מאַטיו האָט דאָך סוף־כּל־סוף איבערצײַגט זײַן ברודער צו באַשטיין דערווײַל אויף אַ באַגנעדיקונג, זיך פֿאַראייניקן מיט דער משפּחה און מאַכן אַ סוף צו זײַנע לײַדן. ווען פֿערנאַנד לאַבאָרי, זײַן קעמפֿערישער פֿאַרטיידי־קער, האָט געהערט אַז דרײַפֿוס איז באַשטאַנען אויף באַגנעדיקונג, האָט ער דערקלערט, אַז ער האָט מסתּמא אַ רעכט צו זײַן פּריוואַטער האַנדלונג,

אָבער ער איז מער ניט דער סימבאָל פֿון קעמפֿערישן קאָלעקטיוו פֿאַר די רעכטלעכע פּרינציפּן. דער אומרואיקער דרייפֿוס האָט סײַווי ניט אויפֿגע־הערט קעמפֿן פֿאַר זײַן פֿולשטענדיקער רעהאַביליטאַציע. דעם 30טן סעפּ־טעמבער, 1900 איז פּלוצלונג געשטאָרבן עמיל זאָלאַ. ווידער האָבן זיך צע־שריבן די קריגערישע זשורנאַליסטן. זײַנע שׂונאים האָבן געהאַלטן אַז ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד; פֿרײַנט, ווידער, האָבן געגלויבט אַז ער איז דערמאָרדעט געוואָרן.

אויף זײַן לויה האָט גערעדט אַנאַטאָל פֿראַנס אַרויסהייבנדיק זײַן הומאַניטאַריזם, זײַן קעמפֿערישע פּערזענלעכקייט און פֿאַרטיידיקונג פֿון אַן אומשולדיקן מענטש.

ס׳קומען פֿאַר פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטלעכע ענדערונגען. ס׳ווערן געשלאָסן רעליגיעזע שולן און עס קומט צו אַ דיפּלאָמאַטישן איבערײַס צווישן פֿראַנקרײַך און דעם וואַטיקאַן. די אַנטי יידישע העצעס האָבן זיך אַביסל אײַנגעשטילט. אין 1901 האָט קאַרל רײַנאַך אָנגעהויבן שרײַבן די געשיכטע פֿון דער דרייפֿוס־אַפֿערע. רײַנאַך האָט דורך די אַלע יאָרן זיך באַטייליקט אין קאַמף פֿאַר דרייפֿוס׳עס ריינוואַשונג.

ערשט אין יולי 1906 ווערט אָפֿיציעל אַנולירט דער אורטייל איבער דרייפֿוס׳ן מיט דערקלערונגען, אַז ס׳זײַנען באַגאַנגען געוואָרן טעותים און עוולות. דאָס מיליטער באַערט אים מיטן קרײַץ פֿון דעם ערן־לעגיאָן. די פֿײַערלעכע צערעמאָניע און מיליטערישער פּאַראַד אין זײַן כּבֿוד איז געווען אַ קאָמפּענסאַציע פֿאַר זײַנע לײַדן.

אויף דער צערעמאָניע זײַנען בײַגעווען אַלע זײַנע פֿרײַנד און די גליק־לעכע משפּחה מיטן ברודער מאַטיו. צווישן די געסט זײַנען געווען אַנאַטאָל פֿראַנס, דעמאָנזשעי, זשאָרעס, רײַנאַך און בריגאַדיר־גענעראַל פּיקאַרד וואָס איז געוואָרן קריגס־מיניסטער.

אין 1908 זײַנען די אַלע פֿרײַנט צוזאַמען מיט דרייפֿוסן געקומען אָפּ־געבן כּבֿוד דעם גרויסן נאַטוראַליסט און מחבר פֿון „איך באַשולדיק”, עמיל זאָלאַ, וואָס איז איבערגעפֿירט געוואָרן אין פּאַנטעאָן.

אַלפֿרעד דרייפֿוס איז געשטאָרבן אין 1935, צו 80 יאָר.

די דרייפֿוס־אַפֿערע איז קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן געוואָרן. ס׳האָבן זיך אָבער אָנגערוקט שווערע, פֿינצטערע כמאַרעס אויפֿן אייראָפּעאישן אידנ־טום, וואָס האָבן פֿאַרטונקלט יענע גרויליקע דרייפֿוס־יאָרן.

מיט פֿאַרשטענדעניש און טיפֿן אַרײַנבליק אין די יידישע פּראָבלעמען

פֿון יענער צײַט גיט דער שרײַבער אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג וועגן דער אַסימילאַציע אין פֿראַנקרײַך און כאַראַקטעריסטיק פֿון אַלפֿרעד דרײַפֿוס. לויט בערנאַרד לאַזאַר איז דרײַפֿוס געווען דער סימבאָל פֿון אַ ייִדישן מאַר־טירער, אָבער מען קען אים ניט צוטיילן דעם כּבֿוד פֿון אַ שטאָלצן ייִד. ניט געקוקט אויף דעם וואָס אַרום אים האָט זיך צעיושעט אַ גרויסע אַנטי־ייִדישע באַוועגונג, האָט דאָס ניט דערוועקט אין אים קיין ייִדישן באַוווּסט־זײַן און ייִדישע סאָלידאַרישקײַט. ער איז געווען באַגרענעצט צו זײַן כּבֿוד, ליבע צום פֿאָטערלאַנד און משפּחה. אָן געפֿיל פֿאַר הומאָר האָט ער פֿאַר־ערט זײַן אוניפֿאָרם, און נאַפּאָלעאָן איז געווען פֿאַר אים אַ מוסטער. דרײַפֿוס האָט ניט דערמאָנט אין זײַנע בריוו צו לוסי. אַז ער לײַדט מחמת זײַן ייִדישקײַט. לייענענדיק די צײַטונגען, אַז ער איז אַ ייִדישער פֿאַר־רעטער, און אַ טויט די ייִדן, האָט ער ניט געגלויבט אַז ער ווערט פֿאַר־דאַמט ווי אַ ייִד. מעגלעך, ווען ער אַליין איז ניט דרײַפֿוס וואָלט ער געווען אַן אַנטי־דרײַפֿוסאַרד.

דרײַפֿוס איז אַ קינד פֿון דער אַסימילאַציע, אַ מענטש פֿון „משה'ס גלויבן", אַ טיפּ פֿון אַן ערלעכן קאַריעריסט און איבערגעגעבענעם משפּחה־מאַן.

ברעדין דערמאָנט דעם אײַנפֿלוס פֿון דעם דרײַפֿוס־פּראָצעס אויף ד״ר הערצל. דער ציוניזם האָט אָבער געהאַט אַ קליינעם עפֿעקט אויף די אַסימי־לירטע ייִדן. באַראָן עדמונד ראָטשילד האָט געהאַלטן הערצלען פֿאַר אַ טרוימער. ער האָט געגלויבט, אַז דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט וועט לייזן די ייִדן־פֿראַגע דורך אַסימילאַציע. אַנדערש האָט זיך באַצויגן בער־נאַרד לאַזאַר צו דער נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע פֿון ציוניזם. ער האָט אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „ציון". אַ צווייטער ייִד, זשאַק באַהאַס, האָט אַרויסגעגעבן אַ ציוניסטישע צײַטונג „לאַ פֿלאַמבאַ". ביידע האָבן אויסגע־דריקט פֿאַראַכטונג צו די אַסימילירטע ייִדן. בערנאַרד לאַזאַר האָט גע־שריבן צו זשאָזעף ריינאַך, אַן אַסימילירטער ייִד: „מיר אַלע ווערן אַטאַ־קירט, ווי ייִדן, ניט נאָר דרײַפֿוס".

דער דרײַפֿוס־בלבול האָט איבערגעלאָזט טיפֿע שפּורן אין פֿראַנקרײַך און אין דער ייִדישער געשיכטע. נאָכן אומגליק איז געקומען אַ רעהאַבילי־טירונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ קורצע צײַט. דער אַנטיסעמיטיזם איז ביז הײַנט נאָך אַלץ נישט געוואָרן אויסגעהיילט, נישט אין פֿראַנקרײַך און נישט אין דער וועלט.

דאָס בוכנוואַלד־ליד

דער מחבר פֿון בוכנוואַלד־ליד, פֿריץ לוינער בעדאַ איז געווען אַ באַקאַנטער ליברעטיסט און סאַטיריקער אין פֿאַר־מלחמהדיקן ווין. אין זײַנע שריפֿטן האָט ער אָפּגעלאַכט פֿון די אַסימילירטע זעלבסטהאַסערישע ייִדן. נאָך פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער אַרויסגעגעבן צוויי ביכער: געשמדטע און נײַ־געשמדטע, 1908 און איזראַעליטן און אַנטיסעמיטן, 1909. זײַנע סאַטירן, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין ציוניסטישע זשורנאַלן, האָבן אָפֿט אַרויסגערופֿן סקאַנדאַלן און זיי האָבן זיך פֿאַרשפּרייט ווי וויצן. ער איז געווען אַקטיוו אין דעם סטודענטן־קלוב „קדימה" און אין באַרימטן ספּאָרט־קלוב „הכּוח". אין 1920 האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בוך לירישע פּאָעמעס Ecce Ego, וואָס האָבן געמאַכט אַ רושם. אָבער דער עיקר איז ער באַקאַנט געווען ווי אַ ליריציסט־קאָמפּאָזיטאָר פֿון לײַכטן זשאַנער. ער האָט געשריבן די ליריקס פֿאַרן באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר פֿראַנץ לעהאַר און אויך פֿאַר פּאָול אַבראַמס „דער באַל אין סאַוואָי", אין 1932. די לידער פֿון לוינער בעדאַ און זײַנע אייגענע מעלאָדיעס זײַנען געזונגען געוואָרן אין טעאַ־טערס, אין ווינער נאַכט־לאָקאַלן און טאַנץ־סאַלאָנען.

ווען די היטלעריסטן האָבן אַנעקסירט עסטרײַך און די ס.ס. האָבן אָנגעהויבן זייער טעראָר־וואַקכאַנאַליע קעגן ייִדן און לינקע פּאַרטייען, האָבן זיי פֿאַרשיקט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן די פּאָליטישע פֿירער און אַקטיווע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, קאָמוניסטן, סתּם־פּאַציפֿיסטן, ליבעראַלע שרײַבער און אויפֿן ערשטן אָרט — ייִדן. צווישן די באַקאַנטע ייִדישע נעמען איז געווען דער פּאָפּולערער לוינער בעדאַ, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען פֿינף און פֿופֿציק יאָר. ער איז אין 1938 פֿאַרשיקט געוואָרן אין בוכנוואַלד לאַגער. בוכנוואַלד, וואָס געפֿינט זיך בײַ ווײמאַר, האָבן די נאַציס אָרגאַניזירט נאָך אין 1937, מיטן ציל זיך אָפּצורעכענען מיט די פּאָליטישע קעגנערס פֿון היטלערן, מכּלומרשט איבערדערציִען די אַרישע דעליקווענטן, און דורך פּײַניקונג, שווערער סיזיף־אַרבעט און דיס־ציפּלין זיי מאַכן פֿאַר געהאָרכזאַמע פּאַטריאָטן.

דאָס האָט ניט געהאַט קיין שייכות צו די ייִדישע לאַגערניקעס. אין אוישוויץ איז געווען די באַוווּסטע שריפֿט אויפֿן טויער פֿון טויטן־לאַגער

„אַרבייט מאַכט פֿרײַ״, אַנדערש איז דאָס געווען אין בוכנוואַלד. פֿאַר די דײַטשן, עסטרײַכער, פֿאָלקס־דויטשן פֿון אײַנגענומענע געביטן האָט געגאָלטן דער סלאָגאַן: „עס גיבט איין וועג צור פֿרײַהײַט״. ערשטנס, פֿאָדערט זיך אַבסאָלוטע געהאָרכזאַמקײַט, צווייטנס — אַרבעט, שווערע פּראַצע, און דריטנס — ליבע צום פֿאָטערלאַנד. דער ייִדישער גורל איז שוין דעמאָלט געווען פֿאַרחתמעט אין פּלאַן פֿון עקסטערמינאַציע.

פֿאַר די געפּײַניקטע העפֿטלינגע אין לאַגער איז געוואָרן וואָס אַ מאָל קלאָרער, אַז די שיקאַנעס און טאָרטורן, דאָס שלאָגן און הרגענען, דער הונגער און דערנידעריקונג וועט קיינעם קיינמאָל ניט עפֿענען דאָס טויער צו דער פֿרײַהײַט. אין לאַגער זײַנען שוין געווען טויזנטער ייִדן פֿון ווין. די קריסטאַלנאַכט האָט נאָך צוגעבראַכט צען טויזנט נײַע ייִדן.

פֿון סעפּטעמבער 1939 האָט בוכנוואַלד אָנגעהויבן ווערן אַן אָפֿענער מאָרד־לאַגער פֿאַר ייִדן. אין די ערשטע וואָכן, ווען די דײַטשן זײַנען אַרײַן קיין פּוילן, האָט די פּוילישע פּאָליציי צוגעשטעלט אינפֿאָרמאַציע פֿון געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, און פֿון די וואָס זײַנען געווען אין קאַרטוז־בערעזע, מערסטנס ייִדן, און אויף וועמען נאָר ס׳איז געפֿאַלן דער מינדסטער חשד, איז באַלד געוואָרן אַרעסטירט. אַזוי, איז מײַנער אַ יוגנט־פֿרײַנט פֿון אונדזער שטאָט געווען פֿון די ערשטע פֿאַרשיקט צו ווערן קיין בוכנוואַלד. אויף אַ באַזוך אין ניו־יאָרק האָט ער מיר איבערגעגעבן וועגן זײַן באַקאַנטשאַפֿט מיט לוינער בעדאַ, דעם „טראַגישן תושב״ פֿון בוכנ־וואַלד. אין 1940, ווען מײַן פֿרײַנט איז אָנגעקומען אין לאַגער, איז לוינער, ווי זיי האָבן אים גערופֿן, געווען שרעקלעך אויסגעצערט; אַ הויכער, דאַרער פֿאַרהונגערטער און פֿאַרפּײַניקטער סקעלעט, וואָס האָט געחלומט פֿון אַ שטיקל ברויט. ער האָט זיך אָנפֿאַרטרויט פֿאַר די חברים, אַז ער האָט זײַן גאַנץ לעבן באַזונגען פּוסטע ענינים, ווי ליבע, מיידלעך, ווײַן, טאַנץ און יוגנט־פֿרייד. „ווען מיר אַלע וועלן באַפֿרײַט ווערן, גיב איך אַ שבועה, אַז אַלע מײַנע לידער וועל איך ווידמען דער הייליקײַט פֿון אַ שטיקל ברויט. ברויט איז הערלעך, ברויט איבער אַלעס״. ער האָט צוגעצויגן פֿרײַנט מיט זײַנע בליציקע חכמות און ביטערן הומאָר. ער האָט אָפֿט געזונגען יענע באַרימט־געוואָרענע ווינער לידער, זײַנע קאָמפּאָזיציעס, און פֿאַרפֿאַסט נײַע לידער פֿון פֿרײַהײַט און ליבע. אַלע האָבן באַוווּנדערט זײַן קלאָמערן זיך אין לעבן, זײַן ווילן איבערצוטראָגן.

ווי אַלע בוכנוואַלדער „מוזולמענער״, האָט ער אויסגעזען ווי אַ לעבע־

דיקער מת. כאָטש ער איז געווען קראַנק, האָט ער זיך יעדן טאָג מיטגע־שלעפּט צום אַפּעל, צו דער אַרבעט. זיי האָבן מאַרשירט, באַגלייט דורך רישעותדיקע זידלערײַען, קלעפּ פֿון זשאַנדאַרן און קאַפּאָס. די לאַגער־ניקעס האָבן געמוזט האַלטן דעם גלײַכן שריט, ווי סאָלדאַטן, און זינגען דעם גאַנצן וועג. זיי האָבן געזונגען און די קאַפּאָס האָבן געשלאָגן איבער די קעפּ. די זשאַנדאַרן, מיט ביקסן אָנגעצילטע, האָבן געריטשעט זיי זאָלן זינגען שטאַרקער, העכער: פּרעססע אויף! לאַוטער, לאַוטער, איר שווײַנע־הונדע, יודנשייסע. און מיט די זעלבע זידלערײַען האָבן זיי מאַרשירנדיק געזונגען אויפֿן וועג צוריק פֿון דער אַרבעט אַהיים אין באַראַק.

און טאַקע וועגן דעם מאַרש־ליד, וואָס איז באַקאַנט געווען ווי דאָס בוכנוואַלד־ליד, ווילן מיר דערציילן. ווי מאָדנע און אומגלויבלעך דאָס קען קלינגען, איז אָבער אַ פֿאַקט, אַז דאָס ליד האָט צוגעגעבן מוט און האָפֿע־נונג און ווילן צום לעבן. אַ ליד פֿון גלויבן און אויסדויער, עקשנות געמישט מיט זאָרג, אומזיכערקײַט און טרויער. דאָס ליד איז מכלומרשט פֿאַרפֿאַסט געוואָרן פֿון אַ דײַטשן קאַפּאָ, נאָר די פֿרײַנט אין באַראַק האָבן געוואוסט אַז דער מחבר, סײַ פֿון די ווערטער, סײַ פֿון דער מוזיק איז פֿריץ לוינער בעדאַ.

אין 1938 האָט דער בוכנוואַלדער לאַגער־פֿירער, האָופּטמאַן קאַרל קאָך, אַרויסגעגעבן אַ פֿאַראָרדענונג צו די אַרעסטירטע, אַז אויפֿן וועג צו דער אַרבעט מוז ווערן געזונגען אַ מאַרש־ליד, וואָס די אַרעסטירטע זאָלן עס אַליין פֿאַרפֿאַסן. צו דעם צוועק איז געוואָרן אויסגערופֿן אַ קאָנקורס פֿאַרן בעסטן מאַרש־ליד, צוגעפּאַסט פֿאַר די אַרעסטאַנטן. ס'איז אָבער געוואָרן אונטערגעשטראָכן, אַז קיין ייִד האָט ניט קיין רעכט אָנטייל־צונעמען. דאָס ליד דאַרף געשאַפֿן ווערן פֿון אַ ריינעם אַריער, אַ דײַטש. לוינער בעדאַ האָט אונטער אַ דײַטש־פֿאַרשטעלטן נאָמען אָנטיילגענומען, און זײַן ליד האָט געוווּנען דעם קאָנקורס.

מײַן פֿרײַנט האָט מיר איבערגעגעבן דעם טעקסט אין דײַטשן אָרי־גינאַל מיט די נאָטן און איך האָב כמעט אָן ענדערונגען פֿון די פֿערזן איבערגעזעצט דאָס ליד אויף ייִדיש:

דאָס בוכנוואַלד ליד

ווען דער טאָג דערוואַכט, אײדער די זון נאָך לאַכט,
די קאָלאָנען ציען צו טעגלעכער מי

אַרײַן אין דעם גרויסן פֿרימאָרגן:
און דער וואַלד איז שוואַרץ, און דער הימל רויט,
און אין ברויט־זאַק מיר טראָגן אַ שטיקל ברויט,
און אין האַרצן, אין האַרצן די זאָרגן.

אוי, בוכנוואַלד, איך קען דיך ניט פֿאַרגעסן,
ווײַל מײַן שיקזאַל דו ביסט,
ווער דיך פֿאַרלאָזן וועט, דער וועט פֿאַרשטיין דאָס בעסער,
ווי שיין, ווי וואונדערלעך די פֿרײַהײַט איז.

דאָך, בוכנוואַלד, מיר יאָמערן ניט און קלאָגן
און וואָס אונדזער צוקונפֿט זאָל ניט זײַן,
מיר וועלן יאָ צום לעבן זאָגן,
ווײַל קומען וועט דער טאָג, מיר וועלן ווערן פֿרײַ.
און דאָס בלוט איז הייס און דאָס מיידל — ווײַט,
און דער ווינט זינגט טריב אַז איך האָב זי ליב,
אויב זי איז געטרײַ נאָך געבליבן:
די שטיינער זײַנען האַרט, אָבער פֿעסט אונדזער טריט,
און מיר טראָגן דעם רידל און שפּיצהאַק מיט,
און אין האַרצן, אין האַרצן — די ליבע.

אוי, בוכנוואַלד...

און די נאַכט איז קורץ און דער טאָג איז לאַנג,
און אַ ליד אונדז קלינגט, וואָס די „הײַמאַט" זינגט:
אונדזער מוט מיר לאָזן זיך ניט רויבן!
האַלט דעם טריט, חבֿר מײַן, און פֿאַרליר ניט דעם מוט,
ווײַל מיר האָבן דעם ווילן צו לעבן אין בלוט
און אין האַרצן, אין האַרצן דעם גלויבן.

אוי, בוכנוואַלד...

איך גיב איבער אין אָריגינאַל צו דער רעדאַקציע פֿון דער „צוקונפֿט" דאָס בוכנוואַלד־ליד מיט נאָטן. (העפֿטלינגסליד אויס דעם קאָנצענטראַציאָנסלאַגער — בוכענוואַלד). די מעלאָדיע — אַ האָפֿערדיקע, אין דײַטש־מיליטערישן ריטעם און זעלנערישן בענקען נאָכן מיידל, האָט

מסתמא אימפּאָנירט דעם הויפּטמאַן און לאַגערפֿירער, און טראָץ דעם „יאָ צום לעבן זאָגן" און „קיינער וועט אונדזער מוט ניט צורויבן" האָט דאָס ליד געוווּנען דעם קאָנקורס. דער כמעט־אויסגייענדיקער ייִד האָט איבער־געקליגט דעם טעמפּן, ברוטאַלן דײַטשן רוצח.

לוינער בעדאַ, דער באַהעם פֿון ווין, טאַלאַנטפֿולער פּאָעט און מוזיקער, וואָס האָט עקשנותדיק געטראָגן אין האַרצן דעם גלויבן און נצחון, וואָס איז געווען שטאַרקער פֿון דער זאָרג, האָט זײַן באַליבטע פֿרײַ־הײַט ניט דערלעבט.

אין 1944, ווען טויזנטער ייִדישע לאַגערניקעס זײַנען טראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ, איז דער 60־יאָריקער לוינער בעדאַ צווישן זיי שוין ניט געווען. אַ פֿאַרפֿײַניקטער און קראַנקער איז ער פֿריער נאָך אויסגע־גאַנגען פֿון הונגער. דער מאַרטירער, פֿריץ לוינער בעדאַ, לאָמיר זײַן נאָמען געדענקען.

אַ שטאָט אין פּוילן

אין סוף יאָר 1988 האָט די טשענסטאָכאָווער סאָסײַעטי אין ניו־יאָרק געפּײַערט דעם הונדערט יאָריקן יובל פֿון איר עקזיסטענץ. 100 יאָר איז טאָקע נישט קיין קלייניקײַט, אָבער דער אמתער וווּנדער איז וואָס איבער נײַנציק פּראָצענט מיטגלידער און אָנטיילנעמער אינעם דערהויבענעם יום־טוב זײַנען געווען די געראַטעוועטע פֿון חורבן, די רעשטלעך לעבן־געבליבענע פֿון טשענסטאָכאָווער ייִדנטום, וואָס האַלטן זיך נאָך צוזאַמען און אָפּט, אין דער אײגענער היימישקײַט, וועקן זיך אויף זכרונות פֿון די קינדער און ייִנגל־יאָרן פֿון פֿאַרן חורבן ביז די גרויליקע טעג פֿון נאַצישן גיהנום און אומברענג פֿון דער טשענסטאָכאָווער קהילה.

טשענסטאָכאָוו איז געווען דאָס האַרץ פֿון קאַטוילישן פּוילן. דער קלויסטער אויף דער יאַסנאַ גוראַ מיטן בילד פֿון דער „מאַטקע באָסקע״ איז געווען אַ רעליקוויע און אַ קוואַל פֿון בטחון פֿאַרן פּוילישן נאַציאָנאַליזם. מיט די עולי־רגל פֿון דערפֿער און שטעט האָבן זיך סאָלידאַריזירט די אינטעליגענץ, די שרײַבערישע עליטע, די רעכטע רעאַקציאָנערן און די סאָציאַליסטן. סטאַניסלאַוו בזשאָזאָווסקי דער מחבר פֿון „די פֿלאַמען״ אַ ווערק וואָס האָט אַפּאָטעיִזירט די באַוועגונג פֿון דער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ, האָט סימפּאַטיזירט מיט דער טשענסטאָכאָווער אָריענטאַציע. מיצקעוויטש דערמאָנט אין פּאַן טאַדעוש „הייליקע מאַמע וואָס אַ ליכטיקע באַשיצסטו טשענסטאָכאָוו״. וועגן דער יאַסנאַ גוראַ האָבן געשריבן פּאָעטן, נאָוועליסטן ווי שענקעוויטש, ריימאָנט, קאָנאָפּניצקאַ און אַנדערע.

טשענסטאָכאָוו האָט זיך אַנטוויקלט פֿון אַ קליין שטעטעלע טשענס־טאָכוווקאַ אַ דאַנק דעם פּאָולינער מאָנאַסטיר פֿון 12טן יאָרהונדערט וואָס דאָרט האָט זיך געפֿונען די פֿאַרהייליקטע שוואַרצע מאַדאָנע מיטן קינד, אַ בילד וואָס איז געווען פֿאַרשלײַערט מיט מיסטיק און לעגענדעס. דער אַרויפֿגאַנג צו דעם קלויסטער האָט דערמאָנט אין דער וויאַ דאָלאָראָסאַ. דער קלויסטער האָט זיך באַרימט געמאַכט ווי אַ פֿעסטונג און זיג קעגן די שוועדן אין 1655 און אין 1910 פֿון דעם גלח מאַצאָך־פּראָצעס, וואָס איז געווען אַ מיאסע אַנטוישונג פֿאַר די גלויביקע פּאַטריאָטן. ווען אַ פּויליש ייִנגל האָט געזידלט אַ ייִדיש קינד מיטן צונאָמען „ביילים״ האָט אים דאָס קינד אָפּגעענטפֿערט „ביילים זשיע — מאַצאָך גניע״ (ביילים לעבט און מאַצאָך פֿוילט).

פוילן איז געוואָרן צעטיילט און טשענסטאָכאָוו איז פֿאַרנומען געוואָרן פֿון די רוסן, דײַטשן, עסטרײַכער און פֿון 1806 ביז 1813 איז די שטאָט געווען אַ טייל פֿון וואַרשעווער פֿירשטנטום. נאָכן זיג איבער נאַפּאָלעאָנס אַרמיי האָבן די רוסן ווידער אײַנגענומען די שטאָט און געהערשט ביז 1914. ווען פוילן איז געוואָרן אומאָפּהענגיק האָט די טשענסטאָכאָווער באַפֿעלקערונג געציילט 85 טויזנט מענטשן — 60 פּראָצענט פּאָליאַקן און 40 פּראָצענט ייִדן.

2.

דאָס פֿאַרבינדן די אַנטוויקלונג פֿון טשענסטאָכאָווער ייִדנטום מיט די פֿראַנקיסטן איז סָפֿקדיק. דער משומד יעקב פֿראַנק וואָס איז געווען פֿאַרשפּאַרט אין קלויסטער האָט באַאײַנפֿלוסט זײַנע אָנהענגער זיך צו באַזעצן אין טשענסטאָכאָוו, אָבער זיי האָבן נישט געשפּילט קיין שום ראָליע אין אויפֿקום פֿון ייִדישן יישוב. ווי ס׳גיט איבער דער היסטאָריקער שאַצקי האָבן שוין ייִדן דאָרט געוווינט אין צווייטן העלפֿט פֿון 18טן יאָרהונדערט.

דאָס ייִדישע טשענסטאָכאָוו האָט זיך אָנגעהויבן בויען לעבן דער וואַרטע. אַהין האָבן זיך די ערשטע פּיאָנערן געצויגן פֿון די אַרומיקע קליינע שטעטלעך צוליב פּרנסה און די מאַכט האָט זיי דערלויבט וווינען אין ענגע געטאָ־רעווירן, אָן בירגער־רעכט און ווי אַ טייל פֿון דער יאַניוווער קהילה. 1862 זײַנען די רעווירן געוואָרן אָפּגעשאַפֿט. טשענסטאָכאָוו איז געוואָרן אַ באַזונדערע קהילה מיט אייגענע שילן, אַ בית־עולם און אַלערליי צדקה־אינסטיטוציעס.

ייִדן האָבן געבויט טשענסטאָכאָוו מיט גרויסשטאָטישער וויזיע און פֿאַרנעם: זיי האָבן אַנטוויקלט אַן אינדוסטריע פֿון אײַזן און מאַנופֿאַקטור, אַ קאַפּעלושאַרניע, אַ פּאַפּיערניע, צעלולויד־פֿאַבריקן, שפּילצײַג, וועש און אַנדערע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן באַשעפֿטיקט טויזנטער פּאָליאַקן און ווייניק ייִדן... ייִדישע בעל־מלאכות האָבן זיך געראַנגלט פֿאַר זייער רעכט צו אַרבעטן און די רײַכע אַסימילאַטאָרן — פֿאַר זייער בירגער־רעכט און דערלויבעניש צו וווינען אין דער פּוילישער געגנט. צו דעם האָבן זוכה געווען די משפּחות לאַנדוי, בערגמאַן, קאָן, וואַלבערג א.אַ. די משׂכּילים, „אויפֿגעקלערטע״, האָבן זיך פּאָליניזירט, דערצויגן קינדער אין פּוילישן גײַסט, אָנטייל גענומען אין יאַנואַר־אויפֿשטאַנד 1863 און דאָך נישט געווען געוווּנטשן אין דער פּוילישער געזעלשאַפֿט.

ס׳זײַנען אָבער אויך געווען ייִדיש־נאַציאָנאַלע שטימונגען צווישן די משׂכּילים. אין 1860 האָט נײַפֿעלד אַ לערער פֿון פּראַשקי אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „יוטזשענקאַ״ ווי דער פֿאָלקלאָריסט דאַנקעוויטש (פֿון טשענס־טאָכאָוו) האָט אָפּט זיך געדרוקט און אונטערן אײַנפֿלוס פֿון משה העס דערקלערט אַז ייִדן זײַנען אַ נאַציע. ער האָט געזאַמלט שפּריכווערטער און געהאַלטן אַז פֿאָלקס ווערטלעך און מסורות שטעלן מיט זיך פֿאָר די פֿאָלקס־פֿילאָזאָפֿיע.

הגם די ייִדישע געגנט האָט זיך צעצווײַגט אין צענדליקער גאַסן אַרויף צו די אַלייען זײַנען די פֿאָלקסמאַסן סײַווי געבליבן וווינען אין די פֿריערדיקע געטאָ־רעווירן, די „געצעוויזנע״, דער צענטער פֿון אָרעמקײַט, אַרבעטער און מיטלקלאַס. דאָס האַרץ פֿון ייִדיש־לשון און ייִדישע זמירות. דאָ האָט אַסימילאַציע נישט געהאַט די מינדסטע שליטה. מיטן עקאָנאָמישן וווקס און גערעגל פֿאַר אַ בעסערע עקזיסטענץ האָט זיך די מאַפּע פֿון ייִדישן טשענסטאָכאָוו אויסגעברייטערט, פֿון אַלטן און נײַעם מאַרק ביז דער צווייטער אַליי, מיט ביימער און בענק צו זיצן, מיט שיינע געשעפֿטן, קינאָס, קאַוויאַרניעס און רעסטאָראַנען. מאַרקשטײַערס האָבן אויסגע־זונגען זייערע סחורות, רופֿערס האָבן געברענגט קונים אין די קלייטן, און גויים האָבן זיך דערקוויקט אין די שענקען. די לאַנגע הייף פֿון די קאַמע־ניצעס זײַנען געווען רוישיק פֿון שפּילנדיקע קינדער, וואַרשטאַטן, פֿאַבריק־לעך, חדרים און חסידים־שטיבלעך. ווי אין אַנדערע גרויסע שטעט האָט טשענסטאָכאָוו געהאַט אַ געמינע מיט דערוויילטע דאַזערס וואָס האָבן אָנגעפֿירט מיטן קהילה לעבן, בראש מיט הרב ר׳ נחום אַש. איך געדענק די רבישע הייף און אָרעמען ר׳ אביגדורל וואָס איז געווען אַן אוראייניקל פֿון ר׳ דודל לעלעווער און דער שווער פֿון סאַטמאַרער. חוץ די אַלטע שיל בײַ דער וואַרטע איז געווען אַ נײַע אַריסטאָקראַטישע שיל, פֿון די שענסטע אין פּוילן. אַ פּוילישע פֿאָן מיטן ווײַסן אָדלער פֿון נאַפּאָלעאָנס צײַטן האָט באַצירט דעם אָרון קודש ווי אַ פּרוכת.

אין טשענסטאָכאָוו זײַנען געווען 2 ייִדישע געמינאַזיעס, אַ צאָל פֿאָלקסשולן אַ האַנדווערקער שול, די י.ל. פּרץ־שול, אַ ייִדיש שפּיטאָל, אַ גערטנער שול (די חלוצישע פֿערמע) און אַלערליי אינסטיטוציעס געשטיצט פֿון אָרטיקע פֿילאַנטראָפּן, וואָס דער באַליבסטער פֿון זיי איז געווען העניק מאַרקוספֿעלד.

די פּאַרטיי־לאָקאַלן זײַנען געווען אָנגעפֿילט מיט אַקטיוו־אידעאָ־

ליסטישע יוגנטלעכע פֿון פּועלי ציון, בונד, לינקע, חלוצים; אַלע האָבן זיי געגלויבט אין ייִדיש מענטשלעכן חלום.

.3

איך געדענק די מצבה פֿון מײַן עלטער־זיידן אין סאַמע פֿראָנט פֿון בית־עולם לעבן די קדושים פֿון פּאָגראָם 1919. ווען מײַן טאַטער האָט באַזוכט פּוילן האָט זי אין טשענסטאָכאָווע די מצבה נישט געפֿונען. די מצבות זײַנען געוואָרן צעראַבירט, דער בית־עולם — געשענדעט.

אונדזער שטאָט איז געווען דורכגעפּרעסן פֿון אַנטיסעמיטיזם. איך געדענק די האַלערטשיקעס, די ראַבונקעס און פּאָגראָמען. ווען אַ ייִדיש קינד האָט זיך פֿאַרבענקט צום גרינס אויסער דער שטאָט איז ער באַהאָגלט געוואָרן מיט שטיינער. האָבן מיר זיך געטוליעט אין אונדזערע אייגענע געסלעך און סביבות.

מײַן זכּרון פֿירט מיך צוריק צו מײַנע חדר־יאָרן ווען מיר האָבן געוווינט אויף דער וואַרשעווער גאַס. מײַנע מאָדערנע עלטערן האָבן געפּועלט בײַם רבין ער זאָל מיך באַפֿרײַען אַ פּאָר שעה אַ וואָך אויף גימנאַסטיק, אין ספּאָרט און טורן פֿאַריין.

אין צווייטן קלאַס גימנאַזיע האָט מיט מיר זיך אינטערעסירט פּראָ־פֿעסאָר ווילנבערג, דער קונסט־לערער. דער העברעיִשער לערער יאַנאָווסקי האָט מיך, אַ 12 יאָריקן בחור, רעקאָמענדירט פֿאַר אַ קבוצה אין השומר הצעיר וואָס איז געוואָרן מײַן גײַסטיקע היים ביזן מיליטער־דינסט. מיר האָבן זיך געלערנט, געווען פֿאַרקאָכט אין ביכער, אין דער ייִדישער, העברעיִשער און וועלט־ליטעראַטור; געגאַנגען הערן רעפֿעראַטן פֿון באַ־רימטע שרײַבער און פּאַרטיי־רעדנער: ד״ר קרוק, זרבבל, פּאַט, באַלאַבאַן און פֿיל אַנדערע.

אין די טעאַטער זאַלן האָבן געשפּילט אַלערליי טרופּעס. אין טשענס־טאָכאָווע האָבן גאַסטראָלירט די ווילנער און אויפֿגעפֿירט דעם גולם. ווי אין פֿיל שטעט זײַנען געווען אַמאַטאָרן־שפּילן, געזאַנג־כאָרן, אָרקעסטער־קאָנ־צערטן, ליטעראַרישע ווינקלען, ספּאָרט פֿאַרמעסטונגען, אייגענע וואָכן־צײַטונגען, ביבליאָטעקן א.אַ.וו.

אין די טשענסטאָכאָווער יזכּור־ביכער ווערט איבערגעגעבן פֿון יחידים וועגן זייערע דערפֿאַרונגען פֿון ייִדישן לעבן ערב־חורבן און די טרויע־ריקע איינצלהײַטן פֿון גרויסן און קליינעם געטאָ, די הריגות, אַקציעס און

וואַגאָנען קיין טרעבלינקע. בלויז אַ קליינע צאָל יונגע טשענסטאָכאָווער ייִדן זײַנען געבליבן אַרבעטן אין האַסאַג־לאַגער און נאָך אַ קלענערע צאָל איז לעבן געבליבן.

ווי קען מען איבערגעבן אונדזערע קינדער וועגן דער רײַכער שטעטל־ציוויליזאַציע, אונדזער ייִדישע וועלט, וואָס די רשעים האָבן חרוב געמאַכט.

אַ ייִדיש־פּרײַנטלעכער פּוילישער שרײַבער האָט אָנגעוויזן אַז ייִדן זײַנען געווען אַ טייל פֿון דער פּוילישער לאַנדשאַפֿט. אין דער פּוילישער ליטעראַטור איז די לאַנדשאַפֿט קוים באַמערקט געוואָרן. אַפֿילו די פּרײַנט־לעכסטע שרײַבער ווי זשעראָמסקי, פּרוס, די גוטהאַרציקע אָזשעשקאָוואַ האָבן באַגערט אונדזער אַסימילאַציע — און נישט באַנומען אַז צוויי קולטורן, שפּראַכן, פֿאָלקלאָרן קענען געדײַען אונטער דעם סלאַווישן הימל.

ערגעץ אויף דער פּוילישער מאַפּע געפֿינט זיך אַ גרויסע שטאָט טשענסטאָכאָוואַ אָבער אונדזער טשענסטאָכאָוו איז אומגעקומען על קידוש השם.

טשענסטאָכאָוו

טשענסטאָכאָוו, די טריבע וויג פֿון מײַנע עלטער זיידעס,
דער מאַיאָווער בעז, צעבאַלעוועטע יאָרן יונגע,
חדר ייִנגלעך האָבן אָדעס דיר געזונגען,
ווי כ'האָב דיך ליב געהאַט די וואָרטע איז מײַן עדות.

פֿון אַלע וואָגל־סטאַנציעס — דיר הייסע בריוו געשריבן
פֿאַר דײַן געזונט געציטערט, קיין בייז אויג זאָל נישט פֿאַרשאַטן,
נאָר ווי אַ פֿאַלשע חברטע האָסטו מיך פֿאַראַטן,
אַ בית עולם פֿון זכרונות איז פֿון דיר געבליבן.

פֿאַרגולמט שטאַרט די פּלומפּ אין פּוסטן אַלטן מאַרק:
אין לבנה־נעכט מיר האָבן אויפֿגעהערט זיך דרייען
געאָרעמטע מיט מיידלעך אויף די יחסנישע אַלייען,
מײַן ליבשאַפֿט וואַלגערט זיך אין דײַן פֿוילן בלעטערוואַרג.

טשענסטאָכאָוו, מײַן גורל נעסט צעפּליקט פֿון שוואַרצע ראָבן
אויפֿן גוטן אָרט ליגט מײַן בענקעניש באַגראָבן.

דער גאָלדענער כּוס

די מעשׂה האָט מען געלייענט אין העברעיִשער איבערזעצונג פּסח־צײַט 1986 אין קול־ישׂראל ראַדיאָ, אין ירושלים.

אין דעם שטעטל יאַנעוו, פּוילן, האָט געוווינט זייער אַ רײַכער ייִד — אָשר אָפּנהיים. דער ייִד האָט געפֿירט גרויסע געשעפֿטן מיטן גראַף פּאָטאָצקי, וואָס זײַנע דערפֿער און וועלדער האָבן זיך געצויגן מײַלן ווײַט. דעם גראַפֿס שלאָס איז געשטאַנען אויף אַ הויכן באַרג, אַרומגערינגלט מיט ווילדע פֿעלדזן. פֿון די פֿעלדזן האָבן געשטראָמט דינע און שטילע ריטשקעס וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אין דער זון ווי גאָלדענע שטראָמען. דערפֿאַר האָט מען דאָס אָרט גערופֿן זלאָטי פּאָלאָק.

דעם גראַפֿס פּויערים האָבן געהאָדעוועט פֿיש אין די רײַכע אָזיערעס. ר׳ אָשר איז געווען דער איינציקער אָפּנעמער פֿון די פֿיש, וואָס זײַנען פֿאַרקױפֿט געוואָרן יעדן פֿרײַטיק און ערב יום־טוב אויף די ייִדישע פֿיש־מאַרקן.

ר׳ אָשר איז געווען אַן ערליכער ייִד, פֿון זײַן גוט־האַרציקײַט האָט מען געהערט איבער גאַנץ קרוין־פּוילן. די ייִדישע פֿישערלײַט פֿון יאַנעוו וואָס האָבן געאַרבעט בײַ ר׳ אָשר׳ן האָבן געהאַט שיין פּרנסה. בעטלער און דאָרפֿסגייער האָבן געוווּסט אַז בײַ ר׳ אָשר׳ן איז אַן אָפֿן הויז. שבת און יום־טוב זײַנען אורחים, אָרעמעלײַט, געזעסן בײַ זײַן גרויסן טיש צוזאַמען מיט זײַן הויזגעזינט. מיט זײַן גוטסקײַט און ליבשאַפֿט צו מענטשן איז אויך געוואַקסן דאָס מזל און זײַן הויז.

איינמאָל, פֿאַר פּסח, ווען ס׳איז שוין געווען שפּעטלעך אין אָוונט, נאָכן אויסרוימען דעם חמץ, איז אַרײַנגעקומען די דינסט און געמאָלדן אַז עפּעס אַ באָרוועסער ייִדישער דאָרפֿסגייער וויל דאָ איבערנעכטיקן אין הויז. אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַ ייִד מיט אַ פֿוטערנעם היטל, און אַ טאָרבע אָנגעהאַנגען אויף אַ גראָבן שטעקן וואָס ער האָט געהאַלטן אויף די פּלייצעס.

זײַן רויטע, געדיכטע באָרד, פּונקט ווי זײַנע קליידער, זײַנען געווען פֿאַרשטויבט פֿון די זאַמדיקע וועגן. דער אומבאַקאַנטער דאָרפֿסגייער איז געווען מיד פֿון וואַנדערן. ער האָט זיך אַרומגעוואַשן, אָפּגעדאַוונט און זיך אַוועקגעזעצט עסן.

ר׳ אָשר האָט פּראָבירט רעדן מיטן אָרעמען ייִד, אים געבעטן בלײַבן אין הויז איבער פּסח. אָבער דער דאָרפֿסגייער האָט אים גאָרניט געענט־

פערט, נאָר געקוקט מיט זײַנע פֿײַערדיקע אויגן און געמורמלט ווי צו זיך אַליין, ווערטער וואָס קיינער האָט סײַווי ניט פֿאַרשטאַנען.

צומאָרגנס, ווען אַלע זײַנען אויפֿגעשטאַנען, האָבן זיי דעם דאָרפֿס־גייער מער ניט געזען, אַפֿילו דער נאַכט־וועכטער האָט ניט באַמערקט ווען ער איז פֿאַרשוווּנדן.

דערווײַל האָט די דינסט דערקענט דעם ייִדס טאָרבע אין אַ ווינקל בײַ דער טיר.

— דער ייִד האָט פֿאַרגעסן מיטצונעמען זײַנע זאַכן — האָט ר׳ אָשר׳ס ווײַב געזאָגט מיט רחמנות און געעפֿנט די טאָרבע, צי עס איז דאָרט ניט פֿאַראַן קיין חמץ.

אַלע זײַנען געבליבן ווי פֿאַר׳כישופֿ׳ט, צווישן די שמאַטעס און אַלטע ספֿרים האָט אַרויסגעשײַנט אַ פּרעכטיקער גאָלדענער כּוס, מיט אָרנאַ־מענטן און אויסגראַווירטע ווערטער: כוס של אליהו.

ר׳ אָשר איז געגאַנגען צום רב פֿון יאַנעוו פֿרעגן וואָס צו טאָן מיט די פֿרעמדע זאַכן. דער רבֿ האָט אים געגעבן אַן עצה, אַז ער זאָל ניצן דעם כּוס בײַם סדר, אָבער ער זאָל אויך גרייט זײַן צו וואַרטן אויפֿן אומבאַקאַנטן דאָרפֿסגייער וואָס וועט אפֿשר קומען צוריק נאָך די זאַכן.

אַ סך יאָרן זײַנען פֿאַרבײַ. יעדן פּסח האָט דער גאָלדענער כּוס באַשײַנט דעם סדר אויפֿן רײַכן פּסח׳דיקן טיש פֿון אָשר אַפּנהיים. יאָר נאָך יאָר האָט מען געוואַרט אויף יענעם פֿרעמדן דאָרפֿסגייער גרייט אָפּצוגעבן דעם כּוס. ער איז אָבער נישט געקומען.

2.

איינמאָל, ווען דער גראַף פּאָטאָצקי איז דורכגעפֿאָרן דורכן שטעטל יאַנעוו, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט בײַ ר׳ אָשר׳ס הויז. ר׳ אָשר און זײַן ווײַב האָבן אים פֿאַרבעטן אין הויז מיט גרויס כּבֿוד און פֿרײַנדשאַפֿט. זיי האָבן גערעדט וועגן זייערע געשעפֿטן, זיך דערציילט מעשׂות און פֿאַרבראַכט ווי אמתע אַלטע פֿרײַנד. דער גראַף האָט נײַגעריק באַטראַכט די גרויסע גמרות און ספֿרים, פֿאַרשידענע ייִדישע אַנטיקן פֿון אַלטע צײַטן, קרישטאָלן, לײַכ־טער, ירושות פֿון דורות וואָס זײַנען געשטאַנען אין אַלמער הינטער גלאָז.

פּלוצעם זײַנען דעם גראַפֿס בליקן געפֿאַלן אויף דעם כוס של אליהו, וואָס האָט אַרויסגעשײַנט פֿון קרעדענץ. זײַן פּנים האָט זיך אין גאַנצן געביטן. ער האָט נערוועז געביסן אַ שפּיץ פֿון זײַנע לאַנגע וואָנצעס און באַפֿוילן:

— ווײַז מיר דעם בעכער!

ר׳ אָשר האָט ניט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס דער גראַף האָט פּלוצעם אָנגעהויבן רעדן מיט אַ בייזן טאָן. ער האָט אים געגעבן צו באַטראַכטן דעם כוס.

דער גראַף איז געווען אַ זאַמלער פֿון אַנטיקן. זײַנע זאַלן זײַנען געווען באַהאָנגען מיט איטאַליענישע אייל־בילדער. שווערדן און סצעפּטערס האָבן באַצירט די ווענט. ער האָט אויך געהאַט אַ קאָלעקציע פֿון גאָלד און זילבער און טײַערע שטיינער. ער האָט גענוי דערקענט דעם גאָלדענעם כוס וואָס איז זינט יאָרן פֿאַרשוווּנדן פֿון זײַן מוזיי אין שלאָס.

— דער בעכער איז דאָך מײַנער — האָט דער גראַף זיך אָנגעצונדן; דער בעכער איז אַ ירושה פֿון מײַנע זיידעס, אַ טראָפּיי פֿון די אַלטע ריטער, די פּאָטאָצקיס, וואָס האָבן געהאַט אַ נאָמען מיט זייער העלדישקייט אין גאַנץ קרוין־פּוילן; טאָ ווי קומט עס אַרײַן אין דײַן הויז?

דער גראַף האָט זיך ניט געלאָזט באַרואיקן. ער האָט ניט געוואָלט גלויבן די מעשה וועגן יענעם ייִדישן דאָרפֿסגייער מיט דער רויטער באָרד, וואָס האָט איבערגעלאָזט דעם בעכער דורך אַ טעות אין ר׳ אָשר׳ס הויז. עס האָט ניט געהאָלפֿן אַפֿילו דאָס שווערן זיך פֿון דער פּוילישער דינסט.

— דער בעכער איז גע׳גנב׳עט געוואָרן פֿון מײַן מוזיי, און דאָס האָט געטאָן דער ייִד, אָשר אָפּנהיים, וואָס איז אַ סך מאָל געווען בײַ מיר אין שלאָס. דער ייִד וואָס איך האָב אים אַזוי געטרויט האָט דעם גאָלדענעם כוס צוגע׳גנב׳עט! — האָט דער גראַף געשריגן.

ר׳ אָשר איז באַלד אַרעסטירט געוואָרן. מען האָט אים געבראַכט אין שלאָס און אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ פֿינצטערן קעלער.

דער גאָלדענער כוס פֿון אליהו האָט ווײַטער באַצירט דעם שיינעם מוזיי פֿון גראַף פּאָטאָצקי, און אַרויסגעשײַנט צווישן די אַנדערע אַנטיקן און טראָפּייען.

.3

אין דעם זעלביקן אָוונט איז דער גראַף אַרויסגעגאַנגען פֿון זײַן שלאָס צווישן די געדיכטע וועלדער. ער האָט געבלאָנדזשעט צווישן די ווילדע היילן און שטילע גאָלדענע שטראָמען. ער איז דורכגעגאַנגען הענגענדיקע בריקן. די פֿלעדערמײַז האָבן אָנגעהויבן פֿליען איבער זײַן קאָפּ. ס׳איז געוואָרן נאַכט.

פּלוצעם איז פֿון דער פֿינצטערניש אַרויסגעקומען אַ שאָטן פֿון אַ

מענטש. דער גראַף איז געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער. דער מענטש האָט אויסגעזען געניי ווי ר׳ אָשר האָט אים געמאָלן. אַ באָרוועסער מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס, אָנגעהאָנגען אויף אַ שטעקן; אַ לאַנגע באָרד און אויגן, וואָס האָבן געפינקלט אין דער נאַכט.

דער גראַף האָט אומרואיק געפרעגט:

— וואָס פאַרשטעלט איר מיר דעם וועג? וואָס ווילט איר פון מיר?

— מײַן כוס — האָט דער שאָטן געענטפערט, און הונדערטער עכאָס האָבן נאָכגעזאָגט: מײַן כוס, מײַן כוס, מײַן כוס...

— אָבער דער כוס איז דאָך מײַנער. אַ ירושה פון מײַנע זיידעס, די העלדישע ריטערס; אַ טראָפּיי, וואָס איז אַ הייליקײַט און אַ כבוד פאַר די פאָטאָצקיס — האָט דער גראַף זיך פאַרענטפערט.

— ניין — האָט געענטפערט דער שאָטן פונעם דאָרפסגייער מיט אַ ציטערדיק קול, — דײַנע זיידעס האָבן דעם גאָלדענעם כוס צוגערויבט בײַ אַ יידישער משפחה. אין אַ סדר־נאַכט זײַנען זיי, שיכּורע, באַפאַלן יידישע הײַזער, פאַגראָמירט און פאַרברענט זייער האָב און גוטס. גע׳הרג׳עט אומ־שולדיקע מענטשן און צוגערויבט זייער גאָלד און זילבער. ניט קיין טראָפּיי איז עס נאָר רויב! רויב, רויב, רויב... האָבן געענטפערט די עכאָס צווישן פעלדזן און היילן. -- גיב אָפּ דעם כוס צו אָשר אָפּנהיים. ער איז דער אמתער יורש פון מײַן כוס — האָט געברומט דאָס קול פון דאָרפסגייער, וואָס האָט זיך דערווײַטערט אין דער טיפקײַט פון וואַלד און פאַמעלעך זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דער נאַכט.

צומאָרגנס האָט מען געפונען דעם גראַף פאָטאָצקי שלאָפן אויף דער ענגענדיקער בריק. די דינערס האָבן אים אַרײַנגעבראַכט אין שלאָס. ס׳האָט לאַנג גענומען ביז דער גראַף איז געקומען צו זיך. ער האָט באַלד געהייסן באַפרײַען דעם ייד און אים אָפּגעבן דעם כוס.

— נעם, אָשר, דעם כוס, ער איז דײַנער, דײַנער; דו ביסט דער איינצי־קער אמתער יורש פון דעם בעכער — האָט ער קוים געשעפּטשעט און גע־בעטן, אַז דער ייד זאָל אים מוחל זײַן.

אין פּוילישן שטעטל יאַנעוו וואָס ליגט בײַ די גאָלדענע שטראָמען ווינען שוין ניט מער קיין יידן. אָבער ערגעץ ווו אין דער וועלט לעבן נאָך די אור־אור־אייניקלעך פון דעם ייד ר׳ אָשר אָפּנהיים און מיט זיי אויך דער גאָלדענער כוס פון אליהו הנביא.

אינהאַלט

פּוילישע ווערבעס

אין ווינט פֿון זכּרון 5
מישנדיק צוריק די בלעטער 6
מײַן יונגער טאַטע 7
ווי לאַנג 7
אין בלויען ווינט 8
מײַן זיידנ'ס פּײַקע 9
נאָקטורן 10
די קלעזמער פֿון וואַלד 10
איך פֿלי איבער דעכער 11
אַ יריד אין הימל 12
ווײַסער חלום־דאָרף 12
מיטן דרימל שטעקן 13
ווי לאַנג וועל איך לויפֿן 14
מיר זײַנען יזכּור ספרים 15

נוסח יידיש

נוסח יידיש 16
אותיות פּורחות 17
סאָנעט פֿון אַ ייִדישן לערער 18
אַ ייִדישע צײַטונג 18
אויף קראָכמאַלנער ייִדיש 19
אונדזער ליד 20
קאַרנעגי האָל 20
די שומרים פֿון מאַמע־לשון 21
פּרצעס מתנה 22
שבט יידיש 23
מיט פֿאַרליבטע בליקן 24
וויליאַמסבורג 24
צעקאָסעטע טרוימען 25

צוריק צו זיך

זינג־פֿייגל אַנטלויפֿן 26
איך שאַר זיך צוריק 27
כ'בין אַלץ נאָך דאָ 28
לאָמיר זיי פֿאַרגינען 29
ערב־מבולדיקער שבט 30
אַלבאַטראָס 31
אַ פּינטעלע טוי 31
מיטן קאָפּ קאַפּויער 32
טויבע שטיינער 32
אפֿשר־גאָר 33
מאַנהעטן 34
דער הימל בלוטיקט אויף די צווײַגן 35
אַנטפּלעק מיר ס'שלווה'דיקע ליכט 35
ווינטן שלאָפֿן ניט 36
צום וואַלדיקן ראַנד 37
לידערנאַכט 37
שווײַגנדיקע הירשן־אויגן 38
ווען ניט 39
צוריק צו זיך 39

אין גאָלדענעם דעמער

הנני 40
ואני תפילתי לך . . . 41
פֿאַר יעדן טאָג 42
תפילה אין גאָלדענעם דעמער 42
ביימער פֿלאַקערן 43
נעילה 44
וואָס די לבנה דערציילט 45
ווען די פֿייגל וועלן אויפֿהערן זינגען 46
מן המצר 47
אויפֿן בערגל פֿון חוני המעגל 48
מיך שרעקט 48
לאָז מיך ניט דער לעצטער זײַן 49
עד עלות השחר 50

לאַבירינטן

עפֿן מיר דײַן שטיין 51
מידבר אַריזאָנאָ 52
פֿון ליים און כאַאָס 52
יהי אור 53
אויף אירע ווייכע הענט 54
זי וואַרט 54
אין צענטראַל־פּאַרק 55
שומר פֿון טונקעלן וואַלד 55

גאָטס לידער 56
בלעטער־געזאַנג 56
דער חלום פֿון אַ בוים 57
תפילה זכה 57
פֿאַרשפּעטיקטער פֿרילינג 58
היל מיך אײַן, וואַלד 59

צוויבערפֿלייט

בבֿל־טורעם 60
בלאָנדע שלומית 60
צוויבערפֿלייט 61
בראשית־ליד 62
יונה הנביא 63
יובל 64
די ברכות פֿון בלינדן 64
אלישע 65
דניאל 66

קלעזמער אין ירושלים

ירושלים 67
צפֿת 68
קלעזמער 69
הר מנוחות 70
אין גן פֿון הר ציון 71
גלבוע 72
דער באַרג־שומר 73
אין 40סטן יובל 74

אין יידישן מוזיי

שאַגאַל אין וויטעבסק 75
שטיל־לעבן 76
סקולפּטור אין באָטאַניק־פּאַרק 76
אין ייִדישן מוזיי 77
די אַלטע שריפֿט 78
שיילאָק 79
יוליאַן טובים 80
וועסעליע 81
טאַטראַ־בערג 82
זכרונות וועלקן נישט 82
ווען צײַט איז אָפּגעווישט 83

עסייען

אַ שטאָט אין אייראָפּע 85
די סימבאָלישע דראַמעס פֿון י. ל. פּרץ 97
אורי צבי גרינבערג 106
פֿרויד־מאָטיוון אין דער ייִדישער ליטעראַטור 116
גאולה־מאָטיוון אין לייוויקס דראַמעס 126
אַ נײַ ווערק וועגן דעם דרײַפֿוס־בלבול 135
דאָס בוכנוואַלד־ליד 146
אַ שטאָט אין פּוילן 151
דער גאָלדענער כּוס 156

ביכער פֿון מחבר

אין אַלע פֿאַרבן

אַ פּאַסטעך אין דער פֿרעמד

אין ווינט פֿון זכרון